STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06892

DER LIEVER REBE

Michl Davidsohn

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מיכל דאווידזאן

דער ליעווער רבי

היסטארישע דראמע
אין פיר אקטען

פארלאג ל. מ. שטיין
שיקאגא

געזעצט און געדרוקט אין דער דרוקעריי פון דער
„פּיוערסייד פּרינטינג קאָ.“ אין דעם יאָר ניינצן
הונדערט דרייסיק פינף. ש י ק אַ ג אָ, תרצ"ה.

COPYRIGHT 1934 BY
MICHL DAVIDSOHN, BROOKLYN, N. Y.
PRINTED IN U. S. A.

MICHL DAVIDSOHN—"DER LIEVER
RABBI". L. M. STEIN, PUBLISHER,
CHICAGO, ILL., 1935



באַמערקונג

• די היסטאָרישע פּערזאָן, ר' דוב-בער פרידמאַן (תקע"ז — תרל"ו), איז געווען איינע פון די שטאַרקסטע זיילן פון דער סאַדאַגורער דינאַסטיע.

• זיין פאָטער, ר' ישראל ריזשינער (1797 — 1851), דער גרינדער פון אָט דער באַרימטער מלוכה, איז געווען אן אייניקל פונם מעזשעריטשער מגיד — דער וויכטיקסטער תלמיד און דער ממלא-מקום פונם בעל-שם. די ריזשינער משפחה האָט זיך גערעכנט פאַר אן אָפּשטאַם פון ר' יהודה הנשיא, וועלכער איז געווען אן אייניקל פון דוד המלך.

• דעם ריזשינערס זעקס זין האָבן גע־גרינדעט „הויפן" אין — סאַדאַגורע, טשאָרטקאָוו, הוסיאַטין, סטעפּאַנעשטי, באָהוש און ליעאָווא. זיי האָבן געהערשט איבער אומצאָליקע חסידים און „געלעבט ווי די פּירשטן".

• ליעאָווא, דאָס שטעטל, וואו ר' דוב-בער איז געווען רבי (פון אַרום תר"ך ביז תרכ"ט), ליגט באַם טייך פּרוט, די באַסאַראַבישע גרענעץ און האָט דעמאָלט געהערט צו רומעניע.

• דעם היסטאָרישן מאַטעריאַל וועגן דער טראַגישער פיגור — „דער ליעווער רבי" — האָב איך פריי באַאַרבעט.

מ. ד.

פערזאָנען

דער רבי ר׳ בער —

גערופן „דער ליעווערי״. אין די פערציקער

די רביצן —

שיינדעלע. כמעט אין רבינס עלטער, זעט אָבער אויס אינגער

גבאי —

שמואל

משמש —

אָביש, דעם רבינס „לייבמענטשיי, דער משרת

סופר —

דער קוויטל־שרייבער באם רבין. א דארער, א „צעטראָגענע בריאה״

איציקל —

„סמבטיון״ — א רעדלפירער בא די חסידים

דער רב —

פון ליעווי. א הויכער, באַיאָרנטער איד מיט א ברייטן שטערן און גרויסע, לאנגע־באָברעמטע אויגן

ר׳ דוד׳ל סנידקעווער —

א זקן מופלג, א איד א יחסן

שמערל —

א „קהלישע קליאמקע״

דאָקטאָר אַלבערט —

פון „מענדלסאָנס תלמידים״. א יאָר פערציק

מאיר׳ל רובין —

28 יאָר, העלדיש געבויט, ניימאָדיש געקליידעט. א יונגערמאַן א משכיל, שמט פאר אן „אפיקורס גמורי״

דריי ישישים

דריי זקנים

בטלן

נחמן־צבי חלפן

ישעיה־בער

אַנשיל

מרדכי

יענטא־לאה —

שמערלס ווייב. א אידענע מיט א קוויטש

חיה־ברײנע —

אַן אלמנה, א נגידתטע. א אידענע מיט א גוידער

די אַלטע שרה

ר' אברהם־יעקב —

„דער סאַדיגורער", ר' בערס אַן עלטערער ברודער

שבח —

זיין גבאַי

דאָקטאָר יהודה־ליב רייטמאַן —

אַן אַדוואָקאַט אין טשערנאָוויץ, דער ראש־הקהילה; אַן אויסגע־רופענער משכיל און א „שאַרפער אפיקורס"

איזאָלינאַ —

זיין בת־יחידה. א יאָר זעכצן־זיבעצן

האָרענשטיין —

א שריפטשטעלער. „אַזש דאַר פאַר אפיקורסות".

יושבים. דאָרפסאידן. שטאָט־שמש. שטאָטלייט. שמייסער. ווייבער. קעכין. אינגלעד. שטימען.

די ערשטע דריי אַקטן קומען פאָר אין ליעאָווא (אַ גרענעץ־שטעטל באַם טייך פרוט); דער פערטער אַקט — אין טשערנאָוויץ

צייט — אין די זעכציקער יאָרן

רעכטס און לינקס — פון פובליקום

דער ליעווער רבי

פייער אין נעסט

ערשטער אַקט

די גרויסע עולם־שטוב

די הינטערשטע וואַנט האָט צוויי טירן: די ברייטערע, רעכטס, פירט אין בית־מדרש, די שמאָלערע, לינקס — אין רבינס שטיבל. צוויי גרויסע אַלטמאָדישע העסעס זענען איינגעפּעסטיקט אין די וואַנט־טיילן פוןביידע זייטן בית־מדרש־טיר. זיי זענען פאַרגאָסן מיט חלב פון די ליכט וואָס האָבן נעכטן, פרייטיקצונאַכט, אין זיי אויסגעברענט. אין רעכטן ווינקל שטייט אַ שאַפּקע, אין לינקן — אַ קאַסטן

די רעכטע וואַנט האָט צוויי גרויסע פענצטער, וואָס פירן אין גאָרטן אַריין. בלעטעריקע ביימער קוקן דורך זיי אַריין. נעענטער צום פאָדערגרונט איז אַ גרויסע טיר, וואָס קומט אַרויס צום קאָרעדאָר. נאָך דער טיר — ווידער צוויי גרויסע פענצטער

די לינקע וואַנט: נאָענט צום הינטערגרונט — אַ טיר אין דער רביצנס שטיבל; נאָך פאָרנט — אַ צווייטע טיר אין עסשטוב אַריין

פון מיט סטעליע הענגט אַראָפּ אַ קרישטאָלענער הענגלייכטער מיט אַ לאָמפּ. אַרום די ווענט שטייען לאַנגע בייגק. אינדערמיט — זענען דריי טישן אויסגעשטעלט אין דער פאָרם פון אַ „ח". די טישן זענען פאַרשפּרייט מיט ווייסע טישטוכער. דאָ און דאָרט געפינען זיך טעלער, מעסערס, גאָפּלען, זעלצערלעך און פלעשער; נישטדערטרונקענע ווייןגלעזלעך און שטיקער חלה — שיריים פון דער סעודה

אויבנאָן, אַף אַ פּאָטערשטול, זיצט דער רבי אין
בגדי־שבת. אַרום אַלע טישן זיצן חסידים און
רבנים. איינציקע חסידים, יונגעלייט, שטייען אַף
דער באַנק, הארט בײַ דער וואַנט הינטערן רבינס
פּלייצעס — אָנהאַלטנדיק זיך איינער אָן צווייטן;
אַנדערע האָבן פאַרוואָרפן גאַרטלען אַף האַקנס,
איבער פענצטער און איבער טירן—און האַלטן זיך
צו אָן ביידע עקן גאַרטל, ניט צו פאַלן

ס׳איז סוף שלוש־סעודות. האַלבטונקל. דורך די
פענצטער זעט זיך אָן אַ צעפּלאָמטער האָריזאָנט,
פּורפּור געשטרייפט — פאַר זונאונטערגאַנג; נאָר
אין שטוב שוועבן אַרום שאָטנס
שטיל

דער רבי — אין „מוחין"
דער עולם איז אין אַ פֿאַרגליווערטער פּאָזע —
מיגאַפּט

רבי

(אָנגעשפּאַרט אַף אַן עלנבויגן, די האַנט איבער
די אויגן. ברומט־אונטער פֿאַרדבקהט)

„אדם, פּטדה וברקת"
ווען דאָס האַרץ צעגייט פֿאַר דבקות —
אוי, אוי, אוי!

„לשם שבו, ואחלמה"
בענקט אַזוי די נשמה — —
אוי, אוי, אוי!

(חסידים באַמיען זיך אונטערצוכאַפּן דאָס ניגונדל.
דער רבי אָנדערשט דעם טאָן—מרה־שחורהדיקער)

„אדם, פּטדה וברקת"
ווען דאָס האַרץ פֿאַרגייט אין ספקות —
אוי, אוי, אוי!

„לשם, שבו ואחלמה"
וויינט אַזוי די נשמה — —
אוי, אוי, אוי־י!...

(ווען חסידים פּאַלן ווידער אַריין אינעם ניגון —
האַקט דער רבי איבער מיט אַ קרעכץ. ס׳ווערט
איבערגעריסן זייער ברומען מיטאַמאָל, שפּאַרט דער
רבי אָן דעם שטערן אָן ביידע הענט, פֿאַרחלומט זיך
אַ רגע; גיט דעם רב אַ ריר באַ דער האַנט)

רבי

מ׳האָט אונדז היינט געלייענט „ואתחנן". משה רבינו, עליו
השלום, האָט זיך געבעטן פֿאַר השם יתברך: א ע ב ר ה נ א

ו א ר א ה — לאז מיך, רבונו של עולם, א קוק טאן וואס טוט זיך דארט, פון יענער זייט... ו י ת ע ב ר ד׳ ב י — און גאט־ברוך־הוא האט אף מיר געצירנט, ל מ ע נ כ ם — אייערט־וועגן... ו י א מ ר א ל י — און ר׳האט געזאגט צו מיר: א ל ת ו ס ף ד ב ר... ניין — רעד נישט מער!... נאר דאס הארץ זיינס? וואס האט ער מיט זיין הארץ געטאן?...

(ער פאלט אריין אין עצבות. חסידים — בדחילו ורחימו. אייניקע שטופן זיך נעענטער — די ווער־טער אויפצוכאפן; א טייל, וואס באם אנדערן עק טיש, ציען זיך, איבער יענעמס פלייצעס — אפן טיש ארויף)

רבי

(אין „מוחין״)

דאס הארץ זיינס האט געברומט. ווי א טויב אין זיך געברומט, נאר געשוויגן. — ס׳איז געווען אן „עת לחשות״...

(ער נעמט די באָרד אין האנט אריין, פארקלערט זיך)

(דער רב לאזט אראפ דעם קאפ, קוקט ווי דורך ברילן אריבער צום רבין. גבאי, איציקל קוקן זיך איבער)

רבי

(דערוואכט)

נאר ס׳איז אבער פאראן אן „עת לדבר״ — שווייגן קאן מען נישט, שווייגן טאר מען נישט... (צום עולם) אט האט מען אונדז טאקע ווייטער געלייענט אין דער תורה הקדושה: ו י ד ע ת ה י ו ם ו ה ש ב ו ת א ל ל ב ב ך — קאן מען אזוי זאגן: ו י ד ע ת ה י ו ם — אז ס׳וועט קומען א טאג ו ה ש ב ו ת א ל ל ב ב ך — און וועסט בא זיך אין הארצן א טראכט טאן: כ י ד׳ ה ו א ה א ל ק י ם ב ש מ י ם מ מ ע ל — אז קידשא־בריך־הוא איז אויבן נאר, ו ע ל ה א ר ץ מ ת ח ת א י ן ע ו ד — און דא אונטן, אפן עולם־התחתון, האט די שכינה הקדושה זיך, כביכול, אפ־געטאן... (קרעכצט ארויס) און דער טעם דערפון איז — ווי

פריער שטייט געשריבן: פ ן ת ש ח י ת ו ן ו ע ש י ת ם ל כ ם ס מ ל . . . „תשחיתון" איז די טייטש: איר וועט זיי פארדארבן; ווייל ו ע ש י ת ם ל כ ם — איר וועט אייך מאכן פ ס ל ת מ ו נ ת כ ל ס מ ל — א געשטאלט פון א געצנבילד!! און כידוע, אז א סמ"ך מיט א צדי"ק פארבייטן זיך, איז ס מ ל די אותיות צ ל ם : — בצלם אלקי"ם ברא אותם — הייסט עס: „ועשיתם לכם ס מ ל תבנית זכר ונקבה" — אז איר וועט א מענטשן, דעם תבנית זכר ונקבה, פארגעטערן און אים מאכן פאר א ס מ ל . . . דעמאלט איז די שכינה, כביכול, זיך מסתלק — טוט זיך די שכינה אפטאן... און העריבער טאקע הייבט זיך אן דער־דאזיקער ענין מיט דער הארבער הזהרה: „ו נ ש מ ר ת ם מ א ד ל נ פ ש ו ת י כ ם" — און איר זאלט אייער נשמה זער היטן!... ווי אזוי־זשע קאן דער חומר היטן די נשמה? אז חומר אן נשמה — איז דאך גארנישט... דער חומר האט דאך נאר אן אחיזה אין דער נשמה הקדושה! דעריבער איז די סכנה אזוי גרויס, אז נאר א סיעתא דשמיא קאן ביישטיין!.. דארף מען דאך אבער זוכה זיין דערצו... (פארטראכט זיך)

(דער ר ב גיט א ציטער, קוקט עפעס מאדנע אפן רבין. עס פאלט־צו די נאכט, נאר דורך פענצטער קוקט אריין פון ערגעץ אן אנגעצונדן ליכט. סיפאר־שווינדט, קענטיק — עמיץ אין שכנות פארבייגע־גאנגען מיט ליכט אין די הענט)

גבאי

(מאכט אן אומצופרידענע מינע; גיט א וואונק צום משמש, מורמלענדיק שטיל) מים־אחרונים! (ווייזט ווי מ׳גיסט אפ נעגל־וואסער. משמש גייט).

רבי

און ווידער איז ס מ ל דאך ממש די אותיות ס ל ם — „סלם מוצב ארצה" — ווארים דער מענטש, דער צ ל ם אלקי"ם, איז בבחינת ס ל ם, דער לייטער צווישן די נידע־ריקע ברואים — און דעם עצם האלק"י... און דאס ווערט דערגרייכט דורך זיינע מעשים טובים, כידוע... און דער רמז דערפון איז, (שאקלט זיך אונטער. מיט התלהבות) אז דער

מענטש איז זוכה, ווערט זיין ס מ ל — א ס ל ם־עליה, אן ארויפשטייג־לייטער צו דער מדרגה פון צ ל ם־אלקי"ם און באהעפט זיך מיט דער שכינה... און דאס איז דער סוד פון דער גאנצער בריאה. בבחינת צ ד י ק יסוד עולם... און באם חלילה אז נישט, איז דער צ ל ם־אלקי"ם — א ס ל ם־ירידה, אן אראפשטייג־לייטער צו דער נידעריקער שטאפל פון ס מ ל־תבנית, אין דער בחינה פון „אדם א י ן צ ד י ק ב א ר ץ", — צו דער סיטרא־אחרא, רחמנא לצלן!.. און דאס איז דער אמתער גורם צו סילוק־שכינה... (שווייגט)

(חסידים שאקלען־צו מיט די קעפ. דער רב ווערט עפעס ווי באַרואיקטער. פון ערגעץ־וואו פאלט אריין מער ליכט. שאטנס לעגן זיך אויס אף די ווענט. מ ש מ ש ברענגט מים־אחרונים, שטעלט אן צווייטן עק טיש. ג ב א י ווינקט צום משמש ווי מיצינדט־אן א שוועבעלע. משמש גייט.)

רבי

(מיט הארץ)

און דאס איז דער מיין בא יעקב אבינו, עליו השלום, ווען ער האט געזען דעם ליכטיקן חלום פון דעם לייטער: „והנה ס ל ם מוצב ארצה" — אז א מענטש לעבט אף ד'רערד, אף דעם עולם, אזוי, אז „ראשו מגיע השמימה" — ההיינו: די נשמה הקדושה זיינע הערהייבט זיך ביז צו דער מדרגה פון „משכמו ולמעלה"; איז וואס שטייט ווייטער? — „והנה ה' נצב עליו" — איז די שכינה אף אים שורה. ווארים זיין צ ל ם־אלקי"ם איז דאך א ס ל ם־עליה צו דבקות השכינה... (ער ברומט ווידער הארציק־טרויריק ווי פריער; נאר — ניגון אן ווערטער: „בים, בים, באם־באם; באם־באם. אוי, אוי, אוי־י!" ... שטיל)

רבי

און ווייטער איז קשה: „ויירא" — יעקב אבינו האט מורא באקומען. ס'האט די שכינה זיך צון אים באוויזן האט ער מורא באקומען. סטייטש — צי האט ער דען בא זיין פאטער יצחקן די שכינה נישט געזען? מלאכים האבן אין זיינע אויגן טרערן אריינגעווינט — און טרייסטן אים איז די שכינה נ י ט

געקומען ! ?... נאָר דאָס איז יעקב אָבינו מרמז : „מה נורא המקום הזה," (מיט עקסטאז) אַז א מענטש קומט צו דער מדרגה, וואו ער גיט זיך פלוצים א כאַפּ־אויף, ווי פון שלאָף, און דערזעט, אַז „אין זה כי אם ב י ת אלקי"ם וזה ש ע ר השמים," — אז אין דעם מקום איז נאָר פאַראַן דער בית־אלקי"ם, דער שער, די חיצוניות, די אויסערליכקייט אַליין — — — און דאָס קומט ווייל „ועשיתם לכם ס מ ל", דערפאַר וואָס זיי האָבן דעם מענטשן, דעם תבנית זכר ונקבה, געמאכט פאַר אַ סמל, אַ געשטאַלט פון אַ געצנבילד ; א י ם פאַרגע־טערט, דעם עפּר־ואפר — און די שכינה הקדושה אין אים מצמצם געווען, אין א חומר־עכור אַריינגעדרוקט — — — — דעריבער איז „מה נורא המקום הזה !" — ווי שרעקלעד אזא אָרט איז !...

(דער מ ש מ ש קומט אַריין מיט צוויי ברע־נענדיקע ליכט אין גרויסע, זילבערנע לייכטער און שטעלט זיי אפן טיש. צווישן איי־ניקע חסידים איז צו באַמערקן אַן איינגעהאַלטענע אויפרעגונג. עס לויפט־דורך א געמורמל פון מויל צו מויל. עולם ברומט־אונטער, מיט מער פרייקייט ווי פריער : „אדם, פטדה וברקת..")

גבאי

(דערלאַנגט, מיט באַמערקטער איילעניש, מים אחרונים. ברוגזדיק)

איציקל ! וואָס גיסטו נישט אָן דעם כוס ?

(א י צ י ק ל גיסט אָן ווין אין אַ זילבערנעם בעכער, וואָס האָט די פאָרם פון אַן עפּל אַף א צווייגל. עולם וואַשט שפיצפינגער. ר ב הייבט אויף דעם כוס מיטביידע הענט, שטעלט אים דעם רבין אף דער רעכטער האנט)

רבי

(די אויגן פאַרמאַכט. שאָקלט זיך אויפגערודערט)

רבו־תי־י, מיר ווען בע־נטשן !

עולם

(כאַפּט־אונטער, אַלע מיטאַמאָל)

יהי שם ד' מבורך מעתה ועד עולם !

רבי

ברשות... (די אויגן צום הימל. פּאוזע. דערענדיקט) נברך אלהינו שאָכלנו משלו

(מיבענטשט, איבערוואַרפנדיק זיך מיט פּסוקים)

— פּותח את ידיך...

— בונה ברחמיו ירושל־ים... (מיכאַפּט־אונטער)

— אָ־מן !...

— הרחמן... (איינער צעציקלט זיך אפן קול)

— מ־י־י־גדול ישועות מ־לכו...

(אין דעם אַלעמען און אינם צושאָקלען זיך שפּירט מען, אַז דער עולם איז אויפגערעגט און דאָס איינגעצאַמטע קאָן באַלד דורכברעכן)

רבי

(שטעלט אַוועק דעם כוס פון האַנט, נעמט אַרויס אַ פּאַטשיילע פון בוזים, ווישט־אויס אַ טרער. דערענדיקט)

ד' עוז לעמו יתן, ד' יברך את עמו בש־לום... (ער שטייט אויף)

(עולם מאַכט אַ „וואַרע". ער גייט גלייך דורך צו זיך אין שטיבל. מען לאָזט זיך מיטאַמאָל אין בית־מדרש אַריין. באַלד דערהערט זיך פון דאָרט אַ קלאַפּ מיט אַ האַנט אפן עמוד. דערנאָך — אַ צוזאַמענטפּערן באַם קדיש און פּלוצלינג — אַ קנאַקעדיקער „ברכו את די המברך!"... מ ש מ ש רוימט דערווייל אָפּ פון די טישן; רוקט־איבער די טישן און די אינווייניקסטע ביינק און צעשטעלט זיי אַרום די ווענט)

בטלן

(שטייט אין ווינקל, רעכטס אין הינטערגרונט, פּארחושט. ערגעץ קלינגט אַ קלויסטערגלאָק. ער דערהערט — רייסט זיך אָפּ פונם אָרט, גיט האַסטיק אַ קלאַפּ־צו אַ פענצטער)

קלויסטער קלינגט אַריין אַהער!... (שפּייט אויס) שקץ תשקצנו! שקץ תשקצנו! (איילט אַריין אין בית־מדרש)

משמש

(שטעלט־צו א ביינקל און נעמט אנצינדן דעם קרישטאָלענעם הענגלייכטער מיטן לאָמפּ. אויס־ווישנדיק מיט אַ פינגער דאָס גלעזל, פאַלט עס בא אים אַראָפּ און צעברעכט זיך הילכיק)

אוי, ווי אי׳מיר!... (ער בלייבט שטיין פארלעגן. דער קנויט פלאַקערט)

גבאי

(אָנקומענדיק פון בית־מדרש)

שוין זיך צעבריהט, שלימעזאַלניק? — אַף אַ פּולער־וואָד! וואָס פאַרלעשסטו ניט? ס׳ווערט דאָך אַ דערשטיקעניש. שטייט ווי אַ קוימען אפּן שפּיץ דאַך — כאַטש נעם אַ שמאַטע און קער אים אויס!...

משמש

(פאַרלעשט. גייט אַראָפּ פון ביינקל. קראַצט זיך הינטערן אויער)

אַ שיי־נע, ריי־נע כפּרה. (פילזאָגנדיק) אַבי נישט קיין אַנדער בראָך... (שאַרט צונויף די שטיקלעך גלאָז)

גבאי

רירעוודיקער אַביסל, דו ליימענער גולם!

(משמש גייט צו דער שאַפקע, נעמט אַרויס אַן אַנ־דער לאָמפּגלעזל. ווישט עס, הויכקעט מיטן מויל: הו־הו! ה ו — ה ו!)

גבאי

(כאַפּט בא אים אַרויס דאָס גלעזל פון האַנט)

ביסט דאָך אַ מזיק אין שטוב, ביסטו דאָך!... (צינדט אַליין אָן דעם הענגלאָמפּ) גיי בעסער ברענג אַריין ס׳הדסל מיט די בשמים. נאָר צעשיט די נעגעלעך איבער דער גאַנצער שטוב, עט׳מען וויסן — אַביש האָט זיך אַ ריר געטאָן...

משמש

(גייענדיק אין עסשטוב)

מיד לאָז אַרוים פון דיינע נעגל, שמואל; געגוג, אַז — —

גבאי

אז וואס ? — (זיי קוקן זיך איבער. ג ב א י גייט אין בית־מדרש. פאוזע)

(מ א י ר ל קומט פון דרויסן, קוקט זיך ארום. מ ש מ ש קומט צוריק מיט א טאץ אף וועלכער עס געפינט זיך א „הבדלה". א זילבערן הדסל און א לולב־בייטעלע)

מאירל

מ'קאן אריינגיין, אביש ? —

משמש

יא ; אבער אף־גיך, ר' מאירל. באלד קומען ז י י אריין... ס'אי־נאך פאר הבדלה. (גיט א שטעל־אוועק די טאץ, פארמאכט די האלב־אפענע טיר פון בית־מדרש — פארזיכטיק. מ א י ר ל קלאפט אן)

רבי

(עפנט די טיר)

הא, מאירל ! — גוט ד'ביסט געקומען. (מאירל פארבייגט זיך שוין געוואלט שיקן אבישן נאך דיר. (לעגט אים די האנט אפן אקסל) דו ביסט דאך עפעס מיין ידיד — — (אריינפירנדיק אים צו זיך) אזוי פינצטער אפן הארצן —

מאירל

פאראן אן אנדער וועלט — א ליכטיקערע.

גבאי

(קומט, גיט א שמעק די לופט, נעמט ארויס זיין פאטשיילע, טרייבט די סאזשע)

אזא שווארצע לופט ! — א ווינטל פון טשערנאוויץ מסתם פארטראגן. ס'גיהנם ברענט דאך דארט !

(מ ש מ ש ענטפערט ניט. רוימט אפ פון די טישן. גייט ארויס)

שמערל

(א רירעוודיק חסידל מיט שווארצע, ארומלויפנדי־קע אייגעלעך. הויך און אויסגעדארט און שטענדיק זיין בענדל־קאלנער צעכראסטעט. פון אונטער א

שמאָל, רויטלעך בערדעלע פון לאַנגע, שיטערע האָר וואָס זעען אויס ווי עקסטראַ אַריינגעשטעקטע און פאַרשפּיצט־אַרויפגעבויגן — קוקט אַפּיר אַ לאַנגער האלדז מיט א „קנאָפּ". ער קומט־אָן פון בית־מדרש)

הערסט, שמואל, נישטאָ היינט קיין לבנה. או — וואַ! אַזאַ שוואַרצע כמאַרע האָט זיך אָנגעטראָגן! — הענגט סאַמע איבער דער שטוב... (ער גייט־צו צום רבינס טיר, זעצט זיך פּאַמעלעכקע אַראָפּ און קוקט אַריין דורכן שליסל־לאָך. ניט אומקערנדיק דאָס פּנים) שמו־אל! ווער איז עס דאָרט באַם רבין אין שלום־שטיבל? הא, שמואל? נישט מאירל? — ־דאכטצעך, אַז מאירל. מאירל דער אפּיקורוס!

גבאי

(איבערדעשט, באַהערשט זיך אָבער)

איי, ר' שמערל, ר' שמערל! האָסט נאָך אַלץ נישט פאַרגעסן דיינע אַלטע חפציות פון קוקן אָף די שפּאַקולן? (אַנדערשט דעם טאָן) שיק מיר בעסער אַריין איציקלען. די רביצן דאַרף אים האָבן —

שמערל

(ניט אָפּרייסנדיק די אויגן פון שליסל־לאָך)

כ'וואָלט שווערן אַז מאירל...

גבאי

(גייט־צו, לעגט אים די האנט אַפן אַקסל. ווייך)

כ'האָב דיך דאָך עפּעס געבעטן, שמערל. גיי שיק מיר אים, זיי מוחל, אריין; נאָר תיכף!

שמערל

(זיך אויפהייבנדיק)

הא? ווּעמען? דעם סמבטיון? אף א פולער־וואָך? — ר'וואַרפט דאָך שוין, מסתם, מיט שטיינער!... (גייענדיק שוין אין בית־מדרש) כ'וואָלט אָבער פאָרט שווערן, אַז מאירל! —

(מ ש מ ש קומט)

גבאי

(האָקט אים איבער דעם וועג)

הער נאַר, אַביש, דו האָסט עס אַריינגעלאָזט די שוואַרצע קאַץ
איז מילכיקן אַלמער, הא ?

משמש

(גלאָצט מיט די אויגן)
וואָס׳אַרא קאַץ אין אַלמער ? —

גבאי

(ווייזט צום רבי־שטיבל)
כ׳מיין — מאירלען . . .

משמש

(פאַרלעגן)
נ־יאָ, נו ?

גבאי

(קרימט איבער)
„נ־ני־אָ, נו !״— אַט איצטער־אָ ! ? . . . כ׳האָב זיך דיר פאַר־
זאָגט : ס׳קומט מאירל, אָדער דער דאָקטאָר — די־מינוט זאָלס־
טו מיר מודיע זיין !

משמש

(תמעוואַטע)
כ׳ווייס ? נו־יאָ — האָב איך דאָך געהאַט צו טאָן אַרום טיש.
(נעמט אָנצינדן די העססס אַרום די ווענט)

גבאי

בהמה איינע ! — „אַרום טיש... אַרום טיש !״

איציקל

(קומט אַריין אַביסל פאַרפלאָמט, דער דאַשעק פון
היטל פאַררוקט)
וואָס איז, וואָס ? —

גבאי

וואָס זאָל זיין ? — א גאַסט אי׳דאָ. ווייסט נישט ? — ס׳אומ־
גליק !. . .

איציקל

ווער ? דער דאָקטאָר אוודאי — דער שוואַרץ־טומאהניק !

גבאי

און אז מאירל — איז דיר גוט? און אט די בהמה לאזט אים איצטער אריין און — גארנישט, שא!

איציקל

כ־פתור ופרח! דארט (ווייזט צום בית־מדרש) שטייט דער רב מיט ר׳ דודלען און מעלה־גרהן די „שיינע" תורה, די הייג־טיקע; צווישן עולם גייט ארום א שושקען זיך: למאי איז ער עם אזא נפש־אחת מיט די טשערנאוויצער אפיקורסים, ימח שמם? און דא, פאר הבדלה — (ווייזט) ס׳קאצל קומט! — זיך אפגעשלאסן מיטן אפיקורוסל!

גבאי

הערסט! — אט דאס טאקע האב איך דיך גערופן. (קוקט זיך ארום) למען השם, פארהאלט מיר דארט דערווייל דעם עולם ביז — ע... מ׳דארף אים איינגעבן ווערימקרויט!... (איילנדיק אין דער רביצנס שטיבל) כ׳וועל זי צון אים ארייגשיקן!

איציקל

(שרייט אים נאך)

אבער — על רגל אחת, הערסט! (צום משמש) ווייסטו, אביש? מ׳וואלט דיך מעגן איינשפאנען אין א וואגן... נאר, איי וואלס־טו באדארפן א בייטש! (גייט אין בית־מדרש)

(מ א י ר ל קומט ארויס פון רבינס שטיבל, נאכ־באגלייט פונם רבין — וועלכער האט דערהערט אי־ציקלס לעצטע ווערטער)

רבי

אז אלע האבן זיי רק בייטשן אין די הענט און טרייבן דיך אלע — אף צוריקוועגס צו גיין!...

מאירל

און זיי אליין? —

רבי

ווערן אויך געטריבן. און ווייסן אפילו נישט, ווער עם טרייבט זיי... ווייסן אפילו נישט, אז זיי ו ו ע ר ן געטריבן. יעדער מיינט: ע ר טרייבט; ער — א צווייטן!...

מאירל

און דער ערשטער? —

רבי

קלער איך דאך דעריבער: עס מוז זיין אן ע מ י צ ע ר!...

מאירל

(גיט אים די האנט)

ניט לייכט דער ענין ——(צום משמש) אביש, כאפט זיך שפּעטער אריין צו מיר, ל'איך אייך געבן א ספר פארן רבינס וועגן.

(מ ש מ ש שאקלט מיטן קאפּ)

רבי

מסתמא פון הארנשטיינען צוגעשיקט? — כ'האב אים טאקע געשריבן וועגן דעם.

מאירל

ניין. דאסמאל גראד פון דר. רייטמאן. (שמייכלענדיק) דאס האט עס פון אייערט וועגן מיין מחותן אליין צוגעשיקט. ער האלט עס — פאר א פערל! איר'ט האבן אן אמתן פארגעניגן.

רבי

באפעל א דאנק אים, אין מיין נאמען. (צום משמש) פארגעס נישט, אביש.

משמש

שוין גוט, שוין גוט! (גייט אין עססטוב)

רביצן

(קומט ארויס פון איר שטיבל. קוקט זיך ארום, ציי באמערקט ניט עמיץ פון בית־מדרש. אטעמט אפּ)

מ'דאוונט נאך מעריב... (צום רבין) נו? — דער עולם קומט דאך שוין באלד אריין הערן הבדלה ——

מאירל

גוט, גוט, רביצן — כ'גיי שוין. (געזעגנט זיך. אפּ)

רבי

וועז דו זאלסט האבן אפענערע אויגן — וואלסטו קלארער געזען וואס דו טוסט!... (שאקלט דעם קאפּ) איצטערט לויפט מען

מיר נאָך. ס'וועט קומען אַ צייט, ווען זיי וועלן פאַר מיר אַנט־לויפן ווי פאַר פייער... (גייט צו זיך אין שטיבל)

חזן

(שפּאַרט זיך אָן אָן פענצטער, קלערט אַ ווײַלע. גיט אַ רייב די פינגער אָן דער שויב. קערט זיך אָפּ און הייבט־אָן מיט אַ האַרציקן טאָן)

גאָט פון אברהם, פון יצחק און פון יעקב!
באַהיט דיין ליב פאָלק ישראל —
אין דיינעם לויב!

די וואָך זאָל אונדז קומען
צו מזל און צו ברכה,
צו געזונט און הצלחה.

גאָט! זאָלסט בענטשן אונדזער הויז:
אַלדאָסבייז — פון אונדז אַרויס;
אַלדאָסגוטס — צון אונדז אַריין.

עס זאָל מיט אונדז אייביק זיין ——
אָמן!...

(גייט מיט שטילע טריט אין איר שטיבל. פּאַוזע. גבאי און משמש קומען אַרויס פון עסשטוב)

גבאי

(נאָך אין דער טיר)
זעסט, וואָס ד'האָסט אָנגעאַרבעט? — ז'האָט דאָך געמוזט אַריינגיין און אים געבן אָנצוהערן... (קווענקלט זיך) מ'מוז דאָך נאָך מיט זיי גיין מיט הינטערשיסעלעך — ד־ד־דיפּלאָמאַ־טיש!... (גייט אין בית־מדרש. משמש קוקט אים נאָך. שאָקלט מיטן קאָפּ)

דאָקטאָר אַלבערט

(קומט פון דער קאָרעדאָר־טיר, רעכטס)
דער רבי איז אַליין? (שטעלט זיך ניט אָפּ)

משמש

(ווערט מבולבל)
נ־נ־יאָ, יאָ, דאָקטאָר לעבן! —— (לויפט און עפנט די טיר,

לאזט אים אריין. בלייבט שטיין פארלעגן. גיט א רייב מיט דער האנט איבער דער יארמולקי. קערט זיך אום)

שמערל

(פון בית־מדרש)

שויז אוועקעטגעגאנגען מאירל? (בייגט זיך ווידער איין און קוקט דורכן שליסל־לאך. פארוואונדערט) וואס הייסט דאס?...

גבאי

(קומענדיק פון בית־מדרש)

ט־טאקי־נו! — רב שמערל קוקט שוין ווידער אין רערל!

שמערל

(הערט ניט)

כ׳פארשטיי נישט: דאכטצעד מיר מאירל — און... ס׳אי־גאר...

גבאי

(איבערראשט)

וואס?!... (מיט א בייזן בליק צום משמש) אביש!?...

(עולם קומט רוישנדיק פון בית־מדרש. איציקל שטופט זיך פאראויס)

שמערל

(אלץ בא דער טיר)

היכא־תמצא: דאכטצעד מאירל — און ס׳איז גאר דער דאקטער!?...

איציקל

(פרעגט מיט הענטבאוועגונג)

וואס איז, שמואל? —

גבאי

(שאקלט מיטן קאפ)

הם!... (אינדערשטיל) — די אנדערע טעג יום־טוב!...

שטימען

— וואו ט׳זיין די „הבדלה״?

— ניטא קיין לבנה!

— נישטאָ ? — אַ שאָד !
— איי, איי !...

שמערל

(קערט זיך האַסטיק אום צום עולם)

ס׳הענגט נאָך אַלץ די כּמאָרע איבער דער שטוב ? —

ערשטער זקן

(שמעקט טאַבאַק)

געדענקט איר דאָך, קינדער, וואָס ער זאָל לעבן האָט געזאָגט ?
— אַ לבֿנה איז אַן אויג וואָס קוקט אַריין אין האַרצן... משגיח מן החלונות... מציץ מן החרכים...

צווייטער זקן

אַ הימל אָן אַ לבֿנה, איז ווי אַ גרויע בעלמע איבערן אויג . . .

דריטער זקן

(מיט אַ קרעכץ)

„פּגימת הלבֿנה !" — —

בטלן

(זיך אָפּרייסנדיק פון פענצטער)

ווי ס׳וואָלט עמיץ דעם הימל מיט שוואַרצע שמאַטעס גע־פּאַטשט !...

שטימען

— לאָמיר אַריין אין שטיבל !
— אי׳מיר אים זאָגן !
— מיר ווילן ליכט אין הימל !
— זאָל ער אָנצינדן !
— אַ לבֿנה !
— אַ ליכטיקייט !
— ער זאָל לעבן קאָן !
— ער קאָן, ער קאָן !! — —

איציקל

(צום עולם)

אים פאַרשפּאַרט מען שוין צו זאָגן, ע ר ווייסט... (מיט אַ וואונק צום גבאי) שמואל, גיי נאָר ווער געוואוירע... (צום עולם) ער זאָל לעבן ווייסט ! —

איינער

(גלוביק)

וועט טאקע אפשר פארט זיין א לבנה...

(ג ב א י גייט אריין אין דער רביצנס שטיבל. ר ב און ר׳ ד ו ד ל קומען אריין פון בית־מדרש, שמועסנדיק)

רב

(האלט די האנט אין ר׳ דודלס גארטל. פארטרוילעך)

באשר בכן — מ׳טאר נישט מהרהר זיין... אבער גלאטיק איז דער ענין דאך נישט... כ׳מיין — וואס? זאגט אליין, ר׳ דודל, אדרבה!... (קומען־צו נענטער צום פאדערגרונט, לינקס) וואס דען הייסט: „חכמים הזהרו בדבריכם!" הא? בא היינטיקע דורות דארף מען זיך דאך היטן ממש מיט אווארט...

ר׳ דודל

(פארלעגן)

י־יא; איר זענט אפשר אוודאי גערעכט, רב; אבער וואס פארשטייען מיר דערפון? (תמימותדיק) אז א יעדער דיבור — איז רזין דרזין! מסתם — איז אונדזער שכל...

(ר ב פארקנייטשט זיך אף א זייט, גיט א מאך־אוועק מיט דער האנט: „עט!"... ביידע בלייבן שטיין באם זייטנטיש. ס ו פ ר קומט פון עס־שטוב, איילט צו דער שאפקע, זוכט דארט עפעס לאנג, איינגעבויגן, מורמלט אומצופרידן, דעם רבינס טיר עפנט זיך. עס באווייזן זיך: ד ע ר ד א ק ט א ר, געזעגענענדיק זיך מיטן ר ב י ן, וועלכער באגלייט אים ארויס א פאר טריט. עולם גיט זיך א רודער. אייניקע, בא דער טיר, מאכן פריי דעם וועג. אנדערע, ווייטער — גלאצן מיט די אויגן, קוקן זיך איבער, מאכן מיט די הענט. א י י נ ע ר, אין פאדערגרונט, שלעפט עפעס א אידן באם ארבל — פרעגט אפן וואונק, יענער ציט מיט די אקסלען, שאקלט — אף ניין.)

רב

(באמערקט דעם דאָקטאָר. צו ר׳ דודלען, דערשראָקן)

דער דאָקטאָר! ?

ר׳ דודל

(באַאומרואיקט)

איז עמיץ חס־ושלום ?...

רב

(גיט אַ ריר באַם אַקסל דעם סופר, וואָס קומט אים אנטקעגן, גייענדיק אין עססטוב)

וואָס האָט דער ד אָ ק ט אָ ר געטאָן ?

סופר

(איבערעשט, שטאַמלט)

איד־איד־כע — כ׳ווייס וואָס ? !... (גייט זיין וועגס)

שמערל

(וואַקסט־אויס לעבן רב)

געוועזן מאירל... געוועזן דער דאָקטער... גלאַט אזוי זיך ———

בטלן

(דאָרט באַם פענצטער. רעדט צו זיך, ארויסקוקנדיק)

אין גיהנם האָט זיך שוין אַ רודער געטאָן... (פלוצלינג צום עולם, אַ וואָרף מיט די הענט) אַף וועלכער באַנק וועט מען מ ע ן שמאַסן ? — אַף דער אייבערשטער ?... (קערט זיך ווידער אום צום פענצטער)

(ר ב י קוקט־נאָך דעם דאָקטאָר, וואָס גייט־דורך צווישן דעם אומצופרידענעם עולם. מיט אַ באַזאָרגטן בליק באַטראַכט ער די ארומיקע)

אייניקע

(רייסן זיך דורך צום רבין)

— נישטאָ קיין לבנה...

— אַלץ נישטאָ נאָך !

— איז אַפן הארצן אזוי טרויעריק ———

רבי

(מאַכט אַ פּאָר טריט צו די פענצטער)

נישקשה — אי׳מיר צו־וואַרטן... אַ לבנה האָט ליב מ׳זאָל אַף איר וואַרטן...

במלן

(מיטן קאָפּ אין פענצטער)

דער הימל איז מיט שוואַרצע שמאַטעס פאַרוואָלגערט!...

רבי

(כאַפּט אים אַן צעשראָקן)

וואָס האָסטו געזאָגט! — וואָס׳זשע בלייבט שוין דאָ אַף ד׳ר־ערד!?... (צום עולם) ניין! — דער הימל וויל מ׳זאָל צון אים אַרויפקוקן! — מ׳קוקט אַרויף — דערמאָנט מען זיך אַז עפּעס — — —

צווייטער זקן

שווער אין אַ פינצטערן הימל צו קוקן, רבי.

שטימען

— מיר ווילן ליכט!
— זאָל אַ לבנה אויפגייען!
— אַ ליכטיקייט!
— אַ זון!!...
— צינדט אונדז אָן דעם הימל, רבי!!

(ס ו פ ר קומט, גייט ווידער צו דער שאַפע)

רבי

(אויפגערעגט)

ווער? איד!? (מיט ביידע הענט אַף דער ברוסט) שטייט דאָך עמיץ און וואַרפט אין מיין הימל — שוואַרצע שמאַטעס! ... (פּאַוזע. פּלוצלינג) גערעכט, קינדערלעך — ליכט אָנצינדן! (שווייגט) ס׳וועט זיין אַ לבנה, זאָלט איר מיר מודיע זיין. דערוויל אי׳מיר מאַכן הבדלה. (גייט אין שטיבל. ע ו ל ם — נאָך)

גבאי

(לויפט־צו צו דער שאַפע, אַף וועלכער עס שטייט דער כוס־של־ברכה. צום סופר, וואָס זוכט דאָרט אַלץ אונטן אין שאַפע)

וואס נישטערסטו ? האסט דאך שיעור דעם כוס־של־ברכה נישט איבערגעקערט. — גיב אהער די הבדלה !

סופר

(שטייט אויף, געבנדיק די הבדלה)

ארונטערגעפאלן . . . אן איבערקערעניש ! ווער קריכט עס אהער צו מיר אין שאפקע ?

גבאי

(טראגנדיק דאס טעצל מיטן פלעשל וויין, כוס, די „הבדלה" און דאס בשמים־הדסל)

„ווער ?"— אביש ! א לאמפן־גלעזל צעבראכן — (גייט אין רבינס שטיבל)

סופר

מיר'ן שוין היינט האבן די גוטע וואך ———

שטימען

(פון רבינס שטיבל רופנדיק)

— די רביצן ! די רביצן !
— רופט אריין די רביצן !
— צו הבדלה !

סופר

(לויפנדיק רופן)

אן איבערקערעניש אזא !...

(ר ב י צ ן קומט ארויס פון איר צימער, מלכות־דיקע טריט. עס דערקענט זיך טרויער אף איר פנים. איינע וויבער, דאס רוב רייכע, פירן זי. סופר לויפט פאראויס, מאכט וועג)

זקנה

(מיט א „יאמפערקע" אפן קאפ. רעדט אן ציין)

הייליקע רביצשן . . . (שטופט זיך נעענטער, אנצורירן איר קלייד) האטשם מיך אינזשינען !... (אלע גייען צו הבדלה)

(עס קומען־אן: פון עסשטוב — אן אלטע קעכין, די נאז אביסל פארשמירט, קענטיק — דעם סאמא־וואר געמאכט. פון דער קארעדעאר־טיר — ווייבער, מיידלעך, יונגעלייטלעך מיט סאמעטענע קאש־קעטלעך. ווייבלעך רוקן־אן די קאפּטיכלעך. מען שטופּט זיך אלץ נענטער צום רבינס טיר. א שטיל געמורמל. פון אינווייניק גיט עמיץ א שארפן וואונק: „ש־שא!" סיווערט שטיל. מיהערט דעם רבינס שטים קוים, קוים. אפּגעהאקטע ווערטער: „עז־זי וזמרת יה־ה ד׳... ויהי לי־י לי־שו־עה..." זיין שטים פארמישט זיך מיטן איינגעהאלטענעם שושקען־זיך אף דער־זייט טיר. באלד דערהערט מען דעם עולם אונטערכאפּן: „ליהודים היתה אורה ושמחה וששון וי־קר־ר, כן תהיה לנו!..." עס פארטראגט זיך ווידער דעם רבינס שטים; נאר ניגון אן ווערטער. ער ווערט אנטשוויגן. מירייסט זיך נאכן הדסל. אייניקע באקומען א שמעק־טאן. סיגעדויערט א ווילע. באלד דערהערן זיך לעבעדי־קע שטימען: „א גוטע וואך! א גוטע וואך!" רביצן קומט ארויס, באגלייט ווי פריער. מיטרעט איר אף דעם וועג מיט: „א גוטע וואך, רביצן! א גוטע וואך!")

רביצן

(צוריקגייענדיק)

א גוט יאר! א גוט יאר!

זקנה

(שלעפּט זיך אלץ נאך דער רביצן)

הייליקע רביצשן... די מאמע פון כנשת סראל!... (שטופּט זיך צו נענטער) א גוטשע וואך אייך! א גוטשע וואך!

(ווייבערשער עולם צעגייט זיך. פון רבינס שטיבל לאזט זיך ארויס א כאפּטע, פאראויס זיי — שמערל, דער סופר, איציקל, גבאי — וועלכע שושקען זיך לעבעדיק)

שמערל

(צום גבאי)

וועט ער?... הא?

גבאי

(קווענקלט זיך)

המנע... מסתם

(ס ו פ ר איילט צו זיין טיש, גיט א שלעפ א ביינקל, זעצט זיך)

שמערל

(רוימט אים איין)

רופן? הא?... זאל איך?

סופר

(ציט די אקסלען)

מ'איז שוין באלד ווי אפגעוואוינט———

שמערל

אידן בענקען...

סופר

גיי־זשע טאקע, שמערל, די נאכט שטייט ניט!

שמערל

(לויפט פריילעך ארויס דורך דער קארעדאר־טיר, רייבנדיק די הענט פאר שמחה)

די מינוט, די מינוט! — איי!

(ס ו פ ר נעמט ארויס א ליכט, שטעלט אוועק און צינדט עס אן. פארטראכט זיך א וויילע. דערמאנט זיך. צעשניידט פאפיר—אף „קוויטלאך". פרואווט א געגנדזענע פען, ווישט־אפ אין קאפ. דער ר ב, ר' ד ו ד ל טוט־אן די „ראזוואולקעס" אף אוועק־צוגיין. אנדערע כאפן אף זיך די אויבערוקעט, וואס ליגן אנגעווארפן אפן קאסטן און גייען. עולם פילט זיך איצט בכלל פריי, מ'גייט ארויס, מ'קומט אריין)

איציקל

שוין גייט איר, רב?

רב

(ארויסגייענדיק, מיט דער „ראזוואלקע" אף איין ארבל)

הבדלה! — מיין פלונית האט דאך נאך קיין הבדלה נישט געהערט.

ר' דודל

מיר'ן באלד צוריקקומען — — אם ירצה השם. הא, רב? — מ'ווייסט דאך נישט...

רב

נישט בא זיך אין די הענט א מענטש... (זיי גייען)

(עס קומען ווייבער, מענער, דארפס־אידן אין פשר־טערע, וואכעדיקע קליידער. מישטופט זיך צום סופר, מישרייבט „קוויטלעך")

סופר

(צו איינער פון די ווייבער. אין האלבן טאן)

און ווי הייסט אייער איידעמס מאמע, די מחותנתטע?

שוויגער

(שטייענדיק אנגעבויגן איבערן סופר)

סאסיע־מירל הייסט זי. אן אשה צנועה; אבער אליין עפעס א שוואכע, און דער זון אירער — א חלוש אזא!... א גאטס רחמנות אף מיין טאכטער — שוין א פאר חדשים נאך א חתונה!...

שמערל

(פאלט אריין, פארהאוועט. צו זיין ווייב, יענטא־לאהן, וואס שלעפט זיך אים נאך)

האב איך דיר געזאגט, הא!? (ווייזט־אן צום „רעדל" ארום סופר, וואו מישרייבט „קוויטלעך") זעסט?! (גייט צו דער טיר פון רבינס שטיבל. יענטא־לאה שטייט־צו צו א קופע ווייבער)

שמערל

(אנבייגנדיק זיך בא דער טיר אף אריינצוקוקן.
צום גבאי)

עמיצער דא ? —

גבאי

(כמעט ווי אפשטופנדיק)

איי, לאז מיך געמאך ! (צוך איינעם מיט א „קוויטל" אין האנט, וואס האט זיך דערווייל צוגע־רוקט. הארטלעך) באלד, באלד ! — ער רוט זיך אוים אביסל. (גייט אין רבינס שטיבל)

(שמערל פרואווט ווידער אריינקוקן)

יענטא־לאה

(קומט־צו צו שמערלען)

נו ? — (אויפן וואונק) הא ? געפועלט ?...

שמערל

(שפרינגט־אויף)

„געפועלט" — געשמועלט ! .. דיר געזאגט; משמעות, אז — יא ! זעסט דאך ... (ווייזט צום סופר)

(ח י ה ־ ב ר י י נ ע קומט פון דער רביצנס שטיבל)

יענטא־לאה

שויז, חיה־בריינע לעבן ? —

חיה־בריינע

(שטאַלצירנדיק)

ניין ; גלאט אזוי זיך... (פארטרוילעך) איר הערט, יענטא־לאה, כ'בין געווען א בעלנית — און זיך אריינגעכאפט ... זי איז ערגעץ ארויסגעגאנגען שיינדעלע זאל לעבן. (סודעווריק) האב איך מיך אוועקגעשטעלט בא דער טיר און דורך א שפארונקעלע אריינגעקוקט אין פראוועשטיבל ...

יענטא־לאה

נו, נו ? האט איר אים געזען, חיהניו ?

היה־בריינע

א שאלה אביסל ! — ר'איז געשטאנען באם פענצטער, וואס קומט ארויס אין גארטן אריין, און האט געקוקט. פון די ביימער פאלט א בלעטל נאך א בלעטל — און און ער שטייט און קוקט...

(די אלטע שרה קומט צו)

יענטא־לאה

געקוקט מסתם, צי ס'וועט זיין א לבנה.

די אַלטע שרה

זאן בעסט פארגעניגן איז, בא א לבנה־נאכט, דורכן פענצטער ארויסצוקיקן. עפּעס בין איך דאך דא א היימישע ! איז אפּט־מאל שטעל איך מיך אין גארטן א ווײלינקע אוועקעט באם פענצטער אין א זאט און קיק־צי . . . תמיד איז זאן קיק אזוי טשיקאווע, אז ס'טיאכקעט מיר אזש אין הארצן.

יענטא־לאה

מיר דאכט: ער קוקט־אריבער פון יענער־זייט־ערגעץ . . .

די אַלטע שרה

פון זאן פענצטער זעט מען אן דעם פּרוט און דאס שווארצע וועלדל אף יענער זאט טייך — —

צווייטער זקן

(מישט זיך אריין אביסל אויפגערעגט)

און דו, יענטל, ווייסט וואוהין ער קוקט ! כי, כי ! . . . האסט געזען אמאל ווען ס'פאלן שטערן פון הימל — וואוהין פאלן זיי, הא ? ווען ער, זאל לעבן, קוקט אפן הימל — פאלן די שטערן כורעים, א תיקון באקומען זיי ! . . . האט דאך יעדער איד זיין שטערן אין הימל — —

גבאי

(קומט ארויס, גיט א וואונק מיזאל אנהייבן אריין־גיין מיט די „קוויטלעך")

ר' ישעיה־בער !

ישעיה־בער

(א איד א בעל־גוף. גיט זיך א ריס פון ארט)

כ'גיי, ר' שמואל !

(גבאי לאזט אים אריין)

יענטאַ־לאה

(צו די ווייבער)

מיין שמערל איז אַמאָל אַ בעלן געווען אַפּצושטיין אַ גאַנצע נאַכט, הינטער אַ בוים אַנטקעגן פענצטער, — ביז ער זאָל לעבן, האָט פּלוצים מיט אַ שטאַרקן „אוי!" פון פענצטער זיך אָפּגע־ריסן און אָנגעהויבן צו לויפן איבערן שטיבל טאַ — היז, טאַ — הער . . . שמערל איז אַהיימגעלאָפן נישט טויט נישט לעבעדיק... און, אַז כ'האָב גענומען באַ אים אויסמאַניען עפּעס אַ וואָרט, איז כאַטש האַק אים און בראַק אים — שטום ! איז צעטראָגן און בייסט די באָרד . . . דערנאָכדעם האָט ער אָנגעהויבן אויסציקען פון זיך עפּעס האַלבע ווערטער : „אַ גרויסע מלחמה" . . . „איין גאָט זאָל זיך מרחם זיין ! . . ." און גיי וויים, וואָס ר'האָט געמיינט דערמיט —

די אַלטע שרה

(קאָן ניט פאַרליידן דעם שמועס)

ווייסעד וואָס ! אייער שמערל איז טאַקע אַ טשיקאַווע בריאה, אייער שמערל ! — האָט נאָר ליב אָנצולייגן שטיינער אַפן האַרצן. (פאַרגעסט זיך) אָט־אָנימלטן, ווען ער זאָל לעבן האָט אַ צאַט ניט געוואָלט פּראַווען . . . (פאַרכאַפּט זיך) הע־הר . . . געווען נישט־מיטאַלעמען, ניט איצט געדאַכט. איז אייער שמערל אין אַ טאָג אַראָן צו דער רביצן מיט אַ געפּילדער, אַ טאַרעראַם : אור־אַ, אור־אַ ! . . . אַוועקגענימען ר' דודלען אַפן אויער — און ס'איז געוואָרן אַ גאַנצער קאָד... טאָמער ווייסט איר וואָס ? !

יענטאַ־לאה

(באַליידיקט)

איר רעדט, מעגט איר מיר מוחל זיין, ווי אַ נאַר. מיין שמערל איז אַן אמת'ער האַרצפריינט דעם „הויף". מיר דאַכט : ר'איז נאָך מעריב אַריין אין שטוב מיט אַ גדולה : „דער רבי פראַוועט!" — האָב איך געפילט, אַז ס'וואַקסט אין אים ס'האַרץ פאַר שמחה ! —

ערשטע אידענע

(אַ צוגעקומענע)

אָט דאָס האָב איך עס אים געזען אַרומטענצלען פון הויז צו הויז !

גבאי

(קומט ארויס)

ר׳ אנשיל !

(א נ ש י ל, א הויכער איד, א „בעל־צורה״, מיט א לאנגער, צוויישפיצנדיקער, העלברוינער באָרד, גבירישׁ געקליידט — גיט זיך א בייג־איין בדחילו ורחימו און גייט אריין)

ישעיה־בער

(קומט ארויס, פנים צעשטראַלט. שלעפט ארויס א בייטל)

חברה, אהער ! — תיקון !

איציקל

(לויפט־צו)

נו, ר׳ישעיה־בער, ווייזט אויס — איר האט געטראָפן פונקט אין שעת־רצון !

ישעיה־בער

(גיט געלט. פריילעך)

הערסט, איציקל ? ס׳וועט נאָר מקוים ווערן — טרינקט איר בא מיר אוים א גאַנצע גורלאַניע! כע, כע! (דער בויך טרייסלט זיך אונטער)

איציקל

ס׳וועט ! ס׳וועט ! —

חיה־ברײַנע

(זיך דערמאָנענדיק)

אז כ׳האָב באַגעגנט די רביצן ארויסגיין, איז זי געווען עפּעס ווי פארווײנט. און ס׳האט מיר אזש אין הארץ א קניפּ געטאָן, אזוי שלעכט האט זי אויסגעזען —

יענטאַ־לאה

(כאַפּט זיך ארויס מיט א וואָרט)

ז׳האט בא אים קוים אויסגעוויינט ר׳זאָל היינט פראַווען ! — האָט מיין שמערל מיר דערציילט . . .

די אַלטע שרה

(בייז)

ווידער שמערל און אָבער שמערל! — עפּעס אַ טשיקאַווע בריאה אַט דער שמערל: טראָגט נאָר יענעם אַפן קאָפּ. מיר דאַכט, שיינדעלע זאָל לעבן זיצט אין שטיב אַצינד און ס׳פּנים שאַנט ווי אַ מלכות — קימט אייער שמערל מיט אַ פרישגע־באַקענעם נייעם: ז׳האָט געווינט! . . . אַ טשיקאַווע בריאה אייער שמערל איז! (אויפגעבראַכט) פּ־פּע! כ׳האָב פאַנט, אַז מ׳טראָגט אַרויס פון שטיב.

יענטאַ־לאה

שאַט, שרהניו, פּלאַמט נישט אַזוי! — זיך אַביסל צעשמערלט האָט זי זיך!

חיה־ברײנע

(וויל איינשטילן)

נו, גענוג, גענוג — לאָז שוין זיין! האָט ער יאָ געזאָגט, האָט ער נישט געזאָגט.

סופר

(איבערן אַקסל)

שטילער, נשים!

יענטאַ־לאה

נייז, ס׳פאַרדריסט דאָך! — (צו שרהין) מיין שמערל איז דאָ פּונקט אַזאַ בן־בית, מסתם ווי איר, און האָט דעם גרעסטן פּאַרטרויען אין „הויף“. ר׳וועט חלילה נישט אויסטראַכטן וואָס נישט געשטויגן! (צו חיה־ברײנען) ס׳ציפּט דאָך טאַקע באַ דער נשמה! . . . היינט פאַר וועמען האָט ער זיך עס דאָ אַרויסגעכאַפּט? — פאַר זיין ווייב! שמערל ווייסט, אַז איך בין אַ בעל־סוד — פון מיר קומט קיין וואָרט נישט אַרויס.

משמוש

(קומט, טראָגנדיק אַ זילבערן סאַמאָוואַרל אָף אַ טאַץ. צו די ווייבער)

היט׳ס אייך!

(די ווייבער צערוקן זיך, אפטרעטנדיק אים דעם
וועג. דער שמועס ווערט אפגעהאקט. ווען ס׳עפענט
זיך די טיר, אים אריינצולאזן, דערזעט מען דעם
רבין באם פראוועטישל. לעבן אים—אנשיל, שטיי־
ענדיק קאפגעבויגן. גבאי שליסט־צו פון אינווייניק.
עולם ברומט עפּעס א ניגונדל)

איציקל

(אומגעדולדיק)

עפּעס איז לאנג פראוועניש אף אנשילן!

איינער

מ׳דארף א וואונק טאן צו שמואלן — גענוג!

איציקל

(פויקט שטיל אין טיר. גבאי עפנט א שפּאַרע)

גיב א קוק — ס׳אראנ׳עולם ס׳ווארט!

גבאי

(קומט ארויס פון דער־זייט טיר)

באלד, באלד! (צו איציקלען אפן אויער) איי, שוטה איינער!
וואס מערער מ׳שטייט אפן ברהיי — אלץ בעסער לאזט מען
זיך מעלקן . . . (צושמייכלענדיק זיך צו איינעם א אידן) את־
את, ר׳ מרדכילע! (גייט צוריק אריין)

(עולם ווערט אומגעדולדיקער. מ ש מ ש קומט
צוריק ארויס איילנדיק אין עס־שטוב)

צווייטע אידענע

(צו א דריטע)

ס׳ברעכן מיר שוין די פיס שטייענדיק: ווארט, ווארט — און
גארנישט . . .

דריטע אידענע

די אויגן שפּרינגען מיר אקארשט נישט ארויס. און וואס ארט
עס אים (ווייזט אפן סופר) פריער אדער שפּעטער — זיין שכר־
טירחה וועט ער סיי־ווי נישט אנווערן.

פערטע אידענע

גלויבט־זשע מיר, עטעלע, איך שטיי ווי אף צעגליטע קוילן! איבערגעלאָזט אַ מאַן, אַ קראַנקען, איינער אַליין—כאַרכלענדיק; הוסטנדיק מיט שטיקער בלוט . . . נאָר וואָ׳דען, זאָל איך טאָן? אַז שוין דריי טעג, ווי ער מרוקעט ווי אַ נישט־דערקוילעטער אָקס . . . (ווישט די אָנגעלאָפענע טרערן מיט אַ שפּיץ טיכל)

צווייטע אידענע

דער וואָס אין הימל ט׳זיך דערבאַרעמען!

דריטע אידענע

פריער ער און נאָכדעם דער רבי ר׳ בערעניו, מאריך־ימים זאָל ער אונדז זיין!

פערטע אידענע

(ווישט די אויגן און שנייצט)

אָ־מן, רבונו של עולם! פון אייער מויל — אין גאָטס אויערן!

פינפטע אידענע

(רוקט זיך צו צום סופר)

נו, אפשר שוין פאַרט? — כ׳בין... (פאַרשעמט זיך אַליין) כ׳מיין: מיינע קינדערלעך זענען היימיק אַליין — דריי פּי־צעלעך שוועלבעלעך — —

ערשטע אידענע

(ווען דער סופר שרייבט אַ בקשה. איבער די אַקסלען אַריבער מיט אַ בייזן בליק) אַ העזה! אָזאַ האָפערדיקייט אַביסל! יענער שרייבט — ז׳איז דאָ! אפשר דאַרף מען יענער גאַרניט וויסן? . . . כ׳האָב געשיקט נאָך איר!

סופר

טאָקע אַנ׳אמתן! איר זעט דאָך — איך שרייב!? דערנאָכדעם, דערנאָכדעם!

(פינפטע אידענע גייט אָן אַ זייט, דעם קאָפּ צו דיר ערד אַראָפּגעלאָזן)

צווייטע אידענע

(ווייזט אָף דער פינפטער)

ער פילט באַ איר נישט די פעטע פּאָר גילדן . . .

יענטאַ־לאה

אז ס'טרעט אַפּ ס'מזל — זענען די יאָרן א נאַכשלעפּעניש!...
ווער ס'געדיינקט נישט שפּרינצל ר' שמעלקים פון א מאָל, האַ?
— אזא ליכטיק פּנים! באַהאַנגען און באַקלאַנגען, מיט דימענטן
און מיט פּערל — —

חיה־ביינע

א שיינע לבנה — ארומגערינגלט מיט שטערן! . .

יענטאַ־לאה

און היינט, נעבעך, איז אזא ליאַדע גאָרנישט... (אַנווייזנדיק
אַף דער ערשטער. שלאָגט זיך איבער די ליפּן) — כ'זאָל ניט
זינדיקן מיט די רייד — א גאַנצע שרה'טע, און גיי האָב פּאַר
איר אַפּשיי! . . .

סופר

(אויסדרייענדיק זיך צו די ווייבער)

שאַטס, נשים! — אביסל זיך צעגראַגערט!

צווייטע אידענע

שרייט נישט אזוי, ר' סופר, אונדזערע גראַשנס זענען אויך
נישט טרף! (אומקערנדיק זיך צו די ווייבער) ר'האָט זיך
עם אביסל צעשריגן האָט ער זיך!

(די ווייבער ווערן שטילער. עולם ברומט אונטער
א ניי ניגונדל)

גבאי

(עפנט די טיר. אַף דער שוועל שטייענדיק)

קומט, ר' מרדכילע מקבל־שלום זיין!

מרדכי

(א פעסטער,ברייטפּלייצעדיקער איד. קענטיק:
שטאָלץ אַף זיין געדיכטער, שוואַרצער, צעקעמטער
באָרד און זיין ברייטער, גאָלדענער קייט אַפן קאַמ־
זויל. ווייזט אויס — א צוגעפּאַרענער. גיט זיך
ברייטלעך א וואַקל, צעשטופּט דעם עולם גראָב
מיט די עלנבויגנס. צו זיין אינגל)

קום, געצילע! זאָלסט בעטן מ'רבין: ער זאָל דיר צוזווינטשן

— דו זאָלסט וועלן לערנען ! . . . (בא דער טיר בלייבט ער שטיין. צעגעמט די באָרד און גייט אַריין. דאָס אינגל, אַנגע־שראָקן — נאָך אים).

(א נ ש י ל קומט אַרויס פון שטיבל)

איינער

נו, — תיקון, ר׳ אַנשיל ! . . .

אַנשיל

(עפּנט דעם גרויסן טייסטער. גיט. ער איז אויפּ־גערעגט, זוכט עמיצן מיט די אויגן)

וואו איז שמערל ?

אַן אַנדערער

ס׳איז ווינציק . . . נאָך א גילדן !

איציקל

(צו אַנשילן)

ס׳זאָל מקוים ווערן ! — אַף הוצאות, ר׳ אַנשיל !

אַ דריטער

(צו אַנשילן)

נו ? איך עפּעס גוט צוגעווינטשעוועט ?

אַנשיל

(גערבנדיק, פאַרקלערט)

ס׳זאָל מקוים ווערן — — צוגעווינטשעוועט . . .

איציקל

ניין, — ס׳איז ווינציק ! נאָך א „חצי״ !

(אַנשיל גיט נאָך, רייסט זיך אָבער שוין אַוועק פונעם „רעדעלי״)

איציקל

ר׳האָט געמיינט, דער דבר־אחר, סעט׳אים אפּניין גלאַט — מיט שהי־פּהי . . . ע, חברה !

גבאי

(קומט ארויס אף דער־זייט טיר)

ר׳נחמן צבי חלפן!

(נ ח מ ן צ ב י ח ל פ ן, א „שיינער איד", מיט
א האזענעם קאפעליוש, פאות — „פלעשעלעך"
גיט א קוש די מזוזה און גייט אריין)

מרדכי

(קומט ארויס מיט זיין אינגל. האלט עפעס א פא־
פירל אין האנט. דערזעט אנשילן)

לייענט מיר איבער, זייט מוחל, דאס צעטעלע, ר׳ אנשיל

(א נ ש י ל נעמט. עפנט ברייט די אויגן.
שווייגט)

מרדכי

וואס האט ער מיר דארט אנגעשריבן, דער רבי? — ר׳האט
מיר אפילו ניט געענטפערט. קיין אייןווארט ניט...

אנשיל

(מבולבל. לייענט הויך)

„דוב בער בן ישראל לסייעתא דשמיא".

מרדכי

(קוקט אין דער לופט)

ור־וור־וואס? — זיין נאמען? — —

אנשיל

ס׳הייסט, ווייזט אוים: ער האט א י ד דערלאנגט א בקשה
— איר זאלט פאר א י ם בעטן...

מרדכי

(גיט א גראבן לאך אין בארד אריין)

הע, הע! — איד! ?...

אנשיל

(ציט מיט די אקסלען)

פריקרע! — כ׳הייב ניט אן צו פארשטיין.

(מ ר ד כ י גייט אן א זייט. חברה באַרינגלען
אים. ער צעשפּיליעט אַ בייגאַרטל און גיט, ווייזט
אויס, אַף „תּיקון". נ ח מ ן צ ב י ח ל פ ן
קומט אַרויס)

איציקל

(צו נחמן צבי חלפן)

נו, — מכח תּיקון ?

(חלפן לאָזט אַראָפּ די האַנט אין דער קעשענע,
נישטערט אַ רגע, גיט. חברה דריקן אויס צופרידנ־
קייט)

שמערל

(אַנקומענדיק פון אַן אַנדער זייט. לעבעדיק)

וואָס הערט זיך, ר' נחמן צבי? שוין ? — —

נחמן־צבי

(דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזן)

יאָ, שוין. (בייסט די באָרד פּאַרקלערט)

שמערל

וואָס'זשע טאַנצט איר ניט ? ! די חברה האָבן אייך אָפּגע־
טעצלט, הא ? מילא — ר' נחמן־צבי חלפנס וועלדער וועלן
אָפּוואַקסן ! כע, כע . . .

נחמן־צבי

(אומעטיק)

ניט דאָס, שמערל —

שמערל

כ'מיין אַט־הפּנים, אָבער וואָס? כדומה? —

נחמן־צבי

געזאָגט . . . כ'זאָל אַליין מתפּלל זיין — — בין איך ביכולת ?

שמערל

שייך — אַליין ? און ער ? —

נחמן־צבי

(ציט מיט די אקסלען)

ער ? . . . כ'וויים ? — אפשר. ר'זאגט: א האריץ פון א בר־ישראל . . . אייגן געבעט — ט'אויך מקוים ווערן . . .

שמערל

פארשטיי איך ווידער נישט — — „צאן בלי רועה", הא!?...

נחמן־צבי

(מרה־שחורהדיק)

דארף מען טאקע בעטן... אליין. ניט גרינג, שמערל. א געבראכענעם דעמב — אליין מיט די הענט אונטערצושפארן...

שמערל

נאר נישט גערדאגהט! — ר'וועט אייך שוין אינזינען האבן, מסתם. געוואלט — פאר סליחות־צייט — א הירהור־תשובה, אט הפנים, כדומה.

ערשטער זקן

(אונטערגעכאפט דעם שמועס, פארבייגייענדיק ווארפט א ווארט סתם אין דער וועלט אריין)

„וידי משה כבדים"... און דאך איז — „וגבר ישראל"!... משה איז געווען דער „איש ענו מכל אדם!"

(משמש ברענגט אריין א פלאש בראנפן מיט גלעזלעך)

איציקל

(לויפט אים אנטקעגן, כאפט אויס די פלאש)

נו, ר' נחמן־צבי, אי'מיר טרינקען „לחיים"! קומט אהער! (גייען צום טיש)

יושב

(גיסט־אן א קעלעשיק, גיט א טרייסל די פלאש)

נײַנציק גריידיקער! (טרינקט אפ אביסל. גיט די האנט. ציט ווערטער) לחי־ים, ר' נחמן־צבי, גאט זאל העלפן ס'זאל אנגיין, וואס דער רבי האט געווינטשעוועט!

נחמן־צבי

(האַלט די האַנט, שאָקלט מיטן קאָפּ, די אויגן צו גאָט)

אמן ! (זיפצט אַרויס) לחיים, לחיים . . .

(מיטרינקט „לחיים". אייניקע שלעפן אַרויס איי־גענע קעלעשקעס. אַנדערע רייסן פון יענעמס הענט)

איציקל

(שלעפט פון די קעשענעס, טיילט פּאַרבייסן. צו איינעם, וואָס איילט־צו מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט)

ס'איז מער נישטאָ ! — כ'האָב נאָך אויך נישט פּאַרביסן !

סופר

(פון זיין אָרט. צו איציקלען)

דו מיינסט, ס'איז אַנומלטן ? — לאָז מיר אויך אַ טראָפּעלע !

איציקל

„לאָז, לאָז !" — ס'אי'נישטאָ שוין וואָס צו לאָזן !

סופר

(לאָזט איבער די „קוויטלעך", לויפט־צו צום טיש, כאַפּט אויס די פלאַש. צו איינעם) אַ קעלעשיק גיב'הער (גיסט־אָן, טרינקט. זעט, אַז ס'בלייבט נאָך בראָנפן. צו איציקלען) זעסט ? געשמדטער האַלדז ! — ס'איז נאָך דאָ גענוג. (גיסט זיך אָן אַ צווייט מאָל; נייט צוריק, טראָגנדיק דעם פולן קעלעשיק פאָרזיכטיק; שטעלט אים אַוועק אָף שפּע־טער. ווישט־אָפּ די וואָנצעס, שרייבט ווייטער)

שמערל

(בײַ דער טיר)

שאַ־אַט ! — אַט גייט דער רב !

איציקל

(אָן אַ זייט)

אַט אַ נייס ! — ר'פאַרשפּאַרט שוין לאַנג אַ גאַנגוועגעלע...

(אייניקע שמייכלען)

(ר ב און ר׳ י ד ו ד ל קומען.ביידע אין די
האַזענע קאַפּעליושן. רב גייט געמאַסטענע טריט)

ר׳ דודל

(אַ פּאַפּיראָסל אין מויל)

אַ גוטע וואָך, אידן!

(ר ב פאַרהאַלט זיך אַ רגע באַ דער מזוזה)

איציקל

(צום רב)

אַ־אַ, מ׳זאָל געווען דערמאָנען משיחן! — שוין געוואָרט אַף
אייך, רב. (גייט און אַ זייט)

(ר ב נעמט אַרויס אַ טיטיון־בייטעלע, גיט ציגאַר־
פּאַפּיר, דרייט אַ פּאַפּיראָסל)

(א י צ י ק ל גיט פונהינטעראָרום אַ לעג די הענט
אַף שמערלס און אַנשילס אַקסלען. בייגט זיך איין
זינגט זיי אין די פּנימער אַריין)

אמר ד׳ ליעקב
אל תירא עבדי יעקב!

עולם

בחר ד׳ ביעקב
אל תירא עבדי יעקב!

(ר ב פאַרדרויכערט באַ רי דודלן, פאַרשמועסט זיך,
דערנאָך — אויפגערעגט)

איינער

(שרייט־אויס)

ווער ס׳זאָגט מיר איבער דעם רבינ׳ס תורה — שטעל איך אַן
עמער וויין!

(דער ניגון ווערט איבערגעריסן. ס׳ווערט מיט־
אַמאָל שטיל)

רב

(צו ר׳ דודל. טענהט מיט די הענט)

נישט דאָס וואָס אַמאָל ! . . . כ׳מיין . . . ע . . .

ר׳ דודל

(קנייטשט זיך)

עט ! — אומזיסטיקע מרה־שחורה . . . גלייבט׳זשע מיר, רב. אין די הויכע מדרגות ! — איז אים שווער צו זען אַ ילוד־אשה.

רב

נאָר כ׳זאָג אייך, ר׳ דודל — ערגער פון אַלעמען איז זיין שטיל־שווייגעניש . . . אוי־י — דאָס שטילשווייגעניש זיינס !

ערשטער זקן

(מישט זיך אריין)

האָט דאָך נאָך דער אַלטער צדיק, זכרונו לברכה, אַף אים געזאָגט: „מיין בערעניו זאָל לעבן, איז אַזוי ווי ס׳שטייט אצל משה רבינו : „כבד פה״ עם תרגום — „יקיר ממלל״. ס׳איז בא אים טייער איטלעכער דיבור ! ״ . . .

ערשטער ישיש

דער צדיק הדור איז בבחינת מזבח . . . צום מזבח קומט יעדער מיט זיין קרבן, מיט זיינע עבירות און מיט זיינע צרות . . . איז ער דאָך אָבער אַזאַ מזג־טוב, פאַרקלעמט אים באַם האַרצן — שווייגט ער ! ער פילט דעם ווייטיק פון כלל־ישראל — —

(פּאַוזע)

צווייטער ישיש

(ווי אין חלום)

טראָגט זיך דאָס שווייגנס פון קדשי־קדשים אַריבער אינם היכל - הנגינה אריין ! און אַז ער זינגט זיך אונטער אַ ניגונלע, דוכט זיך — די נשמה פון דער גאַנצער אידישער אומה זינגט, וויינט און פרייט זיך — —

ערשטער ישיש

עס וויינט זיך אַרויס דער אידישער צער, עס זינגט זיך אַרויס די אידישע האָפענונג, דער בטחון . . . (עולם, וואָס רוקט זיך אַלץ נעענטער צו און באַרינגלט זיי, קרעכצט אָפּ)

דריטער זקן

אמאל אין א שבועות נאכט. חברה, ווי דער שטייגער. זיך אנגעקומען אפריכטן תיקון־שבועות. שוין שפעט, דעם רבינס קלויז — פול; מ׳ווארט, מ׳ווארט, — גארניט. פלוצים — צוועלף! גיט ער אז עפן די טיר פון זיין שטיבל און בלייבט שטיין אף דער שוועל. חברה — אריין אין האלב־רעדל. ער אינדערמיטן — פארשארט אן ארבל און הייבט אן שמועסן. מיינט איר, דברי־תורה? הייבט זיך ניט אן! — סתם זיך מילי־דעלמא! . . . ס׳פינקלט שוין דער מארגנשטערן, סהייבט שוין אן שאריען, און תיקון־שבועות — א נעכטיקער טאג. ער זאל לעבן — רעדט. פון וואס?—וועלטזאכן!... און אז דער מזרח האט א פעבל געטאן, גיט ער זיך א כאפ: — „תיקון שבועות!"... אויסגעדרייט ס׳פנים—און פארשלאסן די טיר הינטער זיך. זענען מיר ארוים אין הויף, זיך צוגרייטן זאגן „תיקון־שבועות". געקומען דער ערשטער מנין, האט ער אונדז געטראפן זיצנדיקע אף די קלעצער, צעווארפן איבערן הויף, איטלעכער — ביחידות, וויינענדיק פאר זיך אליין . . . איטלעכער האט געפילט, אז זיינע רייד זענען געווען אנגעצילט אף אים; און אין זיי האט איטלעכער געפונען א תיקון פאר זיין נשמה...

(עולם צערוקט זיך עפעס)

דריטער ישיש

אף צומארגנס, נאך „הקדמות", צום טיש, האט ער זיך פאר־קלערט; פלוצים — צעברומט זיך; דערנאכדעם — שטיל, שוואך... קוים וואס מיר האבן געהערט. ארום טיש זיינען מיר געזעסן, אלטע חסידים — —

ערשטער זקן

(פאלט אים אין די רייד)

ר׳ נחמן, דער יאמפעלער רב, זכרונו לברכה, איז דעמאלט אויך געזעסן בתוכנו . . .

דריטער ישיש

און אז ער, זאל מאריך־ימים זיין, האט זיך מיטאמאל צעזונגען, האט זיך אונדז אויסגעדוכט, אז די שכינה אליין זינגט... און מיר האבן אלע געגאפט. געהארכט מיט אונדזער הארץ, מיט

דער נשמה. פון אינעווייניק ארוים האט עפעס זיך געצאפלט...
ביז מיר האבן זיך צעוויינט. קלארע טרערן אף ווייסע זיקנה'ס
געפאלן — —

זקנים, ישישים

(ווארפן זיך איבער מיט ווערטער)

— זיין ווייגען האבן מיט נים פארשטאנען !
— קיינער האט עס נים פארשטאנען! נאר עס האט זיך גע־
וויינט.
— קוואלן זיך געעפענט! דער מקור־דמעה, די צינורות!
— הערצער אויפגעגאנגען ! — —
— חדוה־טרערן — אין אין־סוף אריין! געפאלן, זיך געגאסן...

צווייטער זקן

ווי ס'שטייט מיר פאר די אויגן: ער האט געהאלטן דעם קאפ
אנגעלענט אף דער האנט — און אפן קלארן טישטוך האבן
זיך טרערן אראפגעקייקלט . . .

ערשטער זקן

ר' נחמן האט דערנאכדעם געזאגט, אז יעדער טרער איז געווען א
קרבן־שלמים, וואס האט געזאלט שלום מאכן צווישן די
מחלוקתדיקע נשמות — מיטן גוף . . .

דריטער ישיש

יענעם שבועות, ווען ער זאל לעבן, איז נאך קבלת־התורה אריינ־
געגאנגען אין „שאלאש" צום טיש, און איז דורכגעגאנגען
צווישן די צוויי „לאוועס" מענטשן, וואס זענען געשטאנען און
אים אפגעווארט — האבן מיר דערזען, אז ר'איז מיט א גאנצן
קאפ ה ע כ ע ר ווי תמיד!...

ערשטער זקן

ר' נחמן האט געזאגט: ר'איז געווען בבחינת „משכמו
ולמעלה"!...

דריטער ישיש

דערנאכדעם — זיין תורה! . . . ווי פונקען האבן זיינע ווערטער
אין אונדזער הארץ זיך אריינגעכאפט. און דארט עפעס אנגע־
צונדן... און ס'האט געברענט, ווי דער צופלאמטער „סנה",

אף וועלכן דער בורא־עולם האט צו משה רבינו זיך באוויזן! זיין תורה — — באם הארצן האט זי אונדז געווארעמט, ווי די מארגנזון ווארעמט עפעס א קראנק קינד . . . (מיט א זיפץ) נאר פלוצים האט זיין תורה זיך צעפלאקערט — און מיר האבן אלע עפעס א שארפן ברי אין הארץ דערפילט! . . .

ר׳ דודל

(קרעכצט ארויס מיט א זיפץ)

מיר דוכט: פון דענצמאלט אן בין איך גרא געווארן. ווי א ווייסער פראסט וואלט איבערנאכט אף מיין קאפ געפאלן . . . כ׳האב באלד דערפילט עפעס א שפאלט אין הארצן — —

צווייטער זקן

מיר האבן דענצמאלט איבערגעטראכט פאר „הציץ ונפגע״, כביכול! — ער איז געגאנגען אף דער שארף פונם מעסער! . . .

ערשטער זקן

שווייג! — ר׳ נחמן זכרונו לברכה האט אונדז געטרייסט: „אין להרהר אחר מדותיו!״ — יעקב אבינו האט אויך געזאגט: קטנתי מכל החסדים . . . דער מענטש איז אזוי ווי דער ים — ר׳האט עליות און ירידות . . . אמאל איז „אם אני כאן — הכל כאן!״ און אמאל איז „מי אני ומה אני, מה חיי ומה כחי? . . .״

(עולם זיפצט שווער)

איציקל

(דערהערט דעם שמועס, קומט נעענטער, גיט א ווארף מיט די הענט)

פון וואס מ׳האט זיך עס דא צערעדט! אמונה איז אן איידעלע זאך. ווער ס׳איז א מאמין־באמונה־שלימה — טארנישט מהרהר זיין! . . .

שמערל

(לויפט אריין מיט אימפעט)

גיך, גיך! — א לבנה!! מ׳זעט שוין א „צל״! . . .

(עולם גיט זיך א הויב־אויף. אייניקע איילן צו די פענצטער און קוקן ארויס)

ר׳ דודל

(צו שמערלן)

ס׳איז־דאָ א לבנה? —

שמערל

(רייבט פריילעך די הענט)

איי—א לבנה! אזוי ליכטיק, אז כ׳זע אזש דעם דלות מיינעם!...
(קלאַפּט־אָן אַן רבינס טיר)
א לבנה! א לבנה!

איציקל

(באַם פענצטער, ארויסקוקנדיק)

איר זעט? — ר׳האָט אָבער געזאָגט ס׳וועט זיין א לבנה!
(גיט א דריי דעם קאָפּ צום עולם) האַ? ! ... (באַוועגט די הענט)
אמונה איז אַן איידעלע זאַך! —

רב

(שמייכלט מיט ביטול. צו ר׳ דודלען)

חוצפה אפן שטערן — און אמונה אף דער צונג! ...

ר׳ דודל

(מאַכט אַוועק מיט דער האַנט אין איציקלס זייט)

שבקיה לרויא!

(עולם כאַפּט סידורים, משמש ברענגט ליכט און טיילט אויס. אייניקע צינדן אָן. מע שטעלט זיך אויס אין צוויי שורות אַפּוואַרטנדיק דעם רבין. די שטימונג ווערט א געהויבענע)

איציקל

(שטופנדיק אייניקע אין די שורות אריין)

א וואַרע מאַכט!

גבאי

(קומט ארויס פון רבינס שטיבל, וואַרפט אַן אומ־צופרידענעם בליק אַף שמערלען. מיט א שטאָך)

א שיינעם דאנק דיר פאר דער בשורה! —

(ר ב י עפנט די טיר. ער איז אנגעטאן אין שטריימל. קוקט אפן עולם. באמערקט דעם סופר וואס זיצט נאך אלץ און שרייבט קוויטלעך. שאקלט מיטן קאפ. גייט צו דער דרויסנטיר. פאר דער שוועל בלייבט ער א ווײלע שטיין. קוקט ארויס, באוועגט לייכט דעם קאפ. שטרעקט אויס די האנט צו דער מזוזה)

איינער

(הינטערן רבינס פלייצע, זיך אריבערבייגנדיק צו אים)

האבן מיר ווידער א ליכטיקן הימל, רבי! — —

רבי

(אלץ פון דער־זייט שוועל)

מענטשן מיט נשמות וואלטן גאר אף ד'רעדר קיין קיום נישט געהאט — ווען זיי וואלטן דעם הימל איבער זיך נישט געזען!...

(גיט האסטיק א טרעט־אריבער די שוועל)

(עולם גייט ארויס, סופר — דער לעצטער. ווייבער בלייבן שטיין פון דער־זייט טיר, אייניקע פראלן־אויף די פענצטער און שטעקן ארויס די קעפ. די לבנה שיינט אריין אף זייערע פנימער)

חיה־ברײנע

(אף דער טיר, ארויסקוקנדיק)

אוי, א לבנה! איר זעט — א פנים!... לייכט אזוי — ווי ער זאל לעבן!...

פערטע אידענע

(וואס איז די לעצטע ארויסגעגאנגען פון רבינס שטיבל)

מיין מזל... וואס זאגט איר עפעס אף מיין מזל? אינמיטן דרינען — אט האסטו דיר גאר א שטן!... (ווײנענדיק) אפילו מיין הארץ ניט אויסגערעדט זיך.

ערשטע אידענע

שטי־ילערטס! — אי'מיר בעסער הערן מחדש־זיין די לבנה.

(עס צעטראָגט זיך א געמורמל פונס עולם און דרינגט אריין אינווייניק. ווייבער שפּרינגען־אונטער שעפּטשען עפּעס. באַלד דערהערט זיך פון דרויסן: „דוד מלך ישראל חי וקים!" פאַרשיידענע שטי־מען: „שלום עליכם — עליכם שלום!")

דריטע אידענע

(דערשראָקן)

אוי, א וואָלקן טראָגט זיך אָן! —

צווייטע אידענע

אַט־אַט — פאַרדעקט ער די לבנה!...

פינפטע אידענע

טראָגט זיך גלייך איבער דער שטוב! —

(אַ טונקלקייט פאַלט אָף זייערע פּנימער)

דריטע אידענע

זעט נאָר ווי פינצטער ס'איז געוואָרן! — —

די אַלטע שרה

(מיט א וואָילקענעוודיקן טאָן)

ניש־קשה ניט — מ'האָט שוין געמאַכט די ברכה...

משמש

(לויפט אריין)

נשים, — אָן א זייט!

(ווייבער גייען זיך פונאַנדער. דאָס ליכט אָפן שרייבטיש פאַלט אַראָפּ און ווערט פאַרלאָשן. רבי קומט אריינגעפירט פון די דודלען מיטן רב. הינטער זיי — עולם, מיט די סידורים און אויס־געלאָשענע ליכט)

ר' דודל

שוין ווידער א וואָלקן!

רבי

(אומעטיק־פארקלערט)

יאָ — א וואָלקן!... וואָס׳זשע קרעכצט איר שוין ווידער? וואָס איז א וואָלקן, ר׳ דודל? — ערגעץ־וואו זאַמלען זיך אַז קליינינקע טראָפּנדלעך; קלייבן זיך שטיל, שטיל, אומבאַמערקט, ביז מיטאמאָל געבן זיי זיך א טראָג־אָן איבערן הימל, מיט שטורם און מיט שווארצקייט — און ס׳גיט א גאָס! און ס׳ווערט אזוי פינצטער און קאַלט.... (דערזעט דעם בטלן) פינצטער דער הימל! חשך. הא?.... מיט וויפל חשכות טראָגן מיר זיך ארום ס׳גאַנץ־לעבן — און פארלעשן אליין אונזער ליכטיקן הימל!?...

ר׳ דודל

רעדט צון אונדז נישט אזוי, רבי...

רבי

הא, שווייגן? — נאַד?... (פּויקט מיט א פינגער אַף דער ברוסט) און וויפל זאַמלט זיך אָט־דאָ־אָ!... וואָלקן איבער וואָלקן! — מיר דאכט, אז מיין הימל אליין איז שוין אויך פארערדיקט געוואָרן — — — (אריין צו זיך אין שטיבל)

סופר

(לויפט צום שרייבטיש)

ווער האָט ס׳ליכט פארלאָשן?! —

(ס׳הערט זיך געזאַנג פון חסידים, אריינפאַלנדיק פון דרויסן)

איציקל

(אריינקומענדיק. צו ר׳ דודלן מיטן רב)

אמונה איז אַן איידעלע זאַך! דאכטצעך איז פלוג — א הימל מיט וואָלקנס; אָט, — מ׳דאַרף א לבנה — ז׳איז דאָ! מקדש געווען — ווידער מיט וואָלקנס פארהאָנגען!... (זינגט און פּליעסקעט אנטקעגן די אריינקומענדיקע חסידים) נ־נ־לאַי, לאַי, לאַי־י־י! — — — —

(עולם כאַפּט־אונטער. ר ב י צ ן שטייט בא דער טיר פון איר חדר און ענטפערט צופרידן אַף די,

וואס פאלן אריין מיט א הילכיקן, פריילעכן : „א
גוטע וואך, רביצן ! א גוטע וואך, א גוטן חודש !".
מיגייט א „ריקודל", מיזינגט זייער געהויבן)

סופר

(שרייבט ווייטער. צום עולם)

ש־ש־ש ! — שטילער אביסל !

איציקל

(צום משמש)

אנו, צאפּ נאָר אָן א קענדל וויין, אָביש ! נאָר פונם רויטן. הערסט, אָביש, — פונם רויטן ! (צום עולם) היינט מעגן מיר זיך פארגינען — פונם אמתן, פונם „ייִן־המשומר" ! ... (אביש גייט) איר וועט אונדז מסתם געבן עפּעס פארבייסן, רביצן ? ... (מיט א חניפהלע) פון א י י ע ר ע שיריים... איר זענט דאך עפּעס די מאַמע פון כנסת־ישראל ! — — —

רביצן

אך ! — מיטן גאנצן הארצן, איציקל ! (ער וויל גיין מיט איר. זי האלט אים פריינטלעך צוריק) ניין, איציקל. א שאָד דיך מטריח צו זיין ... (צו שמערלן) קום דו אריין, שמערל

מרדכי

שיינדעלע זאָל לעבן, וויל ניט שיקן די קאַץ נאָך קיין פּוטער ! ..
(רביצן, שמערל — אָפּ).

בטלן

(צעזינגט זיך מיט א הארציקן, אלטן, באַס־טאָן)

אליהו הנביא
אליהו התשבי
אליהו הגלעדי —

במהרה יבא אלינו
עם משיח בן דוד — — —
(עולם כאַפּט־אונטער. דער זמר צעוואָרעמט זיך)

(ג ב א י גייט צום רבינס טיר. וויל ארייַנלאָזן אייניקע מיט קוויטלעך אין די הענט. קלאַפּט־אָן)

רבי

(עפנט די טיר. דערזעט די מיט די קוויטלעך. מיט
א וואַרעמען רירנדיקן האַרץ־טאָן)

וואָס־זשע פּויזעט איר שוין ווי די שאָטנס אַף דער ערד אַרום!?...
לאָזט מיך צורו! ! — — —

(דער זמר ווערט פאַרגליווערט)

א איד

(רייסט זיך דורך מיט אימפּעט)

אַזש פון יאַס בין איך געקומען, רבי! און אימגליק באַ מיר —
א ליך אין שטיב! טאַנצט באַ מיר אין דער נייער דירה אַרים...

רבי

(שמייכלט)

דו ווייסט דאָך, אַז ס׳זענען פאַראַן אפּיקורסים וואָס לאַכן־אָפּ
פון שדים. אין יאַסי זענען דאָך אויך דאָ א זעלכע. נו, איז
דאָך דאָס בעסטע, אַז דו זאָלסט נישט אַרויסטרייבן דעם שד:
זאָל ער זיך דאָרט אַרומטאַנצן — און זאָלן אַקאָרשט די אפּי־
קורסים זען ווי ס׳טאַנצן אַרום שדים און לצים אַף דער
וועלט!... (פאַרהאַקט די טיר הינטער זיך)

(ג ב א י גיט א וואונק צו איציקלען. זיי לויפן ביידע
אַריין אין רבינס שטיבל)

רב

(צו ר׳ דודלען. דעם פינגער אַף דער נאָז לעגנדיק)

ע פּ ע ס איז ניי־ס! — (פּאַוזע)

(א י צ י ק ל קומט אַרויס, פאַרבאַרגט זיין אויפגע־
רעגטקייט. גייט צום סופר, רוימט אים עפּעס איין
אין אויער)

סופר

(שפּרינגט־אויף, דערשראָקן)

וואָס־וואָס? ! — — (בלייבט שטיין באַנומען)

גבאי

(קומט ארויס צעטראגן. צו די מיט די קווייטלעך
אין די הענט)

קינדער, איר'ט שוין קומען — מאָרגן! ...
(אַן איינגעהאלטן גערודער)

ערשטע אידענע

אוי, וויי איז מיר! אפגעשטאנען א נאכט — און איצט הייסט מען מיר קומען מאָרגן!? — וואס זאגט איר דערויף!

דריטע אידענע

(שטופט זיך איינגעשפאַרט צו דער טיר. מיט א
קוויטשנדיק קול)

לאָזט מיך, כאַטש אף־א־מינוט כאַטשבי! ... אפֿאַר ווערטער נאָר צו פרעגן! אפֿאַר ווערטער נאָר!

גבאי

(שטופט זי אָפּ)

מאָרגן! מאָרגן! — גייט געזונטערהייט!

צווייטער זקן

ער האָט זיך אָפּגעשלאָסן — אליין מיט זיין נשמה... מתיחד עם קונו — וואס וויל מען פון אים!?

יושב

שטייגט ער דאָך העכער און העכער — —

ערשטער זקן

דערגרייכט אזא מדרגה, אז ס'איז פשוט — נפלאות!

איציקל

איז דאָך א כל־שכן, אז מ'קאָן געהאָלפן ווערן! — ישועה קרובה לבוא! — —

בטלן

(אין ווינקל באַם פענצטער. צעזינגט זיך פאַרדבקהט)

שומר, מה־מלילה,
שומר, מה־מליל? —

אמר שומר:
אתא בקר,
וגם — — לי־י־ילה! — — —

(עולם כאַפּט־אונטער דאָס ניגונדל, וואָס צעטראָגט זיך שטורמיש, ווי א כוואַליע, פאַלט אריין אין עק־סטאַז און גייט־איבער אין א טאַנץ. משמש ברײנגט ווײן מיט גלעזלעך, שטעלט אפן טיש. אונ־טערן ניגון הייבן אייניקע אָן צו פילן די גלעזלעך. פונדרויסן דערהערט זיך פּלוצלינג א מוראדיק גע־וויין פון א פרוי. דער עולם שפּרינגט־אויף דער־שראָקן)

א פרוי

(פאַלט אריין מיט א האַרצרייסנדיק געיאָמער)

געוואַלד! רבי ראַטעוועט!!! (לויפט צום רבינס טיר) ווײ־ײ איז דער מאַ־מען!...

גבאי

(פאַרשטעלט איר דעם וועג)

שאטס! שאַט!

די מאַמע

(שטאַרק היסטעריש)

אידישע קינ־דער! — — (קלאַפּט אָן רבינס טיר) הייליקער צדיק! — —

רבי

(גיט אָן עפן די טיר. דערשראָקן)

וואָס איז געשען? —

די מאַמע

(פאַלט אים כמעט צו די פיס)

ר־ר־בי! הייליקער ר־רבי! — ראַ־טעוועט!... בעט גאָט פאַר מיין קינד! — — א מקשה לילד — — שוין דריי טעג צו קינד! — — ראַטעוועט, רבינו!!...

עולם

— א מקשה לילד! — —

— א מקשה לילד!!

רבי

„רבי — ראטעוועט”... ווער? איד?! — רוף דעם דאָקטאָר!

די מאַמע

דער דאָקטאָר איז מיאש! ס׳לעבן אָפּגעזאָגט! — — בעט איד דעם הייליקן רבין: ז׳איז גוסס... ווי אי׳דער מאַמען!.. בעט גאָט פאַר איר, רבי! — א מאַמע פון קינדער — ווי אי׳דער מא — מען! — — —

רבי

(זייער געריהרט)

אָרימע אידענע! — ווער זאָל בעטן? איד?... (צום עולם) אמאי קומט מען צו מיר? (צו דער מוטער) ווער בעט — פאַר מיר?!... קאָן איך מיר אַליין העלפן? —

(עולם ווערט מבולבל)

שטימען

— סטאַטש?

— ווער דען? —

— ווער דען, רבי?

רבי

האָט דאָך נאָך דער מגיד געענטפערט דעם ארענדאָר: „אמער בעטסטו מעד, אז איך זאָל דיך אויסלערנען גאָט בעטן — וואָלסטו צו מיר ניט באַדאַרפט קומען!”...

די מאַמע

(מיט שטיקנדיקע טרערן)

לאָזט מיך נישט אויסגיין דאָ פאַר אייערע פיס! — — רבי, בעט גאָט פאַר מיין קינד.

(רבי׳ס קומט־אָן, בלייבט פאַרשטאַרט אין דער טיר. שמערל טראָגנדיק א גרויסע טאַץ מיט פאַרבייסנס — באַנומען)

רבי

(קעמפנדיק מיט זיך)

וו־ווער בין איך? וו־אס בין איך? — מי אני? ומה אני? מה חיי? ומה כחי?!... (שרייט־אויס ביטער) וואס האט איר מיך אויסגעפוצט אין זיידנס? אין א זשופיצע? — גיט מיר א זאק אפן לייב!... איך בין — גארנישט!... גארנישט נישט, — גארנישט!!... א י ך זאל בעטן!?!... (צו דער מוטער) האסט מסתם א פדיון נאך געבראכט, איך זאל בעטן — פאר געלט!?... גאט! דו ביסט — א מאמע! דו וועסט בעטן — ווייל דיין הארץ טוט וויי. — גיס־אויס דיין צעבראכן הארץ פאר גאט!! דארפסט נישט קיין תחינות, דארפסט נישט קומען אהער. גאט איז — אומעטום!... גאט הערט א יעדן. דו ביסט א מאמע — בעט פאר דיין קראנקער, גוססדיקער טאכטער!!... אט איז נאך אידן! — א סך! — (קערט זיך אום צום עולם. אין א זייער ווארעמען טאן) אוי, אידן! — ווארפט אוועק די כוסות!! (כאפט זיך צוריק) ניין! — גיסט־אן, גיסט־אן! אלע — איר אלע ווינטשט „לחיים"!" (אויסער זיך) א אידישע נשמה שטארבט!!! —

רביצן

(ברעכט ארויס מיט א געיאמער)

אוי, גא־ט אין הימל!

(ו ו י י ב ע ר צעכליפן זיך אפן קול)

איציקל

אט ד א ס הייסט ענייות!!

(פ א ר ה א נ ג)

צווייטער אַקט

דעם רבינס שטיבל

הינטערגרונט. א טיר פירנדיק אין בית־מדרש; רעכטס—אַ ספרים־שאַפע מיט שויבנטירלעך, דורך וועלכע עס זעען זיך אָן ספרים—אַלטע ש״ס און דער גלייכן; אַף דער שאַפע ליגט אַ תפילים־זאַק, אַ שופר קוקט פון אים אַרויס; לינקס—אַ גלעזערנע שאַפקע, אין וועלכער עס שטייט אַ גרויס, זילבערן חנוכה־לעמפל אין דער געשטאַלט פון אַן עמוד : אונטן, צווישן ביימלעך, האַלטן אַכט גאָלדענע לייבן פאַרוואָרפן די קעפּ,—זייערע אָפענע מיילער דינען פאַר אוילשיסעלעך. אויבן עפענען זיך צוויי האַלב־טירלעך; פאַררוקט אַף אַ זייט — אַ גאָלדגעשטיקט פּרוכתל; אינווייניק — אַ ספר־תורהלע

די לינקע וואַנט. צוויי פענצטער קומען אַרויס אין גאָרטן אַריין; צווישן ביידע פענצטער הענגט אַ גרויסער, אַלטמאָדישער וואַנטזייגער — וואָגן אַף קייטן, אָן אומרו. לעבן דעם פענצטער נאָענט צום פובליקום שטייט אַ גאַנץ הויכער, זילבערנער לייכטער, אין וועלכן עס ברענט אַ גראָב, וואַקסן ליכט — אַריבערלייכטנדיק אַף אַן אַלטן, ברייטן שטענדער, וואָס איז באַדעקט מיט אַ זיידן טיש־טוכל. אפֿן שטענדער ליגן אַ פּאָר ספרים. עס קוקן פון זיי אַרויס ווייסע פּאַפּירלעך — ,,בקשות״. פאַרן שטענדער שטייט אַ גרויסע שטול מיט אַ הויכן אָנלען

די רעכטע וואַנט. אַ ווינקל־הרובע, אַ טיר אין עולם־שטוב; אַ צווייטע — אין דער רביצנס שטיבל.

א סאָפקע; לעבן איר שטייט א טישל מיט א פלאַש וואַסער, א זילבערן טעצל און א גלאָז. אף דער וואַנט הענגט א לאַנגער, געשניצטער ציוביק פון שוואַרצן האָרן

דעם רבינס מלבושים : א ברייטער, טערקישער כאַלאַט פון בלאַסבלוי זייד מיט א גאַרטל און אַראָפּהענגענדיקע טראָלדן ; אַן אַכטעקעדיקע, סאַ־מעטענע יאַרמולקי; א לאַנגער טלית־קטן; ווייסע זאָקן און לייכטע, זאַמשענע שיך

דער רבי זיצט אף דער שטול לעבן שטענדער און בלעטערט, פאַרקלערט, עפּעס א ספרל מיט א שיינער בינד

דער דאָקטאָר זיצט קעגנאיבער אף דער סאָפקע. אַן דעם היטל. ער האָט פאַרוואָרפן א פוס איבער א פוס, זיין קאָפּ איז אָנגעלענט אף דער רעכטער האַנט; מיט דער לינקער פויקט ער אף דער קני. ער קוקט אין איין פינטל ערגעץ אַן א זייט

ס׳איז פרייטיק־צו־נאַכט — פאַרן „טיש"

דאָקטאָר

(שטייט אויף)

אזוי, אזוי, רבי. גרינג וועט אייך ד ע ר וועג נ י ט אנקומען; שווערער דורכצוגיין דאָס לעבן — וועט אייך זיכער ווערן; אָבער — — צו באַפרייען זיך פון אָט־די ברואים אַליין, — איז א גרויסע דערגרייכונג!.. און אפשר, מיט דער צייט, וועט איר טאַקע קאָנען אויפטאָן פאַר דער כלל־מענטשהייט אויך, ווי איר באַגערט. איר זאָגט דאָך אַליין, אז די אַלע אותיות־תורות האָבן זיך נאָך ניט דערגראָבן צום טיפסטן זין פון לעבן!

רבי

(האַלב פאַר זיך)

וואָס איז דער מענטש?... וואָס טוט ער דאָ אױף דער וועלט?

דאָקטאָר

(נעמט זיין ווייכן הוט)

נאָ, איך מוז שוין גיין —

רבי

(אָוועקלעגנדיק דאָס ביכל פון האַנט. מיט געפיל)

וואָס איילט איר זיך? — לאָזט מיך נישט אַליין מיט מיינע געדאַנקען. קומט עמיצער פון זיי אריין, פיל איך, אז עפּעס שטיקט מיין נשמה... קליינלעכקייט, קטנות המוחין, היינטישע הכנעה פאַרן גדול הדור... בלינדער גלויבן!... זייער גאַנץ־ביסל האָפענונג ארויפגעוואָרפן אפן צדיק. (טייטלט אף זיין הענ־גענדיקער קאַפּאָטע) — פונקט ווי אָט־די שמאַטע וואָס הענגט אפן צוואָק אין דער וואַנט!

דאָקטאָר

כ'ווייס עס —

רבי

זעלטן ווען איך הער אַ ריין וואָרט פון זייער מויל, א חוץ אפשר — פון דודל סנידקעווער: נו, ווייסט איר דאָך — א קרעכץ...

דאָקטאָר

קרעכצן און תפילות און בקשות — דאָס איז היינט געבליבן פון אונדזער אידישקייט.

רבי

(מיט בענקשאַפט)

פאַרמאָגט דאָס אמתע אידישקייט אַזוינע אוצרות ליכט — און דאָך איז אַזוי אויסגעלאָשן אין זייערע נשמות! (שטרעקט־אויס די הענט אינדערלופטן) טויזנטער זונען קייקלען זיך איבער אַזאַ ברייטן הימל, — נאָר שרעקלעכע בערג פאַרשטעלן זיי פאַר מיר און פאַרפינצטערן מיין נשמה מיט זייערע שוואַרצע, טויטע שאָטנס — —

דאָקטאָר

נו? ערגעץ שטייט דאָך געשריבן: „זאָל דער דין דעם באַרג דורכלעכערן!”— מאַכט א וועג פאַרן ליכט, עס זאָל באַלייכטן אייער נשמה!

רבי

גערעכט... אָבער אָט גראָד די תורה דווקא, די טרוקענע מוח־איינגעשפּאַרטקייט פון „יקוב הדין את ההר” — האָט אונדזער לעבן אָפּגעטויט, און עס איינגעוויקלט אין תכריכים פון פאַר־שימלטע שמות!... ניין, דאָקטאָר! די פרישע, זאַפטיקע, האַרץ־תורה, די תורת־חיים זאָגט אַנדערש: „עולם חסד יבנה!” — א וועלט זאָל נאָר דורך חסד געבויט ווערן. חסד באַדאַרף גאָר די בערג נישט דורכשטעכן: חסד איז בכוח בערג דורכ־זיכטיק צו מאַכן!... איך וויל, מיין נשמה זאָל חסד ארויס־שטראַלן, חסד... די בערג אַליין זאָלן ריין ווערן ווי קרישטאָל. נישט קוקנדיק אַף דער העלישער אכזריות פון דער גאַנצער בריאה, וואו איינס שלינגט־איין דאָס אַנדערע — פיל איך פאָרט, אַז דער בורא־עולם אַליין איז חסד און רחמים. — „ורחמיו על כל מעשיו”.. אהבת־השם איז ניט נאָר פון מענטש צו גאָט, נאָר אויך פון גאָט — צו מענטש! איך קאָן מיך נישט אַנוואָ־רעמען אַז א גאָט אַן אכזר, כביכול!...

דאָקטאָר

(נאָכדענקענדיק)

מיט וואָס־זשע דערקלערט איר דאַן די אכזריות אינם גאַנצן לעבן, וואו איינס פרעסט באמת דאָס אנדערע! ?

רבי

שטיי איך טאַקע א פאַרפּלאָנטערטער... נישט מיין — איך קלער: היות ווי איך, בן־אדם, קאָן דעם אין־סוף נישט דער־גרייכן — קאָן איך אויך פּונקט אַזוי נישט משיג־זיין דעם העכסטן מיין פון תכלית הבריאה. דער חסרון ליגט אין מיר, מענטש... און אפשר ? (אומרואיק) אפשר האָט ע ר אנדערש נישט געקאָנט — —

דאָקטאָר

(גיט זיך א כאַפּ)

וואָס־זשע טוט איר מיט דער השלמה — מיט דער פאָלקאָמענהייט פון גאָט! ... (צעשמייכלט זיך)

רבי

איז אין פלוג טאַקע קשה! — און אפשר איז דאָס באמת דער דערקלער פון „בונה עולמות ומחריבן”! ? ... באַשאַפן וועלטן — און חרוב געמאַכט: געפּרובירט אַלץ בעסער און בעסער... און דער אור פון חסד שוועבט ד אָ ך ארום דעם ריינעם, אייביקן אמת — דעם בורא! און דערפאַר דאַרף דער נברא אויך שטרעבן צו חסד — קעגן דער נאַטור! פונם בחיר־היצירה דאַרף דער חסד ארויסשטראַלן. דערהייבן די גאַנצע יצירה צון א העכערער שטאַפּל! כ'וויל, אַז די ריינע נשמה־שטראַלן, מיט די שטראַלן פון די ליכטיקע זונען זאָלן זיך צונויפמענגען, שלום געבן, — און די בערג אַליין זאָלן לייכטן ווי די זונען!

דאָקטאָר

זייער גוט, — המ! ... אָבער צי פאַרגעסט איר, אַז א י ך גראַד האָט צו טאָן מיט מענטשן, וועלכע פאַרשטייען ניט קיין נשמה־שפּראַך ? (מיט איינדרוק) גרינגער קאָן מען ווירקן אף בערג זיי זאָלן דורכזיכטיק ווערן, איידער אף מענטשן — זיי זאָלן זיך ארומקוקן אין לעבן! ... איבערהויפּט ווען זיי זענען

איינגעטונקען אין פאנאטיזם— — (רעזיגנירט) מענטשן, וועלכע האבן אליין קיין נשמות ניט — קאנען אויך קיין נשמה־שפראך ניט פארשטיין!... איר רעדט פון דער נאטור? די נאטור, מיט איר גאנצער אכזריותדיקייט, איז פארט ריין — שטרעבט זי צום ריינעם; אבער מענטש... אויב דער מענטש איז שוין אפילו יא א „בחיר־היצירה" — ווי איר גלייבט—זענט א י ר נאך גענוג ארומגערינגלט מיט צוויפיסיקע חיות, וואס שלעפן נאך אף זיך דעם ווילדן בערן־פעלץ!...

רבי

מענטשן ווערן ריין — ווען זיי פארשטיין די ריינע נאטור, דעם סוד־הבריאה!

דאָקטאָר

זיי ו ו י ל ן זי אבער ניט פארשטיין, זינקען אלץ מער אין פינצ־טערן אברגלויבן!...

רבי

(שטייט האסטיק אויף, לויפט איבערן חדר)

מ'מוז אף זיי משפיע זיין, ווירקן — זיי זאלן יא פארשטיין, זאלן וועלן פארשטיין! מ'דארף זיך נאר קאנען דערהייבן אזוי, אז מע זאל געפינען דאס ריינע ווארט — דעם טראף אין דער נשמה!

דאָקטאָר

נאך גלייבט איר אין דער ווירקונג אף מענטשן? — ווייך אייזן באהאלט ניט לאנג די מאגנעט־קראפט, וואס מ'האט פונאויסנ־ווייניק איינגעווירקט: א קראפט מוז ארויסוואקסן פונאינעווייניק, א נאטירלעכע, ניט קיין שטיף־קראפט.

רבי

(האלב ווי פאר זיך)

ווען קינדערלעך וועלן אין דערזעלבער צייט געבוירן ווערן, וועט דאך זייער קראפט שוין זיין א נאטירלעכע, א מאמע־קראפט — און די שכינה וועט אף זיי שורה זיין!

דאָקטאָר

אבער די אַלטע? אבער די וועלכע קעמפן גאר מיט דער וויר־קונג? — ווי האט איר מיר אמאל אליין געזאגט? „ארמילום הרשע איז טויב אף איין אויער, און ווען עמיצער וויל אים זאגן עפּעס גוטס, שטעלט ער אן דעם טויבן אויער!” . . .

רבי

(ראנגלענדיק מיט זיך אליין)

די „מתי־מדבר” מיינט איר, די „מתי־מדבר”? — מיט די מוז מען... ברעכן! — —

(פּאוזע)

דאָקטאָר

נו, איך מוז גיין, קראנקע, וואס ו ו י ל ן געהיילט ווערן, ווארטן אף מיר! (גיט דעם רבין די האנט)

רבי

(ווי צו זיך)

היילן... היילן... היילן... (צום דאקטאר) גייט, איך האלט אייך נישט אף. גייט געזונטערהייט —

(דאקטאר — אפּ)

רביצן

(קומט ארויס פון איר צימער. זי איז אנגעטאן שבתדיק, מיט פיל צירונג: א ברוסט־טוך, א שטערנטיכל מיט פּערל און דימענטן באזעצט, שנורן פּערל אפן האלדז, גרויסע אויערינגלעך הענגען שווער אראפּ)

פרעג איך דיך: אזוי פיל זיך אפּגעגעבן מיטן דאקטאר — ביז דער עולם זאל זיך — — למאי דארף דיך יענער וויסן?.. אבער, וואס ענטפערסטו מיר נישט? וואס ביסטו אזוי צעדרו־דערט? לויפסט אזוי ארום! — וואס איז, וואס? (ער ענטפערט ניט. איר בליק פאלט אפן ספרל, וואס ער האט פריער געבלע־טערט) א־הא! (נעמט עס אין דער האנט) ס'איז אוודאי מאירילעס א מתנה... אט־דאס איז ער עם געקומען צולויפן! צו ליכטבענטשן — שוין פּארטיק מיט שבת־אויבס.

רבי

(בלייבט שטיין)

מיש איך מיך באַ דיר אין קיך, וואו איך פּאַרשטיי נישט?

רביצן

(באַליידיקט)

איך האָב, דאַכט מיר, נישט נאָר אין טאָפּ אַריינגעקוקט... דער „שבט מוסר" איז עס דאָך געוויס נישט — — (גיט אַ לעג דאָס ספרל פון האַנט)

רבי

אנטשולדיק — נישט געמיינט אַזוי...

רביצן

מוחל... אָבער — אַט די ספרימלעך — — זיי וועלן דיך נישט היילן. גלאַט זיך מאַכן ספקות?

רבי

נישט דאָס ספר און נישט קיין אַנדערע ספרים — — נישט די אותיות־תורות רירן מיר מיין מוח!

רביצן

כ'פאַרשטיי. אַט־דער מאירל, דער דאָקטאָר און די טשערנאָ־וויצער געסט דיינע — זיי פאַרדרייען דיר עס דעם קאָפּ...

רבי

(גיט אַ שמייכל)

לויט דיר קומט אויס, אַז כ'בין ווי איינער אויף אַ וואָגן — און דער וואָגן האָט פערד פונפאַרנט און פערד פונהינטן: די שלעפּן פאַראויס און יענע שלעפּן צוריק. זאָלסטו וויסן זיין, אַז אויב ס'האַלט דערביי, — וועל איך בדאי פון וואָגן אַראָפּשפּרינגען, אַבי מיין אייגענעם וועג צו גיין!

רביצן

(אַפּזיפּצנדיק)

טאָמער ווייסטו וואָס! — זיך אַ ברירה נישט געקאָנט אָפּלעבן במנוחה, ווי אונדזערע עלטערן, זכרונם לברכה?

רבי

(אויפגערעגט)

ניין ! ... דאָס לעבן אליין שטייט פאַר מיר, שטילשווייגנדיק, און פרעגט מיך אָפּ שאלות. יעדער שטערן אין הימל, יעדעס גרעזל אַף דר׳ערד פרעגט מיך : פונוואַנען ? וואוהין ? און צוואָס ? ... שטומע פראַגן ... אַף וועלכע קיין ענטפער האָב איך נישט ! א דונער פון די וואָלקנס, א קרעכץ פונם ווינט — שרייט־אויס א מחאה, א פּראָטעסט קעגן דעם עולם־השקר ! ... יעדער רעגנטראָפּן איז א טרער פון דער וועלט — די וועלט וויינט דערויף, וואָס קיינער וויל איר ציל נישט באַגרייפן ...

רביצן

(אין אויפרור)

דו רעדסט פון היץ ? —

רבי

(מיט א ביטערן שמייכל)

יאָ — פון היץ רעד איך ... א העליש פייער ברענט מיין האַרץ. (מיט התלהבות) — ס׳איז דאָס שטיקל אמת וואָס גאָט האָט מיר געגעבן !

רביצן

(ציט מיט די אַקסלען)

קיינעם האָט דאָס לעבן נישט געפונען שאלות אָפּצופרעגן — חוץ אים. נו־נו ! מיר דאַכט דער טאַטע מיינער, זכרונו לברכה, איז אוודאי געווען אַזאַ קאָפּמענטש פונקט ווי דו. א וועלט מיט מענטשן געפאָרן אים אן עצה פרעגן. אפילו „גילוחים", וואָס דו וואָלסט זיי שוין געהאַלטן פאַר גאַנצע פילוסופים, פלעגן אויך קומען א קלוג וואָרט צו הערן ; אָדער דער שווער, זכותו יגן, דער טאַטע דיינער — געווען א צדיק, זאָל השם־יתברך באַטש איינגיכן אונדז באַשערן אַזאַ קדיש ! — זיי זענען זיך גאַרנישט געווען אַזוי מרה־שחורהדיק ווי דו. תמיד — מיט א טענצל ! געלעבט און געדאַוונט און זיך געעלטערט אין עושר און אין כבוד. ס׳איז זיי גאַרנישט געווען קשה : דאָס לעבן האָט זיי תמיד נאָר פאַרענטפערט, ניט קיין קשיות געפרעגט — ווי דיך.

אלא מאי ? — ס'האט זיך עפּעס, חס־ושלום, געטראָפן ? — איז גאַרנישט : „אַן השגחת הבורא״ ! — און ווידער אַ טענצל און אַבער אַ הוליע !

רבי

רעד ווייניקער. מענטשן, באַ וועמען די וועלט איז אַ פּורים־שפּיל, דאָס לעבן — דער כבוד, און דאָס ציל פון לעבן — דער עגל־הזהב, דאָס גאָלדענע קעלבל ; נאָר אַזעלכע טוען זיך אָן אין מאַסקעס און גייען אַ „האָצעדראָלקע״ ! . . . (ערנסט) פאַראַן אָבער, אַז דעם מענטשנס וועלט איז דער קלאָרער געדאַנק, זיין לעבן — דער ריינער אמת, און דאָס ציל זיינס — משיג צו זיין, צו באַגרייפן דעם זין פונם לעבן : זיך צונויפצוגיסן מיט דער נשמה פון דער וועלט ! (אַ קרעכץ) מיר איז נישט צום טאַנצן... יעדער פראַגע שטעכט זיך ווי אַ נאָדל אין מיין נשמה אריין ! — — (וואָרנענדיק) ריר זיך נישט צו צו מיין מוח, ווען פאַדערנדיקע פראַגן באַפאַלן מיך, שטיין מחנות־ווייז און קלאַפּן אָן מיין טיר !

רביצן

(שאָקלט מיטן קאָפּ)

שעמען מעגסטו זיך פאַר דיינע ווערטער !... כ'פאַרשטיי גאַרנישט, ווי־אַזוי עפּנט זיך נאָר אַ מויל פון אַ זון צו רעדן אַף זיינע עלטערן, וואָס זענען שוין אַפן עולם־העליון ? מילא אַף מיין טאַטן, עליו השלום, גאַרנישט — אַ שווער... אָבער אַף אַן אייגענעם פאָטער ! ? ... „אין מאַסקעס״ זענען זיי געגאַנגען, האַ ? (מיט פאַרוואָרף) און באַ דיר, נאָר באַ דיר, איז דער אמת ! שעם זיך, זאָג איך דיר ! — דאַרפסט תשובה נעמען, זאָג איך דיר !

רבי

תשובה זאָל איך נעמען דערפאַר, וואָס איך וויל זייערע ירושה־מאַסקעס אַראָפּוואַרפן ? —

רביצן

זאָל זיין אַזוי.

(פאַרדעקט אירע אויגן מיט די טיכל־שפּיצן)

(פּאַוזע)

רבי

(שפּאַנט הין און צוריק. בלייבט שטיין לעבן דער רביצן. רעדט ווייך)

זאָג מיר, האָט מיין לעבן בײַ דיר נאָך עפּעס אַ ווערט?

רביצן

(דורך טרערן)

וואָס איז דאָס פאַר אַ פראַגע? וועמען האָב איך דען, אימ־שטיינס געזאָגט, איבערגעלאָזט אויף דער וועלט? — די אבות מיינע אויפן עולם־העליון... קיין שטיקל קינד — נישטאָ... וועמענס דען לעבן? — עפּעס, איינס מוז דאָך אַ מענטש האָבן...

רבי

הער־זשע: אויב דו ווילסט מציל זיין מיין מוח, מיין לעבן —

רביצן

(אומגעדולדיק)

איז וואָס? —

רבי

הער ווייטער: אַז אייגן הויז האָסטו, אַ שיינס, אַ „הויף" — אַ פּאַליי! (די רביצן רודערט זיך, ער האַלט זי אויף מיט אַ האַנט־באַוועגונג) געלט, אויף אָפּצולעבן וויפל דיר איז באַשערט, האָסטו אויך... קיין קינד האָבן מיר נישט...

רביצן

(וויל זיך נאָך אַלץ באַהערשן)

הכלל, וואָס־זשע?

רבי

(געלאַסן)

איז אויס „רבי"! — און זיך זיין אַ פּשוטער, כשרער — —

רביצן

(פּלאַצט אַרויס. אין שרעק)

ביסט משוגע, וואָס!?... „אַ פּאַליי מיט געלד"! — געלט איז קיילעכדיק... און השם־יתברך קאָן זיך מרחם זיין און מיר וועלן נאָך האָבן קינדערלעך אויך! מיין האָפענונג איז נאָך גרויס — — ווען דו וואָלסט נאָר...

רבי

(גלייכט זיך אויס)

און אז מען איז אן ארימאן, א עני ואביון, און א טאטע פון קינדער — מעג מען יא די נשמה דעם טייוול פארקויפן?...

רביצן

(שפרינגט אויף)

ווילסטו גאר אוים איד ווערן!? — (צעוויינט זיך. זעצט זיך צו. פאוזע) רבונו של עולם, וואס טוט זיך דא! (טענהט צו אים דורך טרערן) פון דור צו דור טראגן אונדזערע עלטערן אף זיך די אחריות פארן כלל ישראל... ברענגען אריין ליכט און פרייד און טרייסט אין זייער פינצטער לעבן — און דו קומסט פלוצים און ווארפסט אראפ דעם יאך פון זיך!

רבי

גוט! — (טענהט מיט די הענט איר אין פנים אריין) וואס־זשע טוט אבער אן ארימער יתום פון א רייכן טאטן, אז ער אליין פארמאגט אפילו נישט א פאר בידנע גראשן־ליכטלעך — אף ליכטבענטשן — ווי קאן ער יענעם ליכטיק מאכן?... וואס־זשע פארט מען צו מ י ר? — מיט וואס זיי קומען מיט דעם גייען זיי אוועק!

רביצן

געוואלד, — כ'וועל זיך מיד דארפן באגראבן לעבעדיקערהייט פאר חרפה און פאר שאנד!

משמש

(שטעקט ארויס דעם קאפ פון דער רביצנס טיר. רופט) רביצן, רביצן! קומט זייט מוחל! (זיין קאפ פארשווינדט)

רביצן

(גיט זיך א כאפ, איילט צו דער טיר. בא דער שוועל בלייבט זי שטיין א רגע, דרייט אויס דעם קאפ צום רבין)

מסתם שוין אלע זיך צונויפגעקומען... גרייט זיך צו.

(אפ)

רבי

(בלייבט שטיין אינמיטן צימער)

ניין! — דער אמת איז מיר טייערער! (גייט־צו צו דער שאפע, עוסקט זיך צווישן די ספרים, נעמט ארויס א כתב־יד, בלעטערט. שאקלט מיטן קאפ) מיט וויפל בלוט און הארצוווייטיק איז דאס געשריבן! א שטיק נשמה מיינע שטעקט דא. נאר — ניין! נישט מיט אותיות קאן מען עפעס פועל זיין... מיט מויל, מיט צונג — מיט לעבעדיקע מלאכים! (רביש) אט־דאס איז דער סוד פון „קול אדשם שובר ארזים!" — אין דער שטים פון א ריין הארץ ליגט א כוח־אלקים, וואס ברעכט אפילו ביימער אוים!... נאר שטארק און ריין מוז עס זיין! שטארק ווי דער דונער און ריין ווי די זון! —— (ער לאזט אפן די שאפע, גייט מיטן צעבלעטערטן כתב־יד צום שטענדער, זעצט זיך, קוקט אריין. פארמוטשט) שטארק און ריין... (אונטערברומענדיק מיט א ניגון) קול אדש־ם שובר אר־זי־ים... קול אדש—ם שובר אר־ז — זי — י־י־ים (שטילקייט)

גבאי

(רוקט זיך שטיל אריין אף א זייט, צומאכנדיק די טיר הינטער זיך. ער טראגט אין די הענט דעם רבינס ניידענע, שבתדיקע קאפאטע מיטן שטריימל)

עולם האט גענבעטן אריינגיין צום טיש. שוין שפעט... דער רב איז שוין אויך דא. (צענעמט די קאפאטע) טוט זיך אן —

רבי

(ניט ארויסקוקנדיק פונם כתב־יד)

זאג זיי, כ'בין עפעס נישט מיטאלעמען...

גבאי

(גיט א גלאנץ מיט די אויגן)

ווידער „נישט מיטאלעמען"! פאר אכטאגן — „קיין כוח נישט", איצט — „נישט מיטאלעמען", פאר צוויי וואכן — גלאט נישט געגליסט זיך... היינט — דאס, מארגן — יענעס!... נו־נו!

רבי

(געלאַסן)

און אַזוי וועט אם־ירצה־השם איבער אַכטאָג אויך זיין —

גבאי

(וואַרפט־איבער די קאַפּאָטע אַף דער לינקער האַנט)

איר רעדט אייך קאַלטבלוטיק? — דאָרטן וואַרט אַן עולם!

רבי

נו, זאָלן זיי נישט וואַרטן

גבאי

אורחים פון פרעמד צופאָרן געקומען. חסידים, גבירים, רבנים!

רבי

זאָלן קומען די אבות אַליין — איך גיי נישט!

גבאי

האָטס רחמנות אַף דער רביצן — די אויגן זיך שוין אויסגעוויינט...

רבי

זאָל זי נישט זיין קיין שטיאַ

גבאי

צוזען, שווייגן — און שעפּן נחת?

רבי

(אַ רוק פון זיך דעם כתב־יד)

אַדיע רעדן!

גבאי

(גיט אַ וואַרף די קאַפּאָטע מיטן שטריימל אַף דער סאַפּקע)

פיין! זייער פיין... (אַפּ אין דער רביצנס צימער)

רבי

(צורוקנדיק דעם כתב־יד)

ס'מוז נעמען א סוף! (פאוזע. לייענט ארויס, טרויעריק) „די ראשונים האבן זיך מקריב געווען אף „קידוש־השם" — און וואו איז „קידוש־האמת"?... אמת מארץ תצמח! — ווען ס'איז דא אמת אף דער וועלט, דארף מען זיך גארנישט מקריב זיין אף קידוש־השם!..." (קוקט זיך ארום אין דער לופט) אמת... אמת... ג'וואלד — ס'אר אנ'עולם־השקר היינט איז!

רביצן

(אנקומענדיק מיטן גבאי. איבער דער שוועל)

וואס גייסטו נישט צום „טיש"? (א שפאן נעענטער) — פארשעם נישט די ליכטיקייט פון שבת

(ר ב י רירט זיך ניט)

רביצן

(צום גבאי)

וואס זאגסטו אף מיין אומגליק? — מיין קאפ באנעמט עס גאר נישט

רבי

(ניט אומקוקנדיק זיך)

„אן אומגליק"! — מוז יעדער איד דווקא זיין א רבי? גע־הערט אן אומגליק! (איבערן אקסל אריבער) איך האלט, אז איך נאר־אפ יענעם און גענאר זיך אליין.

רביצן

(שאקלט מיטן קאפ)

ס'איז בא אים א גארנישט איז עס! — זיך גוט דערלעבט. (טרערן שטיקן זי) אזא לעבן... (שטילער, דעם קאפ אראפ־געלאזן) בא מיין טאטן האב איך עס אוודאי נישט געזען...

סופר

(פאלט אריין דורך דער זייטיקער טיר. רעדט אפ־גיך, טענהט מיט די הענט)

וואס מאכט׳ן אזויפיל שהיות, הא? — דער עולם שטייט אין לאוועם! ס׳אי׳שוין אזוי שפעט!

רביצן

(צום סופר)

גיי זאג — ער קומט די רגע, די מינוט... (צום רבין. מיט תחנונים) נו, ברעך שוין דעם יצר הרע —

סופר

(צום גבאי)

וואס? — היינט אויך נישט?!...

גבאי

(שאקלט מיטן קאפ)

פרעג נישט. ס׳איז רעכט!

סופר

(בעטנדיק)

מ׳ווארט אף אייך, אז עדה אידן . . . פארשעמט ניט, האט רחמנות

רבי

אף זיי? אף דיר? און אף מיין אייגענער נשמה — ווער?

רביצן

(ברעכט ארויס)

אף זיי, אף מיר, אף דיר... פארצאפ שוין ווייניקער בלוט, גאט מיינער!

גבאי

בקיצור, א סוף! — ס׳קריכן דאך שוין די אויגן דארט ארויס ווארטנדיק. זיך אפגעווארגן מיט דער סעודה אין איילעניש און באפעניש — און געקומען אהער געגעצן... פיין!

רבי

(גיט זיך האסטיק א דריי־אויס צו זיי)

מיט וואס זאל איך צו זיי קומען? מיט מיין צעבראכנקייט?

מיט מיין אויסגעהוילט האריץ? (צום גבאי) — אט שטריימל דו זיך אַן און גיי דו אריין צום „טיש"! ...

גבאי

(צום סופר)

שוין איינמאָל אַן עקשן — א פעפערל!

(פּאוזע)

סופר

(זעצט זיך בכיוון אוועק אף דער סאָפקע)

ס'אי'מיר פשוט א בזיון צוריקצוגיין: ערשט זיך אָפגעשוואוירן ס'געזונט; פאַרלייזשט די מעשה מיטן דאָ־קטער... און איצט — יענעמס אמת!

רבי

ווער האָט דיר געהייסן פאַרלייקענען, האַ?

סופר

(מיט א ביטער געלעכטערל)

ניין — דעם אמת זאָגן, יאָ!?

רבי

(שטרענג)

נאָר דעם אמת! — איך האָב פאַר קיינעם קיין מורא נישט!

גבאי

(גיפטיק)

און פאַר גאָ־אָט!?

רביצן

(צום גבאי)

האַלט ס'מויל, שמואל! (צום רבין) נו, דערבאַרים זיך... האַרצעניו, קרוין מיינע

רבי

(מיט ווייטיק)

אייזערנע קייטן וואָלט איך גרינגער איבערגעטראָגן. אוי!

(פּאוזע)

רביצן

(צום סופר)

וואָס האָסטו זיך אוועקגעזעצט?

סופר

(זיצנדיק)

איך גיי נישט! (ווייזט אפן גבאי) לאָז ע ר גיין! —
ס'פלאַמט דאָס פּנים! (פון דער עולם־שטוב דערטראָגט זיך
אַן אויפגערעגט שושקען זיך: מ'הערט זיך אונטער) אַ חרפה...
אַ חוכא ואיטלולא!

רביצן

(האָט זיך צוגעהערט)

ווי איז מיין לעבן! — דער עולם צעגייט זיך...

גבאי

(פאַרדראָסיק)

שוין דעם דריטן שבת!

רביצן

(מיט פאַרוואָרף)

וואָס־זשע רירסטו זיך נישט?

גבאי

(גאַליק)

איך קאָן דאָך נישט גיין מיט אַ הוילן לולב — אָן דעם אתרוג!

רביצן

(שרייט אויס צו ביידע)

גייט, זאָג איך! —

(סופר און גבאי לאָזן זיך גיין)

גבאי

(באַ דער טיר בלייבנדיק)

ס'רעשט זיך דאָרט... וואָס דען? — שוין דעם דריטן שבת!
—אַן אויפרור, אַ געטימל!

רביצן

(ווײנענדיק)

ווײ אי׳מיר, ווײ־ײ... (ברעכט די הענט)

רבי

(פלוצלינג)

לאָזט, — א י ך גײ!... כ׳ווײס מיט וואָס איך דאַרף פאַר זײ אַצינד קומען!

(פאַרגיכערט די טריט, אויפגערעגט)

(גבאי כאַפּט די קאַפּאָטע, סופר — דאָס שטרײמל, אים צו דערלאַנגען)

רבי

(שטופּט זײ אָפּ, דאָס שטרײמל פאַלט אַראָפּ)

אוים! אוים!... בערל דעם ריזשענערס — איז א פּשוטער חי־וקים!!... (לויפט צו דער עולם־טיר, שרײענדיק) אי־דן! אידן!... (גבאי פארשטעלט אים דעם וועג)

רביצן

(כאַפּט זיך מיט בײדע הענט פאַר די באַקן, קנײפּט)

ווײ אי׳מי־י־יר — כ׳נעם מיר ס׳לעבן, נעם איך מיר!... האָב רחמנות — קום הער — כ׳גײ אוים!...

(עס דערהערט זיך א גערודער. די טיר ווערט אויפ־געפראלט. עס קומט אריין דער ר ב — טרעפנדיק דעם אויגנבליק, ווען דער גבאי האַלט אויסגעשפרײט בײדע הענט פארן רבין, אים צוריקצוהאלטן. דער סופר פארמאכט גיך די טיר)

רב

(דערשראָקן)

גאָט אי׳ מיט אײך! וואָס איז געשען?

רביצן

(שיסט ארויס היסטעריש)

אוי, אוי — ראטעוועט! (וואקלט)

גבאי

ג׳וואלד, זי חלשט! — וואסער! (ער פירט זי צו דער סאפקע)
(דער רבי בלייבט געפלעפט)

רב

רופט עמיצן! (סופר לויפט צום טישל, ברענגט וואסער) רופט עמיצן אריין! זאל מען לויפן נאכן דאקטאר. (וועלנדיק עפענען די טיר צום עולם) דעם דאק — טער!

גבאי

(האלט אים אפ)

מ׳דארף נישט! ס׳וועט אריבער — די „ספאזמע״ אירע...
(רבי טרעט צוריק.ווארפט זיך אין שטול, לאזט אראפ דעם קאפ)

(פאוזע)

רביצן

(קומענדיק, כלומרשט, צו זיך)

ס׳אי׳מיר שוין בע־סער — —

רבי

(זיפצט טיף ארויס)

אכ־כ־ך!...

גבאי

(נעמט אוועק דעם סופר אן א זייט. גנביש)

גיי אריין... (ווייזט צו דער טיר) די רביצן — פארשלאפט געווארן... ר׳וועט באלד גיין צום טיש...
(רבי באמערקט דאס סודן זיך, שאקלט מיטן קאפ. דער סופר גייט אהין, הייבנדיק די אקסלען)

רביצן

(רעדט שוואכלעך)

גיי אריין... ס׳איז שבת...

גבאי

(גייט־צו צום רבין, בייגט זיך איין. שטילערהייט)

איר'ט גיין ?

רבי

(גיט א מאך מיט דער האנט)

גיי אוועק, — איך קאן נישט

רב

(מיטפילנדיק)

נישקשה. זכות פון שבת... שבת היא מלזעוק — רפואה קרובה לבוא !

רביצן

(„מענטשט" זיך כלומרשט)

ס'אי'מיר שוין גרינגער... גיי... מ'טארניט שבת פארשטערן.

רב

(כאפט אונטער)

יא, יא ; קומט אריין. עולםווארט

גבאי

(ווערט דרייסטער, טרעט־צו, צענעמט די קאפאטע)

טוט צוליב דעם רב. (חניפהדיק) פארט אן אלטער פריינט

רבי

(שטופט אים אפ)

כ'קאן נישט !

רב

(פארוואונדערט ; גיט זיך א דריי אף א זייט)

נשקשה . . . ס'הארץ מסתמא איבערגעקלעמט. עט ! קומט, מאכט קידוש, שיקט אריין א קאפיטשקעלע וויין. זי ט'עפעס געמען אין מויל אריין, — ס'ט איבערגיין. (דערמאנענדיק זיך) קומט. — איר האט שוין טאקע א פאר שבתים נישט געפראוועט דעם „טיש".

רבי

אוים „טישן"! ... וואָס ווילט איר, וואָס?

רב

(גלאָצט מיט די אויגן)

ווי הייסט? איך פאַרשטיי נישט. וואָס רעדט איר? כ'מיין?..

רבי

(שטייט אויף. אנטשלאָסן)

אַט־דאָס וואָס איר הערט! — איך קאָן מערער נישט פּראָוון! (כאַפּט אָן דעם רב פאַר די לאָצן. פלאַטערנדיק) ווער בין איך? וואָס בין איך? ... (לאָזט זיך צוריק אַראָפּ אין שטול)

רביצן

(צום רב)

וואָס זאָגט איר אַקאָרשט דערויף, רב? „ווער בין איך און וואָס בין איך?" — ווי געפעלט אייך טענות, הא? ... „ווער איז ער?" — אוודאי פון נחות־דרגא, איא? ... אזעלכע אבות, אזעלכע לייבן!

רב

(דרייט זיך אָפּ אַ זייט, ווי אָפּשאָקלענדיק מיט דער האַנט די ווערטער)

אי, שטותים ... אַ קליינינקייט אזאַ זכות־אבות? אזוינע קדושים, צדיקי־עולם!? (בלייבט שטיין מיט צעגומענע־הענט) — אַ שטאַם פון דוד המלך! כ'מיין! (מיט אַ שמייכל) און זכות־עצמו שוין גאַרנישט ווערט? אי, שטותים!

רבי

(מיט אַ לייכטן שמייכל, גיט זיך אַ רוק אין דער שטול, אויסדרייענדיק דעם קאָפּ צום רב. געלאַסן)

הערט, רב! — אַ מלך האָט אַמאָל זיך געהייסן אויסבויען אַ גרויסאַרטיקן פּאַלאַץ. האָבן אים די גרעסטע קינסטלער אויפגעשטעלט פון די זעלטנסטע, טייערסטע שטיינער וואָס די וועלט פאַרמאָגט. דערנאָך האָט דער מלך אַראָפּגעבראַכט די באַרימט־

סטע מאַלער פון אַלע פיר־עקן פון דער וועלט און זיי באַפוילן אויסצומאַלן די פיר ווענט פון זיין קרוינזאַל: א יעדער באַזונדער — נאָר איין וואַנט. האָט איינער געהאַט אָפּגעמאָלן א וואַנט, האָט ער זי פאַרהאַנגען. און דער צווייטער האָט זיך גענומען מאָלן זיין וואַנט. האָבן דריי פון זיי — זייער גאַנצע נשמה אין געמעלעכץ אריינגעלעגט. נאָר דער פערטער מאָלער איז געגאַנגען און האָט אויסגעמאָלן די פערטע וואַנט מיט עפּעס אַזאַ מין פאַרבקאָליר, אַז — די גאַנצע וואַנט איז געוואָרן פונקט ווי דער טייערסטער שפּיגל אין דער גאָרער וועלט... און ווען דער מלך איז אַריינגעקומען צו זען און באַקוקן דאָס געמעלעכץ פון זיין קרוינזאַל, האָט א יעדער מאָלער פאַר אים אַראָפּגעריסן דעם פירהאַנג פון זיין וואַנט. זענען אים אַלע דריי ווענט זייער געפעלן געוואָרן; נאָר דערזעענדיק די פערטע וואַנט — איז ער געבליבן פאַרגאַפט: אַזאַ שיינקייט פאַרמאָגט די וועלט נישט! — עס האָט זיך געדוכט, אַז די אַלע שיינע געמעלעכצער פון די איבעריקע דריי ווענט זענען גראָד אויסגעמאָלט — פונקט אָף ד ע ר וואַנט... (מיט א קרעכץ) דאָס זעלבע, ליעווער רב, איז אויך מיטן יחוס: אויב דער בעל־יחוס איז זיך נוהג בקדושה וטהרה פונקט אַזוי ווי זיינע אָבות הקדושים — ווערט ער ווי א לויטערער שפּיגל און עס שפּיגלט זיך אָפּ אָן אים אַלע זיינע הייליקע אָבות. און ד ע ר הייסט באמת א מיוחס!... אָבער א י ך? (באַקוקט זיך) — א פּשוט שטיק גלאָז... א שטיק גלאָז, וואָס איך קוק־דורך — ווי אין א פּוסטע ליידיקייט!...

גבאי

(ציט מיט די אַקסלען)

זיך אַריינגעלאָזט אין א מרה־שחורהדיקער עניוות. טאָמער ווייסט איר וואָס? „דור־דור — וצדיקיו!"... יעדער דור האָט זיך זיינע צדיקים.

רב

וואָ'דען? „אם הראשונים כמלאכים" — מנע!... „אנו כבני־אדם"!...

רבי

„מלאכים"? „מענטשן"? — מענטשן שטייען העכער פון מלאכים!

רב

(בלייבט שטיין, איבערלעגנדיק)

נו, אדרבה? — א בפירושע גמרא!...

רבי

אבער מענטשן! — מענטשן מיט נשמות... מיט ריינע נשמות.

רביצן

מיר דאכט, ד'ביסט א מענטש מיט א ריינער נשמה — —

רבי

איר ווילט אבער איך זאל מיין נשמה פארפלעקן! פאראומ־ריייניקן!

רב

(דערשטוינט)

וואס רעדט איר, רבי?!

רבי

יא! אין דער סיטרא־אחרא ווילט איר זי אריינוואַרפן... מטמא־זיין... פארבן ווילט איר זי — —

רב

(דערציטערט)

גאט אי'מיט אייך! — שטייטש...

גבאי

(רייסט איבער

טענות — אהיז, טענות — אהער!... עט'מען שוין גיין אמאל צום „טיש", הא? — דער האז וועט דאך שוין באלד קרייען! נו — נו!

רב

(וואלט זיך וועלן ארויסמאכן פונם גאנצן פלאנטער)

קומט טאקע, רבי, ס'ווערט שפעט... שוין באלד האלבנאכט

רבי

(צעהיצט זיך)

איך גיי נישט, האָב איך דאָך געזאָגט! (לויפט אויפגערעגט איבערן צימער) געגנוג אַליין געבלאָנדזשעט און אויך אַנדערע פאַרבלאָנדזשעט... געגנוג שוין מיך אַרומגעפירט ווי א בער — צוליב דעם טריפהנעם גראָשן! טויזנטער חסידים זענען גע־קומען צוקוקן ווי דער בער טאַנצט. העוויות געמאַכט. א קאַ־מעדיאַנטל געווען — מיט דרייצן שפּיצן אויף קאָפּ... פאַרוואָס? פאַרוואָס?! (בלייבט שטיין. רעדט פאַרביטערט, שפּאָטיש. טאַפּנדיק זיינע אברים) טריף און פרעמדס איז יעדער טראָפּן בלוט — פון פרעמדע בלוט געזויגן!... אַזוי פיל יאָרן גע־לעבט — פון יענעמס אומגליק... מיט פאַלשע האָפענונגען זיי געטרייסט. זיי צוגעזאָגט: גאָט צו בעטן... מתפּלל צו זיין... צווישן בלינדע בין איך אַזוי לאַנג אַרומגעגאַנגען; בלינדע, וואָס האָבן זיך איינגערעדט, אַז עמיץ איז גוזר און עמיץ איז מבטל!... (ביטער) ווער איז דאָ גוזר און ווער איז מבטל, האַ?!...

רב

(שפּרינגט אויף)

איר זענט מטיח דברים כלפּי מעלה! — אויף גאָט רעדט איר... איר — דעם ריזשענערס זון!!... וויי צו מיינע אויערן!

רבי

גערעכט. וויי צו די אויערן, וואָס ווילן דעם אמת נישט הערן! און וויי צו די אויגן, וואָס ווילן נאָר בלאָנדזשען און דעם וועג פון אמת נישט זען!

רביצן

(צעוויינט זיך אויפן קול)

אוי, מיין גרויס אומגליק, אוי־י!... (וואָרגט זיך מיט טרערן) צו וואָס מיר האָבן זיך דערלעבט... (ברעכט די פינגער)

(די טיר עפנט זיך עטוואָס מער ווי געוויינטלעך. מידערזעט דעם עולם, וואָס שטייט דאָרט אין צוויי שורות, וואַרטנדיק אויפן רבין. עס קומט אַריין דער סופר)

סופר

(צומאַכנדיק די טיר)

זיך נאָכניט אָנגעטאָן? ... (באַמערקט די שטימונג, בלייבט שטיין) וואָס אי׳שוין ווידער? (דערזעט די רביצן) — זי וויינט! ?

גבאי

(שאָקלט מיטן קאָפּ)

זי האָט שוין אַף וואָס צו וויינען, ברודער.

(פּאוזע)

רב

(דרייט מיטן קאָפּ)

ניין... פאר אַזוי שלעכט האָב איך אייך נישט געהאַלטן... כ׳האָב געהערט: עולם — מומלט... דער דאָקטאָר ליגט איבער באַנ׳אייך... מ׳שליסט זיך אַפּ אַף גאַנצע נעכט... מ׳שפּילט שאַך... מ׳שפּאַלט וואַסער — צוויי יסודות פונם א ח ד אַרויס!... האָב איך אפילו פאַרשטאַנען: ע! — קיין „תיקון״ קומט ער באַנ׳אייך נישט נעמען; נאָר איך האָב מיר געטראַכט — עט! אַ יונגערמאַן — מילא. ער וויל זיך דאָרט הערן פון חכמת־יון — גאַרנישט. אונדזערע חכמים האָבן עס אויך געקאָנט, כע, כע, כע!... זיי האָבן אָבער פאַרשטאַנען, אַז די גרעסטע חכמה פון אַלע חכמות איז נישט צו זיין צו־קלוג, נאָר צו טאָן דאָס וואָס דער אייבערשטער הייסט. (צעקאָכט זיך) און איר האָט תמיד געהאַלטן אין איין שרייען: „קינדער, הייבט דעם מוח! הייבט דעם מוח!...״ אשטייגער — וויפל איז דער שיעור? כע, כע!... כ׳מיין... (זיך דערמאָנענדיק) צי אַז מאירל פּלעגט קומען. כ׳האָב געוואוסט: אַ קנאַפּער ירא־שמים מאירל... קיין מוסר־ספר פלעגט ער מסתמא נישט ברענגען הינטער דער פּאָלע... נאָר — גאַרנישט! איך האָב מיר געזאָגט „בהדי כבשי דרחמנא למה לי?״ — מיין דאגה, וואָס? אינמיטן בין איך דאָך אַ ר־ב, אין אַ חסידישער שטעטל, אונטערגעוואָרפן אונטער אַ רבין — און אַ־אַ־אַ מטופל מיט קינדער... כ׳מיין!... גאַרנישט, האָב איך פאַרביסן מיט די ליפּן! (צעשמייכלט זיך) צי די „תורות״ אייערע פאַרן

עולם! — למאי זאָלן מיר זיך גענאַרן? — איך האָט מיר תמיד איינגעגעבן כינע אין ווייַנשל־איינגעמאַכץ . . . כע, כע, כע! . . . נאָר וואָ׳דען? — כ׳האָב געגלייבט: עט! — אַזוי ווייט וועט די ביטערקייט נישט דערגיין... אָבער איצט? (דרייט מיטן גראָבן פינגער קעגן די שלייפן) טאַקע ביז אין דער נקודה הפנימית שבמוח געריירט! (צעפּלאָמט זיך) האָסטו געהערט ווערטער: „ווער איז עס דאָ גוזר און ווער איז מבטל!?" מילא אַז א י ר קאָנט נישט מבטל זיין, בין איך אייך מוחל; אָבער „ווער איז עס דאָ גוזר?" — קיין בר־ישראל קומט דאָך גאָר אזא געדאַנק נישט אַפן מוח!... פּ־פּע, שעמט אייך! — מ׳דאַרף זיך ממש קריעה רייסן!...

רבי

יאָ... איך שעם זיך און קריעה מעג איך זיך רייסן, ווען מענטשן זענען אַליין פאַרגרייזט און קומען נאָך אַנדערע מענטשן, מיט נשמות, מיט צעבראָכענע, עלנטע נשמות — מוסר זאָגן.... נייַן, גערעכט איז דער דאָקטאָר: „מענטשן וועלכע האָבן אַליין קיין נשמות נישט — קאָנען אויך קיין נשמה־שפּראַך נישט פאַרשטיין!"... (הארציק) האָט נישט פאַריבל, רב... אָבער צי קאָנט איר פילן דעם צער פון מיין נשמה? צי קאָנט איר דען פאַרשטיין די שרעקלעכע ספקות, וואָס צערייסט מיר מיין האַרץ מיט איר אייביקן ווידעראַנאַנד?... (פאַרביטערט, אָבער מיט פאַרוואָרף) איר קומט מיר מוסר זאָגן, מיר!... נעמט אַראָפּ די בעלמעס פון אייערע בלינדע אויגן און זעט: פאַרפוילט האָט מען מיר די נשמה מיט די אָפּגעלעבטע, אַלטע און פוילע געדאַנקען פון געשטאָרבענע אותיות־תורות און געצנדינערישע מנהגים!

רב

(גיט זיך א כאַפּ)

דינים און מנהגים זענען... זענען — מסיני, פון גאָט! — כ׳מיין, ע....

רבי

די וועלט דאַרף דאָך נאָר א הכשר אף בלוט צו פאַרגיסן... האָט זי באַשאַפן — געטער! מיט כהנים, מיט גלחים!... (דער רב קאָן ניט איינשטיין. רבי זייער הארציק) רב, ווי לעבט מען זיך

אוים אין אזא ליגנערישער, מיאוסער וועלט, וואו מענטשן מ י ט נשמות מוזן זיך פארשטופן — אונטער מאסקעס; און מענטשן א ן נשמות טוען־אן מאסקעס פון נשמות!?.... איך קאן שוין מער נישט באהאלטן זיך הינטער די אותיות־מאסקעס... (צעקאכט זיך) צו־וואס די אלע ספרים? דאס רייז־אמתע און דאס אמת־ריינע — קאן א יעדער בא זיך אין הארצן געפינען; אבער נאר בא זיך אין הארצן!... נאר בא זיך אין דער אייגענער נשמה קאן מען דאס ריינע ליכט שעפן, וואס באלייכט דעם וועג פון אמת! (מיט דער גרעסטער התלהבות) דער וועג פון אמת פירט שוין ממילא צו גאט! און ווען נישט?... און ווען נישט? — איז עס כאטש אן אמתער וועג!! — — —

רב

(כאפט זיך פארן קאפ)

אן אמתער וועג א ן ג א ט!? — א מחרף און א מגדף זענט איר!... „מהרסיד ומחריביד ממך יצאו!!..." (לויפט מיט הויך־אויפגעהויבענע הענט; פונאנדערוואָרפנדיק די טיר, שרייט ער אויס צום עולם) איי־דן! קריי־עה רייסט!!...

(אפ)

א שטים

—ס'איז שבת!...

(עס ווערט דארט א טומל. גבאי, סופר לויפן אהין פארמאכנדיק די טיר הינטער זיך)

רביצן

(איז ביז איצט געשטאנען ווי פארשטיינערט, פאר־דעקנדיק די אויגן מיט א טיכעלע; פלאצט ארויס היסטעריש, כאפנדיק זיך פארן קאפ)

ווייי־יי! — געקוילעט האסטו... דיך... מיך... אזויפיל אידן...

רבי

איינמאל פאר אלעמאל! —

רביצן

(אויסער זיך)

גיי, לויף — אפשר וועסטו נאך לעשן דאס פייער איידער עס צעברענט זיך! גיך, — איך שטארב .. דא אפן ארט!

רבי

דאס פייער ז א ל זיך ערשט צעברענען!.... דו... דו אליין האסט בוימל אפן פייער געגאסן... טעג און נעכט האב איך מיט מיין נשמה זיך ארומגעקריגט... די ווענט, אף וועלכע איך פלעג מיין קאפ אנלענען, וועלן דערויף עדות זאגן. די שטומע שטיינער וועלן שרייען! — — און איך האב דיר געבעטן: ס׳איז פינצטער, כ׳האב דעם וועג פארלוירן — העלף מיר; אדער לאז מיך געמאך!... און דו האסט מיך נישט געהערט. די מאסקעס האבן מיר דעם הימל פארשטעלט — — כ׳האב מיין גאט שוין מער נישט געקאנט זען. איך האב נישט געקאנט, איך האב נישט געטארט און כ׳האב זיך געשעמט!... (פארטרוילעך) מיך רופט א קול פון א נייער וועלט, א וועלט, פון נשמות א ן מאסקעס, א ריינע, אמתע וועלט! (טייטלט צו דער עולם־טיר. היציק) זאל דארט דאס פייער זיך צעברענען, זאל עס פלאקערן וואס שטארקער — אבי דעם גרויסן וועג פון אמת און ריינקייט צו באלייכטן!

רביצן

(שטארק צעטראגן)

אוי־י, ווי ד׳האסט אף קיינעם קיין רחמנות נישט! ווען איך זאל דיר נאר זיין א דינסט, א ווילדפרעמדע, וואלסטו אויך נישט באדארפט זיין אזוי הארט צו מיינע בלוטיקע טרערן!! „איך האב דאס פייער אנגעצונדן!" — האב איך דען געמיינט צו שלעכטן? כ׳האב מיר געטראכט: ס׳וועט אריבערגיין. דו ביסט אויפגערעגט — שרייסטו; וועסט זיך בארואיקן — וועסטו אליין איינזען, אז נאר צו גוטן האב איך דיך געראטן. (ארויסזיפצנדיק) איך בין דיר נאך מסתם געטרייער פאר דעם דאקטאר און דיינע אנדערע גוטע־ברידער. (טאן־ענדערונג) נאר — אנ׳ענדע! — איך פרעג דיך נאר איינס: צי האסטו דען רעכט צו שאפן אזא וועלט, וואס ווערט געבויט אף אזוי־פיל מענטשלעכע קרבנות!?

רבי

יאָ . . . אַז אַ שיף טרינקט זיך אין מיטן שטורמדיקן ים, וואַרפט מען אַפילו מענטשן אַראָפּ — אַבי די נייטיקע צו ראַטעווען! ווען גאָטס שיף ליגט פאַרזונקען אין זומפּ און ס'איז דאָ ווייניק וואַסער, וואָס זאָל זי אָפּ זיך טראָגן — זאָל מען בדאַי בלוט אַריינגיסן, אַבי זי מציל צו זיין!! (דערשראָקן פאַר זיינע איי־גענע ווערטער) נאָר ס'איז ליגנט! — איך פאַרלאַנג נישט קיין בלוט און וועל עס קיינמאָל נישט פאַרלאַנגען. דאָס בלוט וואָס האָט פון מיין אייגן האַרץ געשטראָמט, האָט שוין געקאָנט אַ סך שיפן אָפּ זיך טראָגן!

רביצן

(קוקט אים אין די אויגן און שאָקלט דעם קאָפּ)

ווייסטו כאָטש וויפל מענטשן דו ברעכסט אַצינד פּשוט פון ברויט? — דיך, מיך, די שטאָט, שטוב־מענטשן, און דיינע ברידער — די גאַנצע משפחה!

רבי

כ־הם!... די משפחה, — זשעברעניקעס!... קליין אַליין צו האַרעווען! (מיט געפּיל) אָפּ אַ בלינדן וואָס פאַלט איבער אַ שטיין, רייסט מיר מיין האַרץ: ס'האָבן אים נעבעך די אויגן אויסגערונען — זעט ער נישט... אָבער אָפּ איינעם וואָס האָט זיך די אויגן אויסגעשטאָכן, צוליב קאָנען בעטלן — האָט מיין האַרץ קיין רחמנות נישט, ווען ער ברעכט אַפילו האַלדז־און־נאַקן!...

רביצן

דו פאַרגעסט, אַז דו אַליין שטייסט איצט אין דער גרעסטער סכנה צו ברעכן האַלדז־און־נאַקן, ווען — —

רבי

(איבעררייסנדיק)

ווער? איך? (פּויקט אָפּ זיין האַרץ) איז דען איך דאָס שטיק חומר מיינס? — אָפּ מיין נשמה האָט דאָך די סכנה קיין שליטה נישט

רביצן

יאָ, — דו ! . . ווען די וועלט וועט געוואוירע ווערן פון . . .
דיינע פּלענער ! . . .

רבי

איך ווייס, איך ווייס עס גאַנץ גוט ! ווי נאָר ס'האָט עמיץ א האנט אויפגעהויבן, פענצטער אין הימל אויפצופּראַלן, דער וועלט איר פאַרלוירן הארץ אומצוקערן — האָט דער עולם־השקר אים באַלד דערטרונקען אין א ים פון פינצטערניש ; די יאָרן אים דערגאַנגען, געפּלאָגט, פאַרפאָלגט ביז צום טויט! איך ווייס: כ'האָב אצינד מיין קערפּער־לעבן געשטעלט אף א וואָגשאָל... איך ווייס, אַז די שטיינער וואָס מיין אייגן פאָלק וועט מיר נאָכוואַרפן — וועלן מיין וואָגשעל אראָפּציען ביזן גרוב . . . נאָר — גאָרנישט. נאָך האָט די בלינדע וועלט נישט זוכה גע־ווען, — א נייע זון זאָל אויפגיין, וואָס זאָל אייביק שטיין אינ־מיטן הימל און באַלייכטן דעם וועג צום לעבן. נאָר ווען־ניט־ווען טוט א שטערן ערגעץ א בליאסק, גיט א פינטל מיט אַן אויג, דערזעט די וועלט — און פאַרלעשט זיך ; אָבער זיין ליכטיקער שטראַל פליט שוין ערגעץ ארום אין דער וועלט... איך ווייס : לאַנג וועט מיין ליכט נישט אָנהאַלטן ; ווי נאָר ס'וועט פון מיין הארץ ארויסשיינען — וועט מען עס באַלד דערשטיקן ! . . . אָבער מיין נשמה מוז פאַרט איר ליכטיקן צאַפּל טאָן ; מיט יענע בלאָנדזנדיקע שטראַלן זיך פאַראייניקן — אין יענעם גרויסן טאַנץ פון ליכט, וואָס וועט דעם הימל אויפ'סניי אויפשטראַלן, — ער זאָל די גאָרע וועלט ארומרינגלען, זי צעשפּיגלען מיטן אור־בראשית און זי דורכזיכטיק מאַכן ! . . . אזוי, אַז א מ ת מיט ח ס ד זאָלן זיך צום ערשטן מאָל באַ־געגענען דאָ, אינם פינצטערן עמק־הבכא ! ! . . .

רביצן

גאָרנישט ! . . . די שטוב ברענט — און דער זייגער גייט ! . . . .
דאָרט איז אַן איבערקערעניש, עס טריפט זיך אידיש בלוט —
און ער ? — זיך אוועקגעשטעלט זאָגן „תורה" האָט ער זיך . . .
(פאָדערנדיק) ס'לעצטע מאָל זאָג איך דיר : לויף אריין —
שטיל דאָס פייער ! ס'וועט זיך אָנהייבן מיט דיר, צעפּלאַקערן
דיין גאַנצע משפּחה און זיך אריבערוואַרפן פון שטאָט צו
שטאָט ! . . . איך מיט איך וועט זיך ארומקוילענען ! — —

רבי

(גיט זיך א וואַרף אָפּ־צוריק)

א שוואַרצער געדאַנק! — — (אַמפּערט מיט זיך. אַנטשלאָסן) משה רבינו האָט זיך אויך נישט אָפּגעהאַלטן פאַר דעם פייער, וואָס האָט באַדאַרפט קומען אַף קורח׳ס עדה!... זאָלן זינקען און ברענען די אַלע, וואָס מוזן אויסגעראָטן ווערן — און זאָל עס זיין ווער עס איז! — מיך וועט גאָרנישט ניט אָפּהאַלטן!!

רביצן

(ווייזט צו דער טיר)

הער די קולות וואָס טראָגן זיך פון דאָרט! — איך וועל עס נישט איבערטראָגן מיטן לעבן, זאָג איך דיר!

רבי

(שטאָליק)

ווער הייסט זיך דיר שרעקן? —

רביצן

וואָס דען זאָל איך טאָן?

רבי

גיי מיט מיר איין וועג! שרעק זיך נישט פאַר דיין קערפּער־לעבן: „יסורים ממרקין" — ליידן לייטערן אוים!... ווייס: דו קאָנסט נאָך אויך ווערן א ליכטיקע נשמה, א לייכטנדיקע — אויב דו וועסט נאָר אָן עפן־טאָן דיין האַרץ, אַף צו מקבל־זיין דאָס גרויסע ליכט, דעם אור הגנוז, וואָס גיסט זיך אַראָפּ פון יענע עולמות עליונים, צו וועלכע נישט יעדער איז זוכה... גיי מיט מיר איין וועג; אָדער שטער מיר כאָטש נישט!

רביצן

וואָס פאַרלאַנגסטו עס גאָר פון מיר? מיין לעבן זאָל איך אַנטקעגנטראָגן דעם טויט? איך זע א גרויס אומגליק פאַר מיינע אויגן... האָט עס מיין טאַטע פון מיין מאַמען פאַר־לאַנגט?... איך האָב מורא פאַר דיין וועג — ער פירט אין אָפּגרונט!....

רבי

הערסט! פאַראַן צוויי בערג אַף ד׳רערד, וואָס זויגן־אָן די וועלט מיט קדושה — דער באַרג סיני און דער הר־המוריה.

אפן בארג סיני האט גאט אראפגעגעבן די תורה, און אפן בארג מוריה האט יצחק זיך געלאזט מקריב זיין. פרעגט זיך: פאר וואס־זשע איז דאס בית־המקדש נישט געבויט געווארן אפן בארג וואו ס'איז געגעבן געווארן די תורה? נאר דארט וואו א איד שטרעקט־אויס דעם האלדז צום מעסער — דארט איז גאט! (מיט ביטערניש) די גאנצע וועלט איז שוין אזוי פאר־אומרייניקט, אז נאר אפן א פ ג ר ו נ ט איז נאך אפשר פאראן א ריין ארט צו בויען א בית־מקדש...

רביצן

(פלוצלינג, מיט איבערפלייצטן צאפלעניש)

האב רחמנות אף מיר בעט איך דיך!!...

רבי

(וואגיק, אפשטויסנדיק)

איך האב דאך דיר שוין געזאגט, אז אף מענטשן וואס שטעכן זיך א ל י י ן אויס די אויגן — —

רביצן

(אויסער זיך)

איז מ י י ן לעבן בא דיר אויך הפקר?... דו־ו־ו!...

רבי

ווען דו ביסט מפקיר די נשמה פארן גוף

רביצן

(פארברעכט מיט די הענט, שרייט אויס)

וויי־יי, ווי דו האסט אונדזער לעבן פארוואגלט!— — — —
(לויפט ארויס צו זיך אין שטיבל, נאכווארפנדיק די טיר הינטער זיך)

(פאוזע)

רבי

(שטייט א ווילע; מיט וואקלענדיקע טריט דער־שלעפט ער זיך צום שטענדער, פאלט אבער כמעט צו צום פענצטער, בלייבט אנגעלענט מיט א דער־הויבענער האנט אן דעם רעכטן ביישטידל; קוקט

ארויס, שאָקלט מיטן קאָפּ. משמש קומט אריין דורך דער זייטנטיר. ער איז טויט־בלייך. בלייבט שטיין קאָפּגעבויגן, ברעכט די הענט. שטילקייט)

רבי

(קערט זיך אום. פאַרקלערט. שווייגט. דערזעט דעם משמש)

זעסט, אָביש? — אַט שטייט אַ גאָרטן. יעדעס גראָזעלע — האָסט מן הסתם געהערט — האָט אַ מלאך דאָרט אויבן.... קוקט ער ארויס פון דער ערד און רייסט זיך צום הימל. די דינע בלעטעלעך שטרעקט עס אויס: ס'וויל דאָס ליכט מקבל זיין... יעדע קנאָספּע פון בוים עפנט אַ מיילעכל צום טראָפּן טוי וואָס טראָגט זיך אנטקעגן: ס'וויל דאָס לעבן קושן, חיונה יונק זיין... עס ציט חיונה — און ס'בליט. נאָר איך? דער „עץ השדה״? חלש נאָך אַ טראָפּן ליכט — און די זון איז מיר פינצטער! איך לעכץ נאָך אַ טראָפּן טוי, — דעם טל־אורות — און איך ווער פאַרטריקנט. פאַרוואָס איז דאָס אַזוי, אָביש, פאַרוואָס?—— (לאָזט אַראָפּזינקען דעם קאָפּ אָף דער ברוסט. קלערט. דערוואַכט) געדערכט! גערעכט!... יעדעס גראָזל, יעדע קנאָספּע — קעמפט, קעמפט!... לעכערט דורך די ערד, די שאָלעכץ פון בוים... און דערנאָכדעם ערשט, וואַקסט עס, בליט! פאַרדינט, אויסגעקעמפט, די ריינע שפע!... אָביש, אָביש! — איך בין ארומגערינגלט מיט אַ גראָבער שאָלעכץ און איך מוז זי אויך דורכלעכערן! — ד י ק ל י פּ ה ו ו אָ ס ר י נ ג ל ט א ר ו ם ד ע ם ע ץ ־ ה ד ע ת!... (אין עולם־שטוב ווערט דאָס גערויש ווילדער) אָבער שטאַרק און ריין מוז איך זיין! — שטאַרק און ריין!!... (לאָזט ווידער אַראָפּ דעם קאָפּ)

(פּאַוזע)

(משמש עפנט דאָס מויל ווי עפּעס צו זאָגן, קאָן אָבער ניט. די הענט ציטערן אים)

רבי

(באַמערקט דעם משמש'ס אויסזען)

עפּעס אַזוי בלייך? (משמש רודערט זיך) ווילסט מיר עפּעס זאָגן?

משמש

וו־וואָס פּאַרשטייט אַזאַ נפש ווי איך?... (קלייבט ווערטער)
איך... כ... כע־כע...

רבי

(טרעט צו, לעגט אים די האַנט אויף אַקסל)

קינד איינס... האָסט שוין געזען אַמאָל אַ וואַגשאָל וואָס מ׳וועגט אויף איר נשמות, האַ?... אַזאַ נפש ווי דו, זאָגסטו? — אַזאַ נפש איז מיר פיל ליבערשט!

משמש

(טרערן איבערלויפן זיינע אויגן, די ליפּן ציטערן)

ר־רי־רבי... (פּאַרלירט זיך)

רבי

נאַ, וואָס וויינסטו?

משמש

(ברעכט אויס)

ס׳איז ניש׳גוט...

רבי

וואָס „נישט גוט"?

משמש

(אַ גאָס מיט טרערן)

זאָל איך רופן מאירלען? — —

רבי

פּלוצטהאַלבן? —

משמש

ס׳איז דאָרט אַ גרויסער בּרען!... (פּלאָטערט) כ׳האָב מורא...
(אין עולם־שטוב — ליאַרם, געקריגעריי)

רבי

וואָס פּילדערן דאָרט די צבועים? — אָט־דאָס איז די קליפּה, אָביש, וואָס איך דאַרף אָראָפּרייסן פון זיך!... (ער ווערט אומרואיק) איאָ מיין קול ציטערט, אָביש? אָט קלאַפּט אין מיר דאָס האַרץ אַזוי רירעוודיק... (ווי צו זיך) האַ,—מיין חומר?...

מיין גוף... מיין שטיק־פלייש!... (שטייט א רגע צעמישט. פלוצלינג) אביש, וואס איז טייערער, דער גוף צי די נשמה?... די נשמה, אביש, די נשמה — דער מאור שבנפש!!... ווייסט וואס גוף אן נשמה איז? — ווי טייער איז פלייש אין דער יאטקע, אביש?...

(עס ברעכט ערגעץ א שויב. משמש לויפט ארויס)

רבי

(דערשראקן פאר א געדאנק)

אבער וויאזוי קאן פארט זיין נשמה אן גוף? וויין — אן א כלי? פלאם — אן דעם ליכט?... (שרייט ארויף, ווי צו גאט) ווילסטו ד ו ק א אזוי!?... ווערסטו שוין זיין צופרידן?... (גלייכט זיך אויס) איך וועל אבער אויך מיט ד י ר מלחמה האלטן!... (מיט דער לינקער האנט פאר דער באָרד. קלערט) הא? הא?... (שרעק. קאמף מיט זיך) אזוי?!... אזוי?... (גיט זיך א ווארף אף צוריק) אבער צי מעג איך עס דען טאן?... אף א ז א אופן באשיצן די נשמה?... (טראכט) — — יא! — — (דערמאנענדיק זיך) איך מוז דאך אויך א נ ד ע ר ע נשמות נאך ארויסהעלפן!! (באשליסט) וועל איך עס נאך נעמען פאר א שמירה — —שריפת־נשמה — צוליב שמירת־הנפש! — — הא?... יא! — אבער ביז צום סוף וועט עס נ י ש ט דערגיין! כולו חייב פועלסטו בא מיר נישט! — שטארק און ריין מוז איך זיין! (א געוויש פון געראנגל הארט בא דער טיר. ער דערהערט, גיט זיך שארף א קער אום) זאלן שטערן פאלן ווי דער האגל און ווי טעפ צעפלאצן אף דער ערד! — מיין הארץ וועל איך אויפדעקן: שטארק, ריין און גלאט ווי דימענט, ווי קרישטאל. (התלהבות) דער גאנצער האגל וועט מיט דערזעלביקער קראפט צום הימל, צו גאט צוריק־פראלן — און רואיק, שטארק ווי פעלז, שטארק און ריין וועל איך זיין! — — (פאוזע. פון יענער זייט טיר — א געשלעג. ער דערהערט; צעשפאנט זיך איבערן צימער, בלייבט שטיין, גיט א פאטש אין שטענדער, שרייט אריין אין עולם־שטוב) קומט אריין!! קומט אריין!! — וואס קריגט מען זיך הינטער די פלייצעם!?... שמואל! — לאז אריין!

(די טיר פראלט פונאנדער. מיט הייזעריקע קולות רייסט מען זיך אריין. די רביצן — ארויס פון איר צימער. בלייבט אף דער שוועל ווי פארשטיינערט)

א קול

(ערגעץ דאָרט אין דער עולם־שטוב)

א משוגענעם — גיט מען מיט א שטעקן איבערן קאָפּ!...

אן אנדער קול

(פון א צווייט ווינקל דאָרט)

די באָרד וועל איך דיך אויסרייסן!

א דריט קול

— פלעמט!...

(דאָס געשלעג אין עולם־שטוב האַלט אַן. אייניקע, אינווייניק, פּרואוון מיט אַלע כחות צומאַכן די טיר, זיי ווערן אָבער צוריקגעשטופּט)

רב

(טרעט פאָראויס. מיט אויסגעשפּרייטע הענט אַהינ־טער, האַלט ער אָפּ אייניקע, וואָס רייסן זיך אַלץ נעענטער)

„אין עונשין אלא אם כן מזהירין!"... (א שפּאַן צום רבין) מיר זענען אייך געקומען געבן א התראה! — — —

שטימען

(אריינשרייענדיק)

— וואָסער א „מזהירין"?...

— וואָס פאַר א „התראות"?

— א בזיון האָט ער אונדז אָנגעטאָן!

— א בזיון!!!

רב

(גיט זיך האַלב א דריי־ארום מיט א דערהויבענער האַנט, אהינטערוואָרפנדיק א וואָרט)

— ס'איז א בפירושער דין!

שטימען

— ווייניק געוואָרנט?

— ווייניק התראות געגעבן?

אַ מגושמדיקע שטים

— וואָס הערט איר די בטלנים?! (אָנרייצנדיק) חברה!!...

עמיק פון עולם־שטוב

— אי־י־דן! — ס'איז דעם אלטן רבינס זון!!

די מגושמדיקע שטים

— א בן־סורר ומורה איז ער!...

ר' דודל

(צום עולם)

שאטס, זאג איך אייך!... (גייט צום רבין. קומט צו נעענטער) ר־רבי...

די מגושמדיקע שטים

„רבי" זאגט ער אים נאך!

ר' דודל

(גיט א טופע מיטן פוס)

שווייג, זאג איך דיר! — (צום רבין) ר־רבי!... איך בין געשיקט צון אייך פון אלטע חסידים... יראים... ושלמים... (צעכליפעט זיך) ר־ר־רבי!... ר־ר־ר — ב — י!... (קאן ווייטער ניט רעדן)

(דאס ליכט הייבט־אן צאנקען)

רב

(דערענדיקט די דודלס רייד)

מיר זענען פון אייך דברים שלא על־פי התורה... (פארבייסט צעווייטיקט די ליפן, שאקלט זיך אונטער; נעמט זיך אן מיט מוט) גיבן מיר אייך א התראה... בפומבי... מאנטיק גאנצפרי זאלט איר אונדז געבן א תשובה ברורה! — —

רבי

(וועלכער איז ביז אצינד געשטאנען פארטראגן, כאפט זיך מיט ביידע הענט פאר דער ברוסט, ווי אף אויפצורייסן. שרייט־אויס מיט מסירות־נפש)

נא־ט!... נא־ט!... נאט אייך מיין גוף פאר מיין נשמה! —

(די רביצן צעוויינט זיך אפן קול. עולם פארברעכט די הענט. דאס ליכט איז אויסגעגאנגען. א געכליפעריי אין דער פינצטער)

(פ א ר ה א נ ג)

דריטער אַקט

הינטערגרונט. אַ גרויסע ריי־ווערענדע מיט טרעפּ. רעכטס — צוויי פענצטער, ארויסקוקנדיק פון עולם־שטוב. אַנטקעגן זיי — בלומענבעטן. אין דער ווערענדע, רעכטס — אַ ברייטע, גלעזערנע טיר, פירט אין עולם־שטוב. לינקס — צוויי פענצטער. לעבן די פענצטער—ביינק ארום א שמאָלן, לאַנגען טיש. רעכטס פון דער טיר שטייט א האַנטפאַס מיט א קוואָרט פון אויבן. פאַר דער ווערענדע, רעכטס און לינקס — צוויי אַלטע טאָפּאָל ביימער.

די רעכטע וואַנט. אָן אָנהייב פון א גרויסן פרוכט־גאָרטן. ווייט אַרויף אין נעפּל שניידן זיך דורך שפּיצן פון הויכע בערג, צווישן וועלכע עס גלאַנצט־דורך אַ געשלענגלטער טייך, מיט שטיקער אויסגע־פליקטן וואַלד פון יענער זייט. די שטיינערנע מויער — מיט לעבעדיקע וויינטרויבן באַהאַנגען. א טויער צו דער שטאָט צו. באַ דער זייט — אָן אָנגעצונ־דענער, פאַררויכערטער לאַמטערן.

די לינקע וואַנט. דער באַרגאַראָפּ אַף וועלכן ס׳שטייט דאָס הויז. פון הינטן זעט זיך אָן א „זרוד" פון א ברונעם. א זאַמדיקער וועג — צום הינטערהויף. נאָך פאָרנט — א הילצערנער פּלויט מיט אַקאַציע ביימער פון יענער זייט.

בלומען און רויזן־קוסטן דאָ און דאָרט. דאָס גע־וויקס, די ביימער געלן זיך שוין. די בעטן אונטער די ביימער זענען באַשפּרענקלט מיט אָפּגעפאַלענע בלעטער. בלעטער פאַלן אָפּטמאָל — ביז ענדע אַקט.

ס׳איז אָנהייב האַרבסט.

דריי טעג שפּעטער, מאָנטיק פאַרטאָג.

ערגעץ וואו בילט א הונט. סיוועדט שטיל. פון וויטנס דערטראָגט זיך אַן אומדייטלעך קול — דעם שטאָט־שמשס. עס דערהערן זיך קלעפּ. דאָס קול דערנעענט זיך. א שטאַרקע, אַלטע שטים:

ישר־אל עם קדו־שי־ים!
שטייט אוי־יף,
וואַ־אכט אוי־יף —
סלי־יי־חות זאָ־גן!...

שטאָט־שמש

(א הויכער גרייז מיט א לאנגער, ווייסער באָרד; א לאַנגער שטעקן אין דער רעכטער און א בלעכע־נער, פאַררויכערטער לאַמטערן אין דער לינקער האַנט. ער שטעלט זיך אָפּ בא דער וועראַנדע, קלאַפּט־אָפּ דריי איינציקע, פעסטע קלעפּ. קערט זיך אום און שרייט־אויס אין דער לופט אריין:)

ישר־אל עם קדו־שי־יים!
שטייט אוי־יף,
וואַ־אכט אוי־יף —
לעבו־ו־דת הבו־ו־רא...

(דערהייבט דעם טאָן)

כי לכ־ך
כי לכ־ך
נו־צר־־־ת־־־!...

(לאָזט זיך גיין)

משמש

(כאַפּט זיך ארויס פון שטוב. בלייבט שטיין אַף דער טיר. ער איז א ניטדערשלאָפענער, צעשוי־בערט. דער קאַפּטן אַף איין אָרבל)

ש־ש, שטילער, רב משה!
(שלעפּט אַרויף דעם אַנדערן אָרבל)

שטאָט־שמש

(דרייט זיך אום, גיט אים א ליכט מיטן לאַמטערן
אין פנים אריין)

א, — אַביש? וואָס האָסטו זיך אַזוי דערשראָקן, הא?

משמש

„דערשראָקן"? — ער, זאָל לעבן, עפּעס נישט מיטאָלעמען

שטאָט־שמש

סליחות! — מ'דאַרף דאָך סליחות זאָגן

משמש

מיר האָבן באַנאַכט געזאָגט סליחות... נערעכנט: אפשר בעסער אַזוי. נישט בקו־הבריאות די לעצטע צייט.

(זעצט זיך אַוועק אַף א טרעפּ פון דער וועראַנדע.
גענעצט)

שטאָט־שמש

(ווי פאַר זיך)

נישט דאָס וואָס אַמאָל... (צו אַבישן) אַמאָל, ווען כ'בין געווען אינגער, און ס'אויפשטיין איז אָנגעקומען שווער, האָט מען טענות געהאָט: כ'וועק צו שפּעט... אַצינד איז מען עלטער, מ'שלאָפט סיי־ווי נישט, איז — „למאי וועקסטו?" (גייט זיין וועגס. רופט ווייטער) ישר־אל עם קדו־שי־י־ים!...

(זיין שטים פאַרלירט זיך אין ווייטנס)

רביצן

(קומט אַרויס. אַף זיך א שאַל, אין האַנט א ליכט.
ווי אַנגעשראָקן)

צו וועמען רעדסטו, אַביש? —

משמש

משה, דער שטאָט־שמש, איז פאַרבייגעגאַנגען — צו סליחות וועקן

רביצן

געמיינט אוודאי: מ'שלאָפט דאָ... (פּאַוזע) אַז כ'בין היינטיקע נאַכט פון זינען נישט אראָפּ, בין איך דאָכט מיר שטאַרקער פון אייזן. נאָר וואָס א מענטש טראָגט אַלץ איבער.

(שטעלט דאָס ליכט אַפן טיש. זעצט זיך. פּאַוזע)

משמש

יאָ, יאָ. א נאַכט, רבונו של עולם! —

רביצן

האָסט עפּעס געהערט, אביש? האָט ער דיר אפשר עפּעס־וואָס געזאָגט?

משמש

גאָרנישט... איינמאָל נאָר אריינגערופן צו זיך. ס'איז געווען אַרום צוויי באַנאַכט — און פּריש וואַסער געבעטן. (זיין שטים ווערט אומרואיקער) אז כ'האָב געבראַכט, האָט ער אביסל אין גלאָז אריינגעגאָסן — און מיר טרינקען געהייסן...

רביצן

(זיפצט־אָפּ)

נו?

משמש

נאָר באַלד האָט ער מיך אָפּגעהאַלטן און א זאָג געטאָן: „דיר, אַביש, גליַיב איך... וואָס דו דערלאַנגסט מיר איז אָן סם..."

רביצן

(שאָקלט מיטן קאָפּ)

נאָך די מרה־שחורה צום איבעריקן... ווי איז מיר, ווי איז מיר. (א נאָגנדיקע שטילקייט) האָט ער זיך בארואיקט, איינגעשלאָפן?

משמש

וואָס פאַר א שלאָפן! — די לעצטע פּאָר נעכט, איז ווען כ'זאָל זיך נישט דורכוואָרפן אין שלאָף, הער איך אַלץ זיינע טריט באַ זיך אין שטיבל: פּאַרזיכטיק, ווי אַף צעבראָכענע שטיקער גלאָז... און פּלוצים — האַסטיק אָפּ און אויף! און אַזאַ צע־ווייטיקט קרעכצן! (שטייט אויף) נאָך הײַנטיקע נאַכט, גאָט מיינער! אינמיטן שלאָף, פאַרטאָגיק, דערהער איך א מוראדיק כאָרכלען. געקאָנט שווערן: ס'כאָרכלט עפּעס א דערשטיקטער, א געהאָנגענער...

רביצן

(האָקט איבער אויפגעשווידערט)

נו־נו?

משמש

בין איך אריין צון אים. כ׳גיב א קוק: ס׳ליכט — צוקאַפּנס גאָר, צאַנקט; און ער... ליגט אַף דער קאַנאַפּע, איז כאַלאַט און שלינגט טרערן... לויף איך צו און גיב א פרעג: „רבי, וואָס איז?" — ער שווייגט. „ג׳וואַלד, רבי, וואָס איז אייך?" — ער ענטפערט ווידער נישט. דערנאָך נעמט ער מיך אַן בּאַ דער האַנט, שטיל, אַן ווערטער, און קוקט אַף מיר... עפּעס מיט אַזוינע אויגן, מיט אַזאַ בּליק! קוקט, קוקט. און מיר — ס׳האַרץ ווערט אַנטפאַלן!

רביצן

(צעשראָקן)

נו, נו? ווי איז מיר! ווי איז מיר!

משמש

פּלוצים גיט ער זיך א זעץ־אויף און רופט זיך אָן: „אַבּיש, וועסט נאָך מיר קדיש זאָגן? האַ, אַבּיש?... דו בּיסט א יתום, האָסט קיין טאַטן נישט; איך האָבּ קיין קינד נישט... קיינעם נישט, קיינעם..."

רביצן

(פאַרשטעלט איר פּנים. כליפּעט שטיקנדיק זיך)

כ — הם, כ־הם... (עס וואַרפט זי אין קעלט)

משמש

מיר ווערט דאָ שלעכט: וואָס פאַרשטיי איך דאָ אים צו ענטפערן? שטיי איך און ס׳קלאַפּט מיר א צאָן אַן א צאָן. דערווייל ווערט דאָס ליכט פּאַרלאָשן, און איך דריי זיך אַרויס מיט אַן אויסרייד: „זאָל איך אָנצינדן א ליכט?" ענטפערט ער: „סיי־ווי־סיי פינצטער!..." און הייסט מיר גיין.

(פּאַוזע)

רביצן

אַבּיש, ניי גיב נאָר א קוק...

משמש

(לאָזט זיך גיין)

עפּעס הער איך אים נישט. מסתּם אַנדרעמלט געוואָרן —

(עס ליכטיקט זיך לאַנגזאַם. דאָס מאַרגנרויטל שפּרייט זיך פון דער רעכטער זייט גאָרטן אַרויס. האָנען קרייען. פייגעלעך סוויטשערן. ערגעץ־וואו קנאַקט אַ בייטש: מ'טרייבט בהמות אין טשערעדע. אַריין. ק ע כ י ן — אַן אַלטע, אַן איינגעהויקערטע באַווייזט זיך אויף דער טיר מיט אַ ליידיקן עמער אין דער האַנט. קוקט אויף דער רביצן, שאָקלט דעם קאָפּ באַדויערנדיק. די רביצן שטייט אויף, וויל גיין אין שטוב אַריין)

קעכין

(טרעט אַריין, איבערהאַקנדיק איר דעם וועג. גיט זיך אַ כאַפּ צוריק)

אוי, אַנ'אַכטיק אי'מיר! — איבערגעגאַן מיט ליידיקן... גיט־מאָרגן, רביצן! (ווי פאַרענטפערנדיק זיך. צום משמש) אַז כ'זיך אָרים שוין מי יודע וויפל: אַביש, אַביש — נישטאָ אַביש! ביניך שוין אַליין געגאַן אָנשעפּן וואַסער.

רביצן

(טרעט צוריק)

אַביש, נעם צי איר אַז אַן עמער וואַסער: אַז אַלט מענטש נעבעלע

קעכין

אַ לאַנג לייבן אויף אַך, רביצן! (פאַר זיך) אַזאַ גיטע נשמה

משמש

(נעמט דעם עמער)

גייטס, נעבע, כ'וועל שוין אַליין אַריינטראָגן. (גייט צום ברונעם)

קעכין

(אָפּגייענדיק)

משיחן דערלייבן!

(פּאוזע. רביצן שפּאַנט איבער דער וועראַנדע, ברעכט די פינגער, דער „זרוד" פונם ברונעם באַ־וועגט זיך)

רביצן

(שעפּטשעט)

אלהי,
נשמה שנתת בי —
טהורה היא...

(משמש קומט צוריק מיט א פולן עמער)

רביצן

(גיט א דריי אויס דעם קאָפּ)

טאָמער שלאָפט ער — וועק אים נישט. צום דאַווענען — אויך נישט! הערסט, אָביש?

משמש

(אונטערטעניק)

שוין גוט, שוין גוט

גבאי

(קומט אַרויס פון שטוב. בלייבט שטיין אף דער שוועל, קוקט אף דער רביצן. ציט מיט די אַקסלען. דערזעט דעם משמש)

אבי איך זוך אים אַרום! (אריינטרעטנדיק) וואו ביסטו עס א שטייגער אנטרינען געוואָרן?

משמש

(אנטקעגנרעדנדיק)

כ'האָב געוואָלט איבערגיין מיט פולן!... וואָס האָט מען עס מיך אזוי ארומגעזוכט?

גבאי

ברענג מיר גיכער איציקלען!—גיס אים אריין דעם עמער וואסער אין בעט אריין! א מין שלאפעניש אף אים! (בלאזט אויס דאס ליכט)

משמש

(שאקלט מיטן קאפ)

שוין גוט, שוין גוט.

(אפ)

גבאי

געווען אין שטאטשול. געוואלט עפעס א שמעק טאן, וואס ס'הערט זיך... אן איבערקערעניש! אין שול — קיין לאמפ נישט אנגעצונדן. א פאר קאניצן דא און דארט. דער רב טאלאפעט ארום א צעבארשטענער איבער דער מזרח־וואנט און איז אנגעדראדלט. ר' דודל סנידקעווער, אין א ווינקעלע, זיצט מיט א ליכט אין האנט — און ברעכט פיסקעס באם תהילים... און אלעמאל דערהערט זיך אן אנדער יללה... און די צאנזער, ימח שמם, זיצן און שטשורען מיט די ציינדעלעך... כע! — א גדולה אף זיי! און וואס איז טאקע ס'חידוש? — א מענטש נעמט און שטעלט זיך אוועק פאר אן עולם און שרייט, אז ס'איז א שווינדל, א קאמעדיע, א בערנטאנץ!... אז אין טשערנאוויץ, איך פארשטייט — אין די ליכטיקייט אליין!... ער איז דאך ממש נישט בא די געדאנקען! און פארן רב, פריער? — אזוי פריי, אז דער רב זאל אים חושד זיין: ר'איז פשוט — אוים איך שוין געווארן!...

(רביצן ווישט טרערן. גייט צו צום טיש, לאזט זיך אראפ אף דער באנק; צוקט מיט די אקסלען)

גבאי

(שפאנט הין און צוריק)

נו, נו!

רביצן

(דערהייבט דעם קאפ. דורך טרערן)

וואס טוט מען? — אפשר דעפעשירן נאך ר' נחומצין?

גבאי

(שטעלט זיך אָפּ. מיט א ביטער שמייכעלע)

איר ווילט פאַרדינען א מצווה — אָנזאָגן די בשורה, אַז דער בלוטער האָט געפּלאַצט?

רביצן

כ'מיין — אפשר?... נאָך א מענטש, א מענטש מיט א צונג

גבאי

נישט קיין צונגען קאָנען העלפן — די אויערן זענען פאַרשטאָפּט! ווען דער וואָרעם בויערט שוין דאָס האַרץ פונם עפּל, קאָן די דרויסנלופט נישט העלפן. דאַכט זיך, די עלטערע ברידער זיינע, דער סאַדיגערער, דער טשאָרטקעווער, האָבן דענצמאָלט געגנוג אין אים אריינגעטענהט! נו? — האָט עס געהאָלפן פונקט פון אסתר־תענית ביז פורים! און אַז איך בין שוין ארויס פון די כלים און אַף אים מיטן פוס א טופּע געטאָן — איז ווי א פליג פון שטריימל אראָפּגעטריבן! ר'הערט אויס, דאַכט זיך, גוט און פיין — און טוט זיך ווידער זיינס. בין איך מיר א חקרן — און וויל איך מיר אזוי!

רביצן

ס'איז דאָך היינט א יום־הדין!... אָט באַלד קומט מען דאָך אָפּן פאַרהער... דריי טעג ציל געגעבן

גבאי

המ!...

רביצן

כ'ווייס מיין אומגליק. געפּרואווט מיט גוטן. געפּרואווט מיט בייזן. טייכן טרערן אויסגעגאָסן. לאַנגע נעכט אין שטומער תפילה געשטאַנען... מיט דער האַנט מיין האַרץ געשלאָגן

גבאי

זיך אין האַרצן געשלאָגן פאַר יענעמס זינד! און דערמיט גע־וואָלט אים דעם דיבוק אַרויסטרייבן? בע, בע!

(פּאַוזע)

רביצן

טאָמער וואָלט פאָרט גלייכער געווען צו דעפּעשירן? א פּרישער מענטש, נאָכנישט אזוי דערשלאָגן. איך? — השי"ת ווייסט דעם אמת: ס'אי'מיר שוין דער מוח אויסגעטרוקנט פאר איין קלערעניש. אפשר — נאָך ר' אברהם־יענקעלען? קיין סאַ־דיגערע?

גבאי

מ'דאַרף נישט ברענגען קיין רופאים, ווען דער חולה וויל די רפואה נישט נעמען! וואָס ווילט איר? גלאַט נאָך די אַלטע וואונדן אויפרייסן? — איר ווייסט דאָך ווי זיי בײדע זענען...

רביצן

(גיט א צי מיט די אַקסלען)

כ'קלער, אפשר צאָנקט נאָך פאָרט א פונק — —

גבאי

ס'וועט גאָרנישט ניט העלפן — ס'איז אַן אומגליק, א בייז־אַנשיקעניש. א קלאָג צו מיין קאָפּ!

רביצן

(שאָקלט זיך פאַר ווייטיק. גיט זיך א הייב פון אָרט)

איז דען צום הימל קיין וועג שוין מער נישטאָ!?... (ברעכט פינגער, שפּאַנט הין און צוריק) ווי איז מיר, וואונד איז מיר —

(פּאַוזע)

גבאי

(נעמט די באָרד אין מויל, קלערט. שטעכט מיט א פינגער אין דער לופט)

ווי מיט א פינגער אין אויג איז ער מיר אריין! המ... ערשט אַן אַלמן געבליבן. א שטוב מיט קינדער. בתולות — צו דער חופה צו פירן... אוי, רבונו של עולם!

רביצן

(בלייבט שטיין. אויפבליצנדיק)

איך וועל נאָך דאָס אויך טאָן!... נויט ברעכט אייזן, צער — צעעפנט די הימלען! (ווי צו זיך אליין) יאָ, איך גיי. איך וועל—

גבאי

(האַקט איבער. פאַרוואונדערט)

וואוהין ?

רביצן

(כמעט נישט הערנדיק. דערהייבט איר שטים)

יאָ, איך גיי ! (צום גבאי) — קום ! (כאַפּט זיך צוריק) ניין, ניין — אַליין וועל איך גיין ! אַליין...

גבאי

(אומגעדולדיק)

וואוהין דען ? —

רביצן

(ארויסכליפּנדיק)

אפן בית־עלמין וועל איך גיין !

גבאי

(דערשטוינט)

ווי הייסט ? וואָס רעדט איר, וואָס !?

רביצן

(מיט א טיף פארקלעמטער שטים)

אפן בית־עלמין... קברים וועל איך רייסן... מיט מיין וויי־געשריי וועל איך זיי צו הילף ארויסרופן... זאָל זכות־אבות זיך מיען ! זאָלן נשמות זיך אריינמישן

גבאי

(הייבט די אַקסלען)

נאדיר גאָר אַזאַ מין געדאַנק ! (דרייט אויס דעם קאָפּ צו איר. גיפטיק) סע הייסט : אז ס׳קאַנען קיין לעבעדיקע נישט העלפן — זאָלן די טויטע, כע, כע, כע ! (אין דער זייט) איין טויטער וואָלט שוין דווקא יאָ געהאָלפן... (ווערט ערנסטער)

רביצן

(פאַרטראַגן)

זאָלן די מצבות פּלאַצן פון מיין קול, און פונקען פון רחמנות אין זיין הארץ ארײַנשיסן און עס אויפליכטן!... (כליפּעט אין זיך) יאָ, כ׳וועל גיין... (שלינגט טרערן) אָבות מיינע, וואָס שווייגט איר! (בייגט זיך אראָפּ ווי איבער קברים) פאַר מצבות פון קליינע קינדערלעך וועל איך פאַלן, און כ׳וועל וויינען און זיי וועקן: זאָלן ז י י זיך שטעלן פאַר זיין כסא־הכבוד און מיט זייערע הערצעלעך גאָט בעטן!

גבאי

(באַמיט זיך זי איינצושטילן)

שאַט, שטילער אביסל —

רביצן

(שפּרייט אירע הענט)

אף די פרישע קברים וועל איך גיין... מיין קאָפּ אין די פרישע ערד בערגלעך ארײַנגראָבן — — הערט, איר הייליקע צדיקים! א גרויס אומגליק פאַרפינצטערט דעם אידישן הימל. דער גדול־הדור האָט דעם וועג פאַרלוירן... דערבאַרעמט אייך! שוועבט אַרויף צו כביכולן, ברעכט פאַר אים ארויס מיט א געיאָמער... זאָל זיין אן עת־רצון! זאָל רחמנות זיין גרימצאָרן באַזיגן; דער גרויסער צער פון דער אידישער אומה — זיין אויער דער־גרייכן...

גבאי

(רייסט איבער. אויפגערעגט)

אמיין נעמט איר בעסער מיט דעם „מעבר יבוק” !... האַסטו געהערט! נו, נו!

רביצן

(אויסער זיך. ווי אין טראַנס)

הערט, איר הייליקע, ריינע, טייערע נשמות! — פליט אַרויף צו גאָט! (דער שאַל אף אירע אַקסלען פאַלט אראָפּ) צערייסט דאָס פּרוכת וואָס שיידט פונאַנדער צווישן מענטש און גאָט!..

(מיט עקסטאַז) שפּאַלט די מויער, וואָס לאָזט נישט צו די עלנטע תּפילות פון צעבראָכענע הערצער! וואָס דער שטן האָט זיי געפּאַנגען און נישט צוגעלאָזן צו דער שכינה ... לאָזן זיי אַלע זיך באַפרייען, אַלע זיך צונויפקלייבן. מיט מיליאָנען קרעכצן זיך צוזאַמענפּלעכטן ... צו גאָט זיך אַרים־טאָן — און פאַר מיין האַרצווייטיק א וועג מאַכן! ... הערט, נשמות! אָט־אָ־דאָ, (ווייזט צו דער ערד) אָט־אָ־דאָ באַם קבר וועל איך ליגן — ביזוואַנען איר וועט מיר נישט ברענגען קיין תּשובה, אַז מ׳האָט מיין געבעט פאַרנומען — און מיין מאַן זיין אידיש האַרץ צוריק־געקערט! ... (ווייזט ווידער צו דער ערד) אָט־אָ־דאָ וועל איך ליגן! מיין ברענענדיק האַרץ צעריסן ... פלאַמען וועלן דער־פון אַרויסכוואַליען — און ביז צום הימל אייך אַרויפטראָגן! ..
(פאַלט אַריין אין א היסטערישן טאָן) טייערע נשמות! — די גאַנצע אידישע אמונה שטייט אַצינד אין סכנה! ... איך קאָן שוין מער מיין ווי נישט דערשטיקן! אָט גיב איך א געשריי, אַז דער כּסא־הכּבוד אַליין וועט דערציטערן!! ... (וואַקלט זיך) פּליט. פּליט גיך אַרויף!! — — (ספּאַזמירט)

גבאי

(ביז איצט געשטאַנען ווי פאַרשטיינערט, וואַכט אויף און כאַפּט זי אונטער בא דער האַנט)

אין גאָטעס ווילן, באַרואיקט אייך! זעצט אייך צו

רביצן

(לאָזט זיך אַראָפּ, נאָר דער גבאי דערכאַפּט זי און באַמיט זיך זי אָנעקצוזעצן׳ זי טרייסלט נערוויז דעם קאָפּ)

אוי־י, אוי ...

גבאי

איר זענט דאָך אויסער זיך!
(לויפט צום האַנטפאַס, ברענגט וואַסער, גיט איר א שפּריץ אין פּנים)
נעמט אביסל וואַסער. באַרואיקט אייך.
(ווען זי באַנעצט די ליפּן, האַלטנדיק די קוואַרט מיט א ציטערדיקער האַנט)

איר אליין רעגט זיך נאך צום איבעריקן אויף.

(לעגט איר ארויף דעם שאל אף די פלייצעס. ציט מיט די אקסלען)

המ — נא!..·

רביצן

(שטופט אים די קוואָרט אין האַנט. אָטעמט פרייער אויף)

אַ — ך, אָר־וי־י!...

גבאי

(שאָקלט מיטן קאָפּ)

המ־נע! . . . אייך האָב איך געהאַלטן פאַר אַ סך געזעצטער. נאַריר גאָר אַזאַ מין געדאַנק, — צו די מתים גאָר!... ניין, מיט קברים־רייסן קאָן מען קיין לעבעדיק האַרץ נ י ש ט איבער־אַנדערשן! כע, כע . . . (סאַרקאַסטיש) נעמט גראַבט זיי אויס די פגירות, די הוילע ביינער, וואָס האָבן אַ פּנים פּונקט ווי די פערדישע אין דעם . . . (קאָן נישט כאַפּן דאָס ריכטיקע וואָרט. ווייזט אהינטער) דאָרט, — הינטערן באַרג... נעמט — כאַטש וואַרפט זיי איבערן דאַך! וואָס טויט איז טויט! גוטע שלוחים האָט איר אייך געפונען... טאַקע נאָר אַף יענער וועלט צו שיקן טויגן זיי! קאָנען נאָך ווייניקער העלפן, ווי די תפילות פון גוטע־אידן. (אָנווייזנדיק אַהינטער) פּונקט ווי זיינע תפילות.

רביצן

(האַרט)

שיט דו מיר כאָטש ניט קיין זאַלץ אַף מיינע וואונדען! — ס'איז דאָך מיין לעצטער אָנשפּאַר. דער איינציקער פאָדעם וואָס האַלט נאָך מיין מוח . . . ניין! די כמאַרעס זענען שוין צו שווער — זיי מוזן ברעכן!

גבאי

(זיפצט ארויס)

איי־איי־איי! ער איז צו שטאַרק, ס'זאָל אים עפּעס נאָך קאָנען רירן! די אמתע מאַנקאַליע אין קאָפּ זיך אריינגענומען. (פּאוזע. שפּאַנט הין און צוריק. טרעט־צו נעענטער) הערט! איר ווילט

איך זאָל אייך געבן א פּאַרטל, וואָס זאָל דווקא זיכער העלפן,
און טאַקע באַלד, דאָ אפן אָרט ? —

רביצן

(תמימותדיקע האָפענונג בליצט אויף אין אירע אויגן)

נו־נו ? אדרבה ? —

גבאי

(מיט א טייוולאָנישן אויסדרוק ; באַווייזט מיט די
הענט, קריצנדיק מיט די ציין)

גיט מיר אים נאָר איבער אין מ י י ן רשות ! אף איין מינוט
נאָר . . .

רביצן

(שפּרינגט אויף, צעשפּרייט די הענט, ווי זי וואָלט
עמיצן באַשיצן. שרייט־אויס מיט הארץ)

שמו — אל ! ! . . . (קוקט זיך לאַנג אין די אויגן)

גבאי

אהא ! ס'האָט א צופּע געטאָן . . . (צעפּירט די הענט) פּש־ש !
ווי זי ציטערט עס אזוי איבער אים ! מ'לעגט זיך אריין אַ פּיצל
וואט אין די אויערן — און מ'קלאַפּט אוים דאָס הארטע שטיקל
לעדער . . .

רביצן

דו וועסט נישט פאַרמאַכן דיין טריף מויל, שמואל ? !

גבאי

(מיט א מבטלדיקער באַוועגונג)

ש־שאָט, טאַרעראַמט נישט אזוי ! כ'וועל אים שוין לאָזן פאַלן
(דרייט מיטן קאָפּ) ה־הו, וואָלט איך אים אויסגעטאַרעוועט די
געדאַנקען ! . . . (א קורץ שווייגן) נישקשה ניט — איר גיט
אים נאָך די שמד, די שמד גיט איר אים נאָך . . .

(פּאַוזע)

רביצן

(דערמאָנט זיך)

איך גיי!... (אויגן צום הימל) שטייען דאָך מײנע זיידעס אויך הינטער מיר... איך מוז — — (בייסט די ליפּן) מיין לעצטן, אָבער ביטערסטן קרעכץ פאַר א קרבן אוועקצוטראָגן... (נעמט צונויף אַלע אירע כוחות) גאָט קאָן דאָך אַזוי שלעכט נישט זיין — אָן אל מלא רחמים וחנון איז ער!... (פאַרזינקט דעם קאָפּ) אַצינד איז: אָדער... אָדער...

גבאי

(גיפּטיק)

איר זענט דען בעסער פאַר אים? — יעדער שמועסט זיך איין זיין שגעון. יעדער האָט זיך זיין מוז! נאָדיר א מוז—זי מוז!...

רביצן

(מאַכט צורעכט דעם שאַל אויף זיך)

איך גיי — — מיטן חלף אפּן האַלדז — — —

גבאי

(רירט אָן דעם שאַל)

איך הייס נישט גיין! —

רביצן

(זיך אוועקרייסנדיק)

לאָז מיך געמאַך!

גבאי

איר'ט נישט גיין! (פאַרשטעלט איר דעם וועג)

רביצן

(שטרענג)

לאָז מיך!

גבאי

(גיט איר פריי דעם וועג)

המ, נא — נא!

רביצן

(אף די טרעפ)

זאָלסט קיינעם נישט זאָגן וואו כ'בין! —

גבאי

(בעטנדיק)

גייט נישט! — איר וועט זיך דעם מוח אויפרירן...

רביצן

(ביטער)

שוויַג! — (גייט, און איינגעבויגענע, צום טויער)

גבאי

(נאָכקוקנדיק. גיט מיאשדיק א מאַך מיט דער האַנט)

גייט! — —

סופר

(שרייט נאָך פון יענער זייט טיר)

אביש! אביש! (כאַפּט זיך אַרויס, דערזעט דעם גבאי) שמואל, וואו איז אביש? (ער איז אין איילעניש)

גבאי

(דרייט אויס דעם קאָפּ)

אים אוועקגעשיקט! וואָס דאַרפסטו אים? מ'שיקט אים ערגעץ — איז ווי אין דער אדמה אַריין!

סופר

(ציט מיט די אַקסלען)

מ'שטעלט זיך שוין דאַוונען... (ווייזט הינטעראַרומער) ער-שלאָפט נאָך. מ'דאַרף דאָך אים אויפוועקן.

(משמש קומט אַן)

גבאי

(דערזעענדיק דעם משמש)

הער א מעשה: ער לעבט דאָך נאָך! אבי כ'האָב געמיינט, שוין דיינער פטור געוואָרן

משמש

(צום גבאי)

קוים אים אפגעזוכט. אט גייט ער איציקל. אביסל זיך עם אנגעלאפן!

סופר

גיי ווער געוואוירע, אביש, שוין אויפגעשטאנען? — מ׳זאגט שוין ברכות

משמש

שיינדעלע האט נישט געהייסן וועקן: א גאנצע נאכט קיין אויג נישט צוגעטאן

גבאי

וואַ׳דען! ס׳הייסט, אז דער עולם וועט קומען — זאל מען אים אקארשט דארפן אויסלעקן די אייגעלעך. (צום סופר) גיי, היים דאווגען ווייטער.

(סופר אפ, קנייטשנדיק די פלייצעס)

איציקל

(לויפט־אן א צעטראגענער)

דיר, שמואל, קומט תמיד אוים מיך צו רופן אינמיצקן דערינען!

גבאי

(מיט רוגזה)

וואס־זשע, סמבטיון, האסט פארגעסן, אז באלד קומט די כאפטע פליאסקעדריגעם אפן פארהער?!

איציקל

ה־הער! אט־דאס מיין איך דאך אינמיצקן דערינען! — א פולע גאס מיט רעדלעך און ס׳קהלט זיך אף טיש און אף בייגק. כ׳בין דאך שוין ממש הייזעריק געוואָרן אייגטענהנדיק מיט יעדן באזונדער. (זיי גייען ביידע אראפ פון די טרעפ. סודעוודיק) הייגט די מימרות וואס איטלעכער זאגט זיך אף... און דער עיקרשט — די סאנדזער, ימח שמם! (גיט זיך א שטעל־אפ, אויסדרייענדיק דעם קאפ צו אים) און צווישן אונדז רעדנדיק טאקע: שטאט ווערט געבראכן פון ברויט! — דם־שונאים אים געוואָרן!

די אַלטע שרה

(אַרויסשטעקנדיק דעם קאָפּ דורך דער טיר)

זאַטשע מוחל, אַביש!

משמש

(לאָזט זיך גיין)

וואָס איז?

שרה

(אַרויסקומענדיק)

ווי איז די רביצן? ווייסט איר נישט ווי די רביצן איז?

משמש

(באַאומרואיקט)

וואָס הייסט וואו? ז׳איז נישטאָ אין שטוב? וואָס דאַרפט איר זי?

שרה

וואָס הייסט, וואָס כ׳דאַרף זי צו האָבן? — מ׳האָט דאָך נאָך גאָרנישט ציגעשטעלט, און דאָ דאַווענטן שוין! איך האָלט זי אינאיין אַרימזיכן... (צום גבאי) ריב שמיל, האָט איר נישט געזיין שיינדילען? די קעכין ווייסט דאָך נישט אַליין וואָס צו צי שטעלן!

גבאי

(בייז. איבערן אַקסל)

קדחת אין אַ קליין טעפּעלע! — הייט!

שרה

אַ מענטש זאָל עס קיין גלאַכוואָרט נישט קאָנען אַרויסרעדן! (אָפּ. משמש נאָך איר)

גבאי

(מיט אַ זיפץ)

איי, ס׳האַלט שלעכט, ברודער, שלעכט! — איך ווער געבראָכן פון ברויט. און דווקא איצטערט־אָ! ווייסט דאָך מיינע צרות..

איציקל

זיי קיין נאַר נישט! (גיט אים אַ קלאַפּ אָן אַקסל) ר׳וועט דער־פילן: ס׳שמעקט מיט „המצא מנוחה" — וועט ער זיך צוריק אַנשטרייכלען... שוין געזען אַזעלכע קנאַקערס! (וואונקט) אַנו לאָמיר זיך נאָך אַ נעם־טאָן צו דער זאַך ביד חזקה, כדבעי!

גבאי

(פאַרזאָרגט)

שוין צו שפּעט... מ׳וואָלט עס געוועז באַדאַרפט אָפּטאָן כאָטש נאָך נעכטן באַנאַכט...

שמערל

(איילט אַרויס פון בית־מדרש — אין דער יאַר־מולקי, פאַרגאַרטלט, דער לינקער אָרבל פון דער קאַפּאָטע פאַרשאַרצט, עס זעט זיך אַרויס אַ ברייטער אָרבל פון העמד. קענטיק — אָפּגעלעגט די תפילין. טאַרניט אויסרעדן)

נו־אַ? חדשות?

גבאי

(קרימט אים נאָך)

„נו־אַ, חדשות?" — וואָס זאָל זיין נייס, אַז ד׳ביסט שוין אַן אַלט פערד!

שמערל

(פאַרדראָסיק)

נו־אַ? — כעס!?... (גייענדיק אין הויף, צום ברונעם צו) כעס — עבודה זרה!...

גבאי

ווער די כפרה!... (ציט מיט די אַקסלען. צו איציקלען) פאַר־שטייסט? איצטערט וועט דער עולם קומען, און ער וועט פראַנק און פריי אַרויסטאַרעבאַנען דעם גאַנצן משומד זיינעם; אָבער טאַקע גאָר אָפן טעם־העליון, מיט אַ שלשלת!... פאַרשטייסטו דאָך, אַז...

סופר

(לויפט ארויס א צערעשטער)

ר׳אברהם־יענקעניו קומט! ר׳אברהם־יענקעניו... ר׳איז שוין באם פרוט! —

גבאי

(איבערראשט)

וואס?! — ביסט בא די גערײַנקען?

סופר

דער רב, ר׳דודל — שבתצונאכטס דעפעשירט נאך אים. ס׳איז דא א שטאפעט... וואו איז שיינדעלע? — אי׳מיר אקעגנ־פארן?

גבאי

פאר אליין... איך קאן איצטערט נישט פון שטוב

(סופר אפּ)

איציקל

זעסט כאטש? — גאט שיקט צו די רפואה פאר דער מכה! דער ברודער זיינער — ס׳איז א מענטש א קאזאק!

גבאי

מיר פאלט־איין אנ׳אנדער זאך: ס׳איז א פרישטש אף דער מכה! ס׳וועט קומען דער סאדיגערער — וועט זיך ערשט אנהייבן דער רעכטער ברען... זיי זענען דאך מעסערשטעד פון תמיד אן... איצטער וועט יענער דאך אוודאי זיך וועלן אנשטריימלען און טאנצן אף דעמס קבר — וועט זיין, פארשטייסטו מיך, א חתונה אן קלעזמער.

איציקל

און איך זאג דיר מיינס: אז ס׳וועט ארויס א חתונה, וועלן מיר אונדזער סארוּוער־געלט ערשט זיכער אפנעמען! — מיר׳ן אים, טאקע דעם סאדיגערער אליין, במחילה, אוועקנעמען אפן אויער און אים איינרוימען א סוד, אז וואס אונטער זיין שטריימל טוט זיך, ווייסן מיר אויך... (מיט א גמרא ניגון) וועט ער זיין א גוטער־ברודער און אונדז אריבערנעמען צו זיך

— איז מה טוב... און אז נישט, (גיט א שטורך מיטן עלנבויגן) פארשטייסטו דאך, הא? — אי'מיר אים אויפדעקן ז י י ן פּאלע!... נישקשה, ר'וועט זיין א גוטער־ברודער!

גבאי

איי, ס'איז פּיזעם, ברודער, פּיזעם!... (קלערט) הערסט וואס כ'וועל דיר זאגן? (גיט א וואונק מיטן קאפּ) קום, לאמיר זיך נאר ארייכאפּן אהין, צון אים אין שטיבל, און אף־א־מינוט אים מאכן א קורצע הקדמה: „טויט — אדער רויט!"

איציקל

(לעבעדיק)

אוודאי אזוי, אז מ'קאן נישט אריבער — מוז מען ארונטער! כע, כע!

(זיי גייען אריין אין שטוב. פּאוזע)

(עס קומען אן: דער ר ב, ר' ד ו ד ל ז ק נ י ם און י ש י ש י ם. פון בית־מדרש ארויס דערטראגט זיך שופר־בלאזן)

ערשטער זקן

שוין אפּגעדאוונט... מ'בלאזט שופר — אידישע תפילות זאלן אפּן הימל דערהערט ווערן.

ר' דודל

(לעבן רב)

כ'בין אצינדערט שוין אריבער די שבעים... דער „מלאך", זכר צדיק לברכה, מיר נאך די תפילין געלעגט! תמיד אן אנשפּאר אין אמונה געהאט... וואו א צרה שלא תבוא — מיין הארץ פארן צדיק־הדור אויסגעוויינט, א טרייסט געפונען. און אט — וויי צו מיין עלטער! — באדארף איך עס קומען אפּנעמען „חשבון־הנפש"... (נעמט ארויס א רויטע פאטשיילע,ווישט אויס א טרער) צי קאן איך נאך ערגעץ־וואו א טרייסט געפינען? עס ווערט אין מיר מיין הארץ צעריסן... גאט! מיט וואס האב איך עס מיך אזוי פארזינדיקט?... (זקנים שאקלען די קעפּ) מיט וואס פאר א פּנים גיי איך אצינד אריין צון אים? — וואו זאל איך מיין חרפּה פארבאהאלטן?

רב

(אין זיין שטים קלינגט א טאָן פון צעבראָכנקייט)

מיר מוזן זיך האַרץ מאַכן, ר׳ דודל... „אין רחמים בדין״ — מיר מוזן מקדש שם־שמים זיין, ר׳ דודל!...

צווייטער זקן

(צו די איבעריקע זקנים ארום אים)

וואָס קאָן א מענטש דען פארשטיין גאָטס דרכים?... גאָט הייסט אזוי, גאָט וויל אזוי — —

משמש

(פראלט ארויס פון דער טיר, א בלאסער, א דער־שראָקענער)

ווי אי׳מיר!! — — (לויפט, פארביי זיי, צום גאָרטן) שמו—אל! שמו—אל!! (אלע לויפן אריין אין שטוב) אן אומגליק געשעןן!!...

(משמש לויפט, סאפענדיק, צוריק אין שטוב אריין)

שרה

(ערגעץ פון הינטער דער שטוב)

שיי — נדעלע!... ר — ביצן, ר — ביצן!... (באַווייזט זיך א צעטראָגענע) נישטאָ — אָ?... (לויפט אָרום, ברעכנדיק די הענט) דאָס שטיבל פארשלאָסן — און ר׳איז נישטאָ... (צוריקלויפנדיק) ווי אי׳מיר, ווינד אי׳מיר!

(די בינע בלייבט א רגע ליידיק. פון שטוב פאר־טראָגט זיך א שטאַרק געדודער. עולם לויפט ארויס: גבאי, איציקל, רבי, די דודל. זקנים. ישישים; צווישן זיי— דאווענער מיט טליתים און צעוויקלטע של־ידן)

משמש

(ארויסקומענדיק דער לעצטער)

א גאַנצע נאַכט געווײנט... ווי איז מיין לעבן!

(מילאָזט זיך צום גאָרטן)

שמערל

(קומט איילנדיק צוריק פון ברונעם־זייט. טראָגט
אין האַנט א יארמולקי. דערזעט דעם עולם, שרייט)

של אדמו״ר — היארמולקי!...

(דער צעשראָקענער עולם גיט זיך מיטאַמאָל א קער
אום צו אים, פארלירט ער זיך אינגאַנצן. פרעגט)

נו — אַ? נו, נו?!

עולם

— וואו האָט איר זי געפונען? וואו?
— וואו, שמערל?
— וואו איז דער רבי?

שמערל

(ווייזט מיט דער האַנט צום ברונעם צו)

ש — ם!... המים... של אדמו״ר היארמולקי! — שם!..

גבאי

וואס שם־קעסטו? קוועטש זיך אוים, וואו האסטו זי געפונען?
דולעם!

שמערל

מצאתי של אדמו״ר היארמולקי אצל ה... הקרעניצע!

משמש

אוי, געוואלד — דערטרונקען!!... (כאַפט זיך באַם קאָפ
צעוויינט זיך)

(דער עולם גיט זיך א וויג. עס ווערט א געמיש פון
פארלוירנקייט)

עולם

(ארויסליארמענדיק כמעט אַלע מיטאַמאָל)

— גאָט אין הימל!
— אזא בראַד, גאָטעניו!
— רבונו של עולם!
— וואס איז געשען?
— אז אַך און ווי צו אונדז!

— שייך ?
— סטאטש ?

(די קולות פאלן לויפנדיק צום ברונעם. די בינע בלייבט ליידיק. די געשרייען גייען איבער אין אן אויפגערעגט געמורמל, א גערודער. שטאטלייט לויפן אן. צווישן זיי איינער מיט א פארטוך — א שוסטער פון מיטן דער ארבעט ארויס. לויפן צום געזעמל באם ברונעם)

שטימען

— א ליטער !
— שטריק !
— פאוואלי, ניט !

(אלעמאל ברעכט דארט אויס א ניי געיאמער)

— האלט פעסט די שטריק !
— לעג־צו א האנט !
— איך טאפ גארנישט נישט אן !
— שלעפט מיך ארויף !

(מע לויפט צוריק)

— גאטס צארן אף אונדז אויסגעגאסן...

(דער שוסטער בינדט זיך צו דאס פארטוך. ער איז פארשמירט, קענטיק — אין ברונעם געקראכן)

— צאן בלי רועה !...
— דער קברניט פון שיף...

(מע איילט אריין אין שטוב)

ר׳ דודל

(נאכשלעפנדיק זיך היטערן רב)

מיר איז פינצטער ! וויסט אף דער נשמה — —

(גייען אריין)

מאירל

(לויפט אן א דערשראקענער)

וואס איז דא, וואס ?

משמש

(ברעכט די הענט)

אוי, ר׳ מאירל! — אַ גרויס אומגליק! דער רבי — נישטאָ!...

מאירל

(שטאַרק צעטראָגן)

וואָס־וואָס? ווי הייסט?

משמש

(כליפּנדיק)

די יאַרמולקי באַם ברונעם געפונען... וויי איז מיר! (לויפט אין שטוב אַריין)

מאירל

(גיט זיך אַ כאַפּ באַם קאָפּ)

גאָט! — פאַרשפּעטיקט...

גבאי

(אָנקומענדיק מיט אייניקע)

אויסגעטאַפּט דעם גאַנצן ברונעם — נישטאָ! (דערזעענדיק מאירלען) ערגעץ נעלם געוואָרן!

(יענע גייען אין שטוב אַריין)

מאירל

(גיט אַ שאַרפן בליק אויפן גבאי)

שמואל! זאָגט וואו איז ער?!...

גבאי

(פאַרלעגט די הענט, קוקט אים שפּיציק אין די אויגן אַריין)

אשטייגער למשל, פונוואַנען זאָל אַ ייִד עס גראָד וויסן?... האָסטו געהערט: „זאָגט וואו איז ער!" נו — נו! (וויל גיין) אַז אַנשטעל ער מאַכט עס!

מאירל

ווי קומט די יאַרמולקי צום ברונעם? —

גבאי

מן־הסתם געטריבן פליגן מיט דער יארמולקי — איז זי אים אראפּגעפאלן!

מאירל

(טרעט צו)

שמואל! מיר פארשטייען זיך אף שטומלשון!... (האלט אים אָפּ) שטייט!

גבאי

(דרייט זיך אויס)

הערט איר, מאירל, אפשר וואָלט איר אן אנדערן דרייען א ספּאָדיק, נישט מיר, הא?

מאירל

(פארבייסט די ליפּן)

שמואל! איצט ל'איך גיין ביזן בלוט! ! . . . (כאַפּט אים פארן לאַץ) וואו איז ער?

גבאי

(גיט זיך א ריס אויס)

אין ב־באָד איז ער!! (שפּאַנט אוועק אין שטוב אריין) אזא בייז באַגעגעניש!

מאירל

(שרייט נאָך)

וואַרט! — מיטן קאָפּ ס'טו באַצאָלן!

(שטייט א ווײַלע פארשטיינערט, קערט זיך אום אין שטאָט)

(פּאוזע)

בטלן

(קומט אַרויס, קושט די מזוזה, גייט מיט שטילע טריט ביז אַראָפּ די טרעפּ. בלייבט שטיין. קוקט אין דער לופט שאָקלענדיק דעם קאָפּ)

„עולימתא שפּירתא דלית לה עינין..." — די וועלט איז

שיין ווייל זי האָט קיין אויגן נישט... (גיט אַ טויטן שמייכל) כע, כע... זאָלט זי זיך אַרומקוקן, וואָלט זי זען סאַר'אַפּנים זי האָט!... כע, כע... (גייט זיין וועגס)

שמערל

(לויפט אָן אָטעם, שרייט)

חי!... ח — י!...

משמש

(לויפט ארויס פון שטוב. פארשטייט ניט)

וואָע? —

שמערל

חי! חי!...

משמש

(שרייט אריין אין שטוב)

ער לעבט! ער לעבט!... (צו שמערלען) ור־וואו איז ער? וואו?

(עולם לויפט ארויס מיט קולות)

— וואו איז ער?
— ווער האָט געזאָגט?
— וואו, וואו?

שמערל

אצל האָדון!...

איציקל, גבאי

(איינצייטיק)

— וואָסער אָדון?
— ווער אָדון?
— וועלכער אָדון?

שמערל

ה... הפּאָטשטמיינסטער!

ר׳ דודל

וואס „דער פּאַטשטשמיינסטער״ ? — זאָג !

שמערל

אָמרתי : פּאַטשטשמיינסטער, משמעות — פּאַטשטשמיינסטער !

גבאי

רעד ווערטער ! גיב לשון, צון אלדי רוחות !

שמערל

דער פּאַטשטשמיינסטער האָט געזאָגט... ער... ער לעבט !

איציקל

וואו־זשע איז ער ? —

שמערל

דאָרט ערגעץ...

רב, ר׳ דודל

(דערשראָקן)

— וואו דאָרט ?
— שייך ?
— כדומה ?...

גבאי

שמינעגי ! — גיב לשון !

שמערל

באַם פּאַטשטשמיינסטער ! — אין פּאַטשט... אין שטוב באַ אים !

רב

ווי הייסט באַם פּאַטשטשמיינסטער ? (גלאָצט מיט די אויגן)
שייך ? וואָס טוט ער דאָרט ? הא ? וואָס ?

שמערל

געקומען צון אים... נאָך פּאַרטאָג... זיך באַהאַלטן
(א געמורמל לויפט דורך. מיקוקט זיך איבער, פאַר־
ברעכט מיט די הענט. נאַגנדיקע שטילקייט)

משמש

דאנקען גאָט! — אבי ער לעבט

(שמערל קאָן פאַר נייגעריקייט ניט איינשטיין. רוקט זיך ארויס)

גבאי

חסר־דעה געוואָרן!... גאָרנישט — גענומען און אנטלאָפן פון חדר. נו, נו!

איציקל

(וועלנדיק פאַרגלעטן)

וואָס איז ס'חידוש, וואָס? — זיך איינגעשפּאַרט דווקא אראָפּ־צוברענגען משיחן! ... איז ער...

(פּויקט זיך מיט א פינגער אין שלייף)

רב

נייז, פע!... די מעשה געפעלט מיר שוין גאָרנישט! (צו ר' דודלען דאָ שמעקט דאָך שוין ממש מיט... מיט...

(קנייטשט די פּלייצעס) כ'מיין — ע!... באַנאַכט אנטלויפן צו א גוי!... (דרייט מיטן קאָפּ) בא, בא!...

ר' דודל

(לאָזט זיך אראָפּ אף א באַנק, א צעבראָכענער)

מיט וואָס האָב איך עס מיך פאַרזינדיקט?... רבונו דעלמא כולא! (שאָקלט זיך)

רב

(דרייט זיך ארום, רייבט א האַנט אין א האַנט. בלייבט שטיין)

מ'מוז גוזר תענית זיין, ר' דודל! — מיר האָבן עבודה זרה געדינט!...

(ר' דודל שפּרינגט אויף, וויל עפּעס זאָגן, קאָן ניט דערקלייבן די כוחות)

צווייטער זקן

דער שטורעם־ווינט גרויס, דער קברניט געפאַלן און די שיף זינקט!...

דריטער ישיש

אידן! רחמים בעט בא גאָט! — —

ר׳ דודל

(פּלאַצט אַרויס)

רעדט נישט אַזוי, רב!... עס איז נישט אַזוי, ווי איך דאַכט זיך!... עפּעס איז מיט אים פאָרגעקומען. ער איז תּמיד ער!... (צעקאַכט זיך) און אויב כ׳וועל אויפהערן צו גלייבן, אַז ער איז תּמיד ער — וועל איך מער נישט זיין אַ י ד!... (מיט אַ רירנדיקן האַרץ־טאָן) רב, נעמט בא מיר דאָס לעצטע נישט צו!!...

(אין זיין קול דערהערן זיך דערשטיקטע טרערן)

(דער רב זעצט זיך אַראָפּ אַ צעבראָכענער, דרייט דעם קאָפּ)

שמערל

(לויפט אַ פאַרשמייעטער)

אַ שטאָט מיט מענטשן אַרום דער פּאַטשט!... די גאַנצע מויער באַלאַגערט! — און מ׳קריגט זיך, מ׳זידעלט זיך

גבאי

(מיט אַ קרעכץ)

נאַדיר גאָר אַ „ויברח" צום טיש!... אַן איינפאַל אַביסל, נו, נו!

(רב קוקט אָפּן גבאי פאַרדראָסיק. פּאַוזע. עס דער־הערט זיך צופאַרן אַ פייעטאָן מיט גלעקער. שמערל איילט צום טויער)

משמש

(שרייט אַריין דורכן טויער)

ר׳ אברהם־יענקעניו!... ר׳ אברהם־יענקעניו פאָרט!! (קערט זיך אום)

(דער עולם גיט זיך אַ רודער. מע גייט אַנטקעגן, ווער איילנדיק און ווער לאַנגזאַם. ר׳ א ב ר ה ם־

(י ע ק ב — אין וועג־מלבושים, גייט צערעשט.
ש ב ח באַווייזט זיך אַפן טויער לעבן ר׳ אברהם־
יעקבן. ווען דער רב און ר׳ דודל קומען צו, קערט
זיך שבח אום צום פייעטאָן)

רב, ר׳ דודל

(טראָגן אונטקעגן דעם שלום־עליכם)

שלום־עליכם, סאַדיגערער רבי!

ר׳ אברהם־יעקב

האַ, ר׳ דודל סנידקעוווער! דער ליעוווער רב! — וואָס מאַכט מען עפּעס? מיט אייער דעפּעש האָט איר מיך איבערגעשראָקן..

(קוקט זיך אַרום, גייט געמאָסטענע טריט, ניט איילנדיק זיך אַזוי אַריינצוגיין. אייניקע שטעקן־אַפּ שלום־עליכם, אַנדערע כאַפּן באַ אים אַראָפּ די וועג־מלבושים, נעמען אַוועק דעם שטעקן פון זיין האַנט. ער בלייבט שטיין באַ די טרעפּ, פאַרשמועסט זיך מיט ר׳ דודלען און מיטן רב)

משמש

(באַם טויער. צו שבחן, וואָס קומט טראָגנדיק אונטערן אָרעם צוויי תפילים־זעקלעך)

גאָרנישט איבערגעלאָזט אַפן פּייטאָן? ל׳איך גיין אַריינגענעמען

שבח

וואָסער אָן „איבערגעלאָזט״! ס׳אי׳דען געווען צייט עפּעס מיטצונעמען? — טלית און תפילין, ווייטער גאָרנישט

גבאי

(רוקט אַריין שבחן די האַנט)

אַט — אַ גאַסט, שבח!

שבח

האָסט אַ פיינע חתונה, שמואל?... מזל טוב דיר!

גבאי

אם־ירצה־השם אינגיכן דערלעבן — באַ דיר!... (פאַרביסן) כ׳פאַרשטיי... באשר בכן איצטער פאַרט דיינער אין דער קאַ־

רעטע — געגדולט זיך דיר צו חכמהנען. (ווארנענדיק) נאר טאמער וועט מיין קארעטע זיך איבערקערן — וועט בא דיר אויך דראנזשן אז אקס!... הו — הו, נאך וויאזוי דראנזשן!

שבח

(מיט א צופרידן שמייכעלע)

כ—הם... נישקשה! — מיר האבן געקאוועטע סוסים!...
(לאזן זיך גיין)

גבאי

(קלאפט אים אין פלייצע)

כ'וועל דיינע פערדלעך ארייגלאזן קוועקזילבער אין די אויערן, ברודער סערדצע...

שבח

(גיט א מאך אוועק מיט דער האנט)

בע!...

(עס הערט זיך אפפארן דער פייעטאן)

ר' אברהם־יעקב

(קוקט זיך ארום, זוכנדיק עמיצן. מיט „ירגזון")

ור־ווא־ם?... שטייט שוין מיין ר' בערעלען גארנישט אן, מיר אף דער שוועל אקעגן צו גיין? כ'בין דאך אן עלטערער ברודער, דוכט מיר!
(וויל ארייגגיין; קוקט אף דער מזוזה)

ר' דודל

(צייגערט מיט די רייד)

ער... ער זאל לעבן איז... נישטא...

ר' אברהם־יעקב

(בלייבט שטיין)

ווי הייסט „נישטא"? א י ך קום צופארן — איז ער נישטא? געוואלט הפנים פריער פראוועז מקוה? —

איציקל

פֿאַרשטייט איר... איר זענט שלעכט צו־גענפֿאַרן... געווען באַדאַרפֿט זיך אָפּשטעלן מיט אַ פּאָר טריט ווייטער...

ר' אברהם־יעקב

(ניטבאַנועמעודיק)

כ'פֿאַרשטיי נישט. וואו איז ער? —

איציקל

(ווייזט הינטנאַרומער)

אַט־דאָ באַלד, אין שכנות טאַקע... באַם פּאַטשטמיינסטער!

ר' אברהם־יעקב

(געפּלעפּט)

וואָס־ס איז דאָ, וואָס!?

בטלן

(אין אַ זײַט. האַלט אַן אַלט ספֿר, ברומט־אונטער האַלב פֿאַר זיך)

„רגלוהי דבר אנש אינון ערבין ביה — — ״

גבאי

וואָס זאָל זײַן? — געמאַכט אַ „ויברח״!

ר' אברהם־יעקב

(גיט זיך אַ כאַפּ)

ווען? —

גבאי

וואָס פֿאַרשטייט איר דאָ נישט? — אויפֿגעשטאַנען סליחות און אַוועק, במחילה... צום... צום פּאַטשטמיינסטער!

ר' אברהם־יעקב

רחמנא ליצלן

(פּאַוזע)

שבח

(צו שמערלען)

קום, כ'וועל גיין עפּעס איבערכאַפּן. ס'קלעמט מיר ס'האַרץ
(ציט אַרויס אַ פּלעשל בראַנפן פון בוזעם. אַפּ.
שמערל נאָך אים)

ר' אברהם־יעקב

און וואו איז שיינדעלע? —

גבאי

שיינדעלע? הם . . . שיינדעלע וואַרפט קנאַבל אַף די קברים!...
(מע שטעלט אויף מויל און אויערן)

ר' אברהם־יעקב

(פאַרגלאָצט די אויגן)

פאַטער זיסער אין הימל! . . . וואָס דאָ האָט זיך אָפּגעטאָן!

איציקל

אַזאַ בזיון! . . . מיר שעמען זיך דאָך ממש אַ שטערן אַרויס־
צושטעלן! — שטאָט קאָכט: אַוועק צון אַ גוי! . . .
(משמש קלייבט זיך עפּעס צו זאָגן, ווייזט אָבער
אַרויס מורא)

ר' אברהם־יעקב

שאַ, פידלער נישט אַזוי! — יעקב אבינו האָט זיך אויך גע־
באַהאַלטן באַ לבן הארמי!

רב

(שפּרינגט אויף)

פּ־פּע! א י ך קאָן עס נישט ליידן! — „יעקב אבינו!" . . .
יעקב אבינו איז אַנטלאָפן פאַר עשו, ווייל ער האָט אים גע־
וואָלט הרגענען; אָבער פאַר וועמען איז ער עס דאָ אַנטלאָפן?
— האָט אים עמיץ דען, חס ושלום, געוואָלט שלעכץ טאָן?
כ'מיין . . .
(משמש אַמפּערט זיך מיט זיין פּחדנות, נאָר ער
שווייגט)

ר׳ דודל

(כאַפּט אָן איציקלען פאַרן אָרבל)

אַט איז אײַן עשו! ... (ווײַזט צום גבאי) אַז איז דער צווײ־טער! — דער סמך־מים אַליין!

משמש

(נעמט זיך אָן מיט מוט)

יאָ, יאָ, רבי! ... (ווײַזט אויפן גבאי) ר׳האָט אַף אים מיט די פּיס געטופּעט! ...

גבאי

(גיט אַ טופּע מיטן פוס)

איך לעג דיך באַלד אַוועק אַ טויטן!

משמש

(ווײַזט מיט מורא)

אַט אַזוי האָט ער אַף אים אויך געשריגן! ...

איציקל

(רײַסט זיך אַרויס פון ר׳ דודלס האַנט. צום משמש)

אַ חצוף קאָן! ... מעגסט דיך שוין רעכטן אַ טויט! (וואַרנט מיט אַ פינגער) ׳עסט שוין אַרײַנכאַפּן אַ „משכנתא״! ...

משמש

שוין גוט, שוין גוט ... (טראָגט זיך אָפּ אָן אַ זײַט מיט מורא)

ר׳ דודל

(אָנווײַזנדיק אויפן משמש)

איר זעט, רב? אַ שטילער מענטש אַביש. געטליעט אין אים — האָט עס געמוזט אויפפלאַקערן!

(זעצט זיך פאַר שוואַכקייט אַוועק)

גבאי

מילא, אַז מ׳מאַכט מיך שוין יאָ פאַרן חייב — װעל׳יך טאַקע אויפדעקן דעם גאַנצן אײַן־און־דרײַסיק! ...

איציקל

(שפּאַלט זיך אַ וועג צום גבאי, וואַרנענדיק)

שמואל! ...

גבאי

(ציילט אף די פינגער)

אפגעזעסן גאנצענע נעכט מיטן דאקטאר און מיט מאירעלען, דעם אפיקורוס!... וואסער אף צווייען געשפאלטן... אלצ־דינג — מיטן דרך־הטבע דערקלערט... געלייענט טריף־פסול... האב׳יך עס נישט געקאנט סובל זיין.

משמש

(פון א ווינקל ערגעץ)

א ירא־שמים געווארן שמואל!

איציקל

(צום משמש)

איך וואַרף דיר באלד א פאנטאפל אין קאפ! א פיסקאטש ער האט עס באקומען! א, דו שייגעץ איינער!

משמש

שוין גוט, שוין גוט...

(רוקט זיך אף א זייט, כאפט זיך ענדלעך אריין אין שטוב)

גבאי

א „ירא־שמים״? — קוקט מיר איבער די ציצית!... ניין, פשוט — פרנסה־זאך!...

(רב, רי דודל שאקלען מיט פאראכטונג די קעפ)

איציקל

האסט זיך מיר עפעס שוין צופיל צעדרשנט, שמואל!

ר׳ אברהם־יעקב

(פארגלעזט רביש די אויגן צו גאט)

פאטער זיסער אין הימל! — (פאוזע)

(רב קוקט אף אים מיט חשד)

ר׳ דודל

(שטייט אויף, גייט צו צו רי אברהם־יעקבן. רעדט צעבראכן)

רבי... סאדיגערער רבי... קומט... לאמיר גיין צון אים.. איר וועט אף אים משפיע זיין... מיט א הארצעדיק ווארט...

מירן אים דאָס האַרץ אויסרעדן... זאָל ער נישט מורא האָבן!. מיר טראַכטן אים חלילה קיין שלעכטס נישט צו טאָן... (אָנ־ווייזנדיק אפֿן גבאי) די שלאַנג פֿונם פּאָס וועלן מיר אוועק־טרייבן... קומט, רבי!

גבאי

(גיט א וואונק מיטן קאָפּ צו איציקלען)

ווי געפעלט ער דיר, האָ? (צו ר׳ דודלען) איר ט׳אים שוין אָפּבלאָזן פֿון אן עין־הרע אויך!...

ר׳ דודל

(זייער באַקלעמט)

קומט, רבי!... (פּלאַצט ארויס) כ׳וועל פֿאַר אים א גאַס־טאָן מיט טרערן!... ער האָט דאָך אזא ווייך האַרץ... אזא מזג־טוב — —

גבאי

(האַקט איבער)

איי־יי, א „מזג־טוב”! פּש־ש־שש! — א גאַנצע שטאָט פֿון ברויט געבראַכן!

ר׳ דודל

(כמעט מיט טרערן)

קומט, רבי... כולי — האַי ו — —

ר׳ אברהם־יעקב

(דערבייזערט)

וו־אַ־ם?!... (ציט די ווערטער) א י ד זאָל גיין צון א י ם? און אין א גויאישער שטוב?... (באַרירט זיין קאַפּעליוש) אפשר נאָך אראָפּציען די יאַרמולקי פֿאַר אים!?

רב

(קאָן ניט איינשטיין)

אי — פּע!... דאָ האַנדלט זיך וועגן מציל זיין א נפש — און איר קוקט נאָר אױף האָנאָר!?... קומט! — א י ד גיי אויך!

ר׳ אברהם־יעקב

(מיט אַ פינגער אָף דער נאָז)

ע — ע, רב... איר זענט מיר שוין אביסל צו היציק!

רב

(גיט זיך אַ קנייטש מבטלדיק)

מילא בכן! וואָס קאָן דאָ זיין? — ט׳איר מיך מאַכן אויס רב!... (הארציק וואָרעם) מיר ווערט דאָס הארץ פאַרברענט — און איך זאָל זיין קאַלטבלוטיק? (וויל זיך פאַרענטפערן) כ׳מיין, ע...

ר׳ אברהם־יעקב

(מיט א האנט אין רבס זייט)

מוחל! מוחל!... (נעמט אָן רי דודלס האנט) זעצט אייך, ר׳ דודל. מירן געפינען א מיטל ר׳זאָל קומען־אהער... (קוקט זיך ארום) שיינדעלע נאָך אַלץ נישטאָ? —

גבאי

באַדאַרף מסתם פאַרשטאָפּן עפּעס נאָך א לאָך אין הימל מיט א סטירטע שטרויענע תחינות...

ר׳ אברהם־יעקב

אפשר טאַקע גלייכער וואָס ז׳איז נישטאָ. וועט זי קומען און אים שוין טרעפן דאָ. א שוואַך מענטש נעבעך, א חולנית. (צו רי דודלען) הערט, ר׳ דודל! איר נעמט דעם רב און גייט אריבער צון אים... זאָל ער אייך זאָגן: וואָס וויל ער? נאָר קלאָרע דיבורים!... זאָגט אים נישט אז איך בין דאָ!... נאָר טאָמער קווענקלט ער זיך: אהין — אהער... זאָלט איר אים מודיע זיין, אז איך פאַרשטייט איר מיך בין דאָ!... זאָל תיכף־ומיד קומען אהער. (מיט זיכערקייט) וועט ער קומען! וואָרים ער ווייסט, אז איך וועל היים ז — וועט מען אים ברענגען א הער!

ר׳ דודל

(אן „אפגעקאַכטער״)

מיט אזא לשון קאָן איך מיט אים נישט רעדן!

איציקל

(אַנווייזנדיק אַף זיך מיטן גבאי)

אַט שיקט אונדז נאָר צוּ אים! — מירן שוין וויסן מיט וואָסער אַ לשון צוּ רעדן

גבאי

איך באַ אַ הונט קיין פּיסק דאַרף מיר שוין נישט לייען: כ'האָב, ברוך־השם, מיין אייגענעם

ר' דודל

(דערציטערט)

חלילה! — די גזלנים נאָר שיקט אַף אים נישט אָנעט!...
קומט, רב, וועלן מיר שוין בעסער גיין! (רב, ר' דודל גייען)

איציקל

שמואל!... (גיט אַ וואונק נאָכצוגיין)

ר' אברהם־יעקב

(האַלט אים אָפּ מיט אַ האַנטבאַוועגונג)

דיך, איציקל, דאַרף איך ערגעץ אַנדערש שיקן, פאַרשטייסט? — איך באַדאַרף צוּ האָבן דעם דאָקטאָר מ י ט מאַירלען... גי'נאָר אַ לויף! נאָר אַזוי, אַז טאָמער זענען זיי אין פּאַטשט, באַ אים, זאָלסטו זיי אַרויסנעמען נאָך אייזשע ר' דודל מיטן רב וועלן צוּן אים אַריינגיין... גלייכער זיי זאָלן נישט זיין דערביי. פאַרשטייסט?

איציקל

אַ — האַ!... כ'פאַרשטיי... (אַרויסלויפנדיק) צי אי ך פאַרשטיי!... (אָפּ)

ר' אברהם־יעקב

(שטייט אויף)

נו, כ'מוז נאָך דערדאַוונען, — לעגן רבינו־תמס־תפילין. (קושט די מזוזה, גייט אַריין אין שטוב)

(פּאַוזע)

(ג ב א י בלייבט אליין. קנייטשט דעם שטערן, ציט מיט די אַקסלען. ער שפּאַרט זיך אָן אַ זייל, שאָקלט דעם פאַרזונקענעם קאָפּ)

שבח

(קומט ארויס פון שטוב, שאָקלט־אָפּ די באָרד. קענטיק — גענעסן. צמאָקעט א צאָן. גיט דעם גבאי א פּאַטש אין פּלייצע)

אזוי, אזוי, שמואל! הייסט עס — דו רעכנסט גאָר מיט מיר צו מאַכן „יחדו״?

גבאי

(גיט אים א שטעל־אָן די באָרד אין פּנים אריין)

און דו וואָס מיינסט? כ׳וועל ארויסהענגען די צונג ווי א כלב — און דיר נאָכשמעקן?...

שבח

ס׳רעדט זיך אזוי! מיר דאַכט: האָסט אָפּגעשפּאַרט א פּאָר ריינישן, צי ניין? — האָט דאָך עפּעס ד י י נ ע ר געטראַסקעט מיט דער גרויסער באַטש, האַ?

גבאי

שבח! ממה־נפשך, אז שוין יאָ בלייבן אָן ברויט — זאָל כאַטש יענער קיין ציין נישט האָבן!...

שבח

(גיט אים א שטורך אין זייט)

הער־זשע, פריינטעלע! איך קען דיך, דו קענסט מיך... אז מיר וועלן זיך רייסן ווי די קעץ — אי׳מירביידע ליגן אין דער אדמה

גבאי

על־כן?

שבח

על־כן — יד־אחת! „אח לצרה״ — איז אידישלעך.

גבאי

(שיינט אויף)

אַט־אזוי — איז אַנדערע דיבורים

שבח

איז וואס־זשע איז ? מוזן מיר זען דיין חתן־דנן ארײנפּאַקן צו מיינעם. אהין טאַקע, פאַרשטייסטו מיר, צון אים — קיין סאדיגערע!... איז ממילא — —

גבאי

(כאַפּט אונטער)

ט'זיין מער קי — ט'זיין מער מעלקעכץ!

שבח

און טאַקע באַלד פונדאנעט ארויספאָרן —

גבאי

(דערענדיקט)

„נאַשפּוץ" — מיט ביידע!... כע, כע. קום, אי'מיר אים זאָגן: אזוי בלייבט עס!

(ביידע גייען אין שטוב אריין)

שבח

(שאָקלט א פינגער לעבן שלייף)

מיינער פאַרשטייט שוין דווקא יאָ אַן עסק... (ביידע אָפּ) (דאָקטאָר און מאירל קומען אָן דורכן טויער. האַלטן אינמיטן א שמועס)

דאָקטאָר

דורכלאָזן אָט־דעם מאָמענט, וואָלט זיכער געווען א סטראַטעגישער פעלער... איצט פעלט דאָך נאָר איין פונק — און דאָס לאַנג־אָנגעזאַמלטע פולווער וועט מיט איין מאָל אויפרייסן דעם גאַנצן פאַנאַטיזם...

מאירל

אַלזאָ, איז ארויסצופאָרן מיט אים אפילו באַנאַכט, וועט אויך זיין אוממעגלעך. וואָס זאָלן מיר זיך נאַרן? — וועלן זיי דען אָפּטרעטן פון דער פּאַטשט? און זאָל עס געדויערן אפילו מי יודע וויפל

דאָקטאָר

און דעריבער?

מאירל

דעריבער איז די זאַך גאַנץ איינפאַך: דאָ, אין ליעווי, בלייבן קאָן ער ניט. פאַר קיינפאַל. קיין צוואַנגסמיטלען — וועלן מיר ניט דערלאָזן!... מוזן די פליידערמייז איינגיין אף א קאַמ־פּראָמיס... און ער וועט זיך ארויספאָרן אַזוי ערגעץ־וואו. (צעשמייכלט זיך) באַגלייטן א רבין — וועט דאָך קיינער ניט פאַרביטן... און אבי מיר וועלן אים נאָר האָבן אפן וועג, ניט צווישן א גאַנצער שטאָט — וועלן מיר אים שוין ארויס־קריגן קיין טשערנאָוויץ, צו אונדזערע חברה־לייט... איבע־ריקנס איז דאָך מיין מחותן, דאָקטאָר רייטמאַן, דער ראש־הקהילה דאָרט, מיט אים זייער באַפריינדעט

דאָקטאָר

(ארויפגייענדיק די טרעפּ)

יאָ, איר זענט זייער גערעכט. (שפּאַסיק) אָבער גיט נאָר אכטונג, אַז די טרוימענדע איזאַלינאַ, די כלה אייערע, זאָל נאָר נישט צופיל באַגייסטערט ווערן!...

מאירל

(שמייכלט)

וואָלט איר זיין דער שדכן בא אַזעלכע פאַרחלומטע, וואָלט איר אייער שדכנות אָפּגענומען — טאַקע נאָר אין חלום!...
(ביידע צעלאַכן זיך)

גבאי

(גיט אַן עפן די טיר, דערזעט די אָנקומענדיקע. שרייט אריין אין שטוב)

ש־ש־ש, — אָט קומען זיי!... (דרייט אויס דעם קאָפּ) נו, מאירל — זיך אָפּגעזוכט דער שאַדן ?

(מאירל מיידט אים אויס)

ר' אברהם־יעקב

(קומט ארויס אַנטקעגן. קושט די מזוזה)

הא, דאָקטאָר אלבערט... (גיט אים די האַנט) קומט אריין. (גיט מאירלען די האַנט)

דאָקטאָר

(אומגעדולדיק)

דאָ איז לופטיקער, פרייער...

ר׳ אברהם־יעקב

(אָנווייזנדיק)

זעצט אייך צו

דאָקטאָר

(זעצט זיך)

מיט וואָס אייגנטלעך קאָנען מיר דינען? —

ר׳ אברהם־יעקב

(באַרירט דעם דאָקטאָרס האַנט, צובייגנדיק זיך)

אייגנטלעך האָב איך מיט אייך עפּעס געוואָלט איבעררעדן...

מאירל

(גיט זיך א כאַפּ)

שטער איך? (געקריוודעט) מ׳האָט, דאכט זיך, אויך מיך גע־רופן? (וויל גיין)

ר׳ אברהם־יעקב

מיט אייך האָב איך אויך עפּעס צו רעדן. (ווייזט אים וואו צו זיצן) בלייבט דאָ, ביטע. (צום דאָקטאָר) איר פאַרשטייט: מיין ברודער איז דאָך איצטערט א... אייעריקער, א פריי־דענקער געוואָרן...

דאָקטאָר

וואָס ווילט איר דערמיט זאָגן? —

ר׳ אברהם־יעקב

(קווייטשט זיך)

כ׳מיין... זיך אָפּגעזאָגט פון עלטערן, פון פריינט, פון אייגענע..

איר האָט דאָך אבער אָף אים א ווירקונג —

דאָקטאָר

וואָס־זשע, הייסט עס, זאָלן מיר אָף אים ווירקן?

ר' אברהם־יעקב

איר פאַרשטייט? — איך האָב איצטערט געשיקט נאָך אים

מאירל

(דערשראָקן. גיט זיך א הייב)

וואָס? — אהער!?...

דאָקטאָר

(צו מאירלען)

רואיק, פריינט. רופן — הייסט דאָך נאָך נישט קומען. זייט זיכער

מאירל

(באאומרואיקט)

זיי וועלן דאָרט מאַכן סקאַנדאַלן!

גבאי

(איראָניש)

געשיקט נאָך אים צוויי אַלטע באָביצעס — דעם רב און ר' דודלען...

(מאירל קוקט אַף אים שטעכיק)

ר' אברהם־יעקב

(צום דאָקטאָר. איבערצייגט)

מאַלט אייך — ער וועט יאָ קומען. (זיך דערמאָנענדיק) יאָ! האָב איך אייך טאַקע געוואָלט בעטן. (צושמייכלענדיק זיך) איר זענט דאָך א... א דאָקטאָר. גיט אים עפּעס איין א רפואה אַף צו באַרואיקן די... (ווייזט צום שלייף) די נערוועז... (אומבאַמערקט פאַר זיך אַליין, דערהייבט ער זיין שטים אַרויסרופנדיק) די נע־רוון זיינע!...

דאָקטאָר

(קוקט אַף אים איראָניש, שאָקלט מיטן קאָפּ)

המ!...

ר' אברהם־יעקב

(אביסל באַליידיקט)

וואָס קוקט איר מיך אזוי אָנעט, הער דאָקטאָר?

דאָקטאָר

איך קוק, ווי לייכט עס איז זיך ארויסצופאָרן רייטנדיק — אַף יענעמס פארוואונדעטע הארץ

ר׳ אברהם־יעקב

אומזיסט רעדט איר דאָס, הער דאָקטאָר! ס׳איז דאָך פּאָרט מיין אייגן בלוט־און־פליש... איך וויל נאָר — ס׳זאָל, חלילה, צו קיין חלול־השם נישט קומען...

מאירל

ס׳הייסט — א מין קמיע צו פּרנסה

ר׳ אברהם־יעקב

(צו מאירלען, מיט איינגעהאַלטענעם כעס)

און אייך, יונגער מאַן, האָב איך אַט־דאָס טאַקע געוואָלט בעטן: איר זאָלט אים נאָר קיין איפּקע נישט אונטערגעבן — וועט ער נישט זיין אַזוי אש־להבהדיק...

מאירל

מיר דאַכט: דאָס גרעסטע פייער האָט איר אַליין אין אים צע־בלאָזן!

ר׳ אברהם־יעקב

איך!?

מאירל

(שטעכיק)

נאָך ווייסט איר עס נישט? וועמען, וועמען — מיר קאָנט איר עס ניט זאָגן! (שטייט אויף) איך האָב אַליין געלייענט די בריוו, די הארצרייסנדיקע בריוו וואָס ר׳האָט אייך געשריבן, און זיך געבעטן: „לאָזט מיך ארויס פון אייער מיט..." — און איר האָט אים אַלץ אָפּגעענטפערט מיט זילזולים, זידלערייען און סטראַשונקעס

ר׳ אברהם־יעקב

(קוקט פארלעגן אַף מאירלען. דערנאָך, ווי פאַר־ענטפערנדיק זיך, צום דאָקטאָר)

זאָלט איר מיר געזונט זיין! ווי האָב איך עס דען געקאָנט

פֿאַרשווייגן, אַז אַ מענטש ווערט אַן אכזר אַף אַ פֿרוי, אַף ברידער, אַף אַ וועלט אידן — און טוט זיך נאָר זיין ווילן צוליב ?... (צעקאַכט זיך) און אַף זיך אַליין האָט ער דען רחמנות ? וויפֿל קרענקט ער אַליין ? אַט־דער אכזר, אַט־דער עכברוש...

דאָקטאָר

(שטייט אויף. וואָרנענדיק, אָבער גלאַסן)

איר זענט טאַקע דער סאַדיגורער רבי ; אָבער איך וויל ניט, אַז אין מיין קעגנוואַרט זאָל מען זיין נאָמען מיט עקל דער־מאָנען ! (וויל גיין)

גבאי

(אין דער זייט)

אל תפתח פה לשטן ! — מ׳טאָר גאָר זיין כשרן נאָמען נישט דערמאָנען, כע, כע... אַ תכשיטל אַזאַ !

מאירל

(וואַרפֿנדיק אַ זייטיקן בליק צום גבאי)

אַז איינגעגעסענער וואָרעם דאָס איז !

ר׳ אברהם־יעקב

(ווינקט צום גבאי ער זאָל שווייגן)

שמואל !... (צום דאָקטאָר, מיט אַ פֿאַרווייכטן טאָן) איר האָט אפֿשר רעכט, דאָקטאָר אַלבערט. ס׳איז דאָך אָבער „אין אדם נתפס בשעת צערו”—ווען דאָס הארץ טוט וויי, קאָן מען די ווערטער נישט אַזוי אָפּוועגן... איר פֿאַרשטייט דאָך אַליין, אַז —

שמערל

(לויפֿט אַריין אַ צערעשטער, אָן אָטעם. שרייט)

דעם רב ניט אַריינגעלאָזן !... איציקל אין פּאַטשט — פּענצטער צעבראָכן !... שטאָט לויפֿט אַהער ! (ווען ער דערזעט דעם דאָקטאָר מיט מאירלען, בלייבט ער מיט אַן אָפֿן מויל, דערשטוינט)

מאירל

(שפרינגט אויף)

וואָס? פּענצטער ברעכן? (לויפט ארויס אויפשרייענדיק) קומט דאָקטאָר!

ר' אברהם־יעקב

זאָל מען נישט אריינלאָזן!

גבאי

פּאַרלאָזט זיך אַף מיר — כ'האָב שוין פאַרזאָגט!

דאָקטאָר

(נעמט זיין שטעקן, וויל גיין)

אַדיע, רבי —

ר' אברהם־יעקב

(ווערט צעטומלט, קומט אָבער באַלד צו זיך)

איין וואָרט, הער דאָקטאָר!... (נעמט אים אַן בײַ ביידע הענט) איין וואָרט... (קוקט זיך ארום. גיט אַ וואונק צום גבאי, ער זאָל ארויספירן שמערלען. דער דאָקטאָר אומגעדולדיק) איין וואָרט נאָר — —

גבאי

(גיט אַ כאַפּ שמערלען, לעגנדיק אים די האַנט אַף דער פּלייצע) קום גיכער, אי'מיר זען וואָס דאָרטן טוט זיך!... (לויפט מיט אים אַראָפּ די טרעפּ) ברענג אַף־גיך איציקלען, גיב אַ לויף! (גיט אים אַ שטופּ־הינטער, וועלנדיק אַליין זיך אומקערן) איך האָב עפּעס צו זאָגן ר' אברהם־יענקעניו!

שמערל

(שטעלט זיך אָפּ, נייגעריק)

וואָס? אַ סוד? —

גבאי

(גיט אים אַ פעסטן שטויס)

גיי, גיי! טענה ווייניקער. שלעפּסט זיך מיר נאָך, ווי אַ קו — אַ קאַלב!

(שמערל אָפּ)

ר׳ אברהם־יעקב

(קוקט זיך ארום. צום דאָקטאָר)

איין איינציק וואָרט... (רוימט אים כמעט איין אין אויער)
ר׳איז מ ש ו ג ע . . . איר פּועלט בא מיר ו ו אָ ס איר ווילט!
ו ו אָ ס איר ווילט!...

דאָקטאָר

(דערשטוינט. אויפגעבראַכט)

וו־אָ־ס?!... (מיט עקל) טפו־י!!... (לאָזט זיך גיין)

גבאי

(צום דאָקטאָר)

או, ט׳איר שלעכט אָפּשניידן! —

(עס ברעכט אריין א גערויש. דער דאָקטאָר לאָזט זיך אראָפּגיין פון די טרעפּ. עס קומען־אָן: ד ע ר ר ב — א צעשויבערטער, אַן אויפגערעגטער, א צע־פלאַמטער — האַלט זיך מיט ביידע הענט פארן קאָפּ; ר י ד ו ד ל — קוים וואָס ער גייט ארויף די טרעפּ — מאַכט דעם איינדרוק, ווי די ראיה וואָלט אים זיין געשלאָגן; דער ס ו פ ר — יאָגט זיך צום גבאי; י ש י ש י ם, ז ק נ י ם — שאָקלען די קעפּ, מאַכן פארשיידענע העוויות, ציען מיט די אַקסלען — זיי זענען דערשטוינט; מ ש מ ש — ברעכט די הענט, צושאָקלענדיק זיך. ד אָ ק ט אָ ר ציט זיך, באַם אריינפאלן פונם עולם, טיפער צוריק — זיי דורכצולאָזן)

רב

(שרייט אין דער וועלט אריין, ווי ער וואָלט קיינעם פאַר זיך נישט געזען)

שלע־כט! שלעכט! שלעכט! . . .

(קערט אום זיין פנים, דערזעט ר׳ אברהם־יעקבן)

ער איז על־פּי־התורה קיין איד נישט מער!...

ר׳ אברהם־יעקב

(שטרענג. וואָרנענדיק)

רב!!... (צום עולם) ער איז נישט באַם קלאָרן פ אַ ר־ש ט אַ נ ד!... (עדותט זיך מיטן דאָקטאָר) אַז איז — דער דאָקטאָר!...

דאָקטאָר

(אויפגעבראַכט)

א־אזוי! ? (שטעכט אים דורך מיט די בליקן. צום עולם) ער איז באַם געזונטסטן און קלאָרסטן פארשטאַנד!!

רב

(שרייט)

באַם קלאָרסטן פארשטאַנד, (מיט דער פויסט א קלאַפּ אראָפּ) אָבער נישט קיין — איד!!

ר' אברהם־יעקב

רב! איר הערט נישט וואָס איר רעדט! דעם טאַטנס א קינד — מוז זיין א איד!

רב

יצחק אָבינוס אַן אייגענער זון איז נישט קיין איד! — א שטערן פון הימל פאַלט דאָך אויך אַמאָל אראָפּעט. (אנדערשט דעם טאָן) אדרבה, פרעג איך אייך: טוט א איד אזוי? — אַנטלויפט אינמיטן דער נאַכט צון א גוי!?...

(א פיינלעך־נאַגנדיקע שטילקייט)

דאָקטאָר

(צום רב)

פאַרוואָס פרעגט איר בעסער ניט: וואָס האָט אזא מענטש געמוזט איבערלעבן — ביז ער זאָל אין טויט־שרעק אַנטלויפן? צי האָט איר דען א באַגריף דערפון, וואָס אין זיין צעפלאַגטער נשמה האָט זיך אין אזא נאַכט אָפּגעטאָן?... וויפל איז דען דערצו אָפּגעגאַנגען — דאָס הארץ זאָל אים פּלאַצן?

גבאי

נו, וואָלט ער מיך קומען ווארגן — און איך וואָלט א צונג ארויסגעשטעלט...

דאָקטאָר

כ'פארשטיי... אייך וואָלט געווייס בעסער פּאַסטן, ער זאָל א שטאַרב־טאָן... (דערהייבט זיין שטים) ווען איר זאָלט אָבער ניט זיין דאָס וואָס איר זענט —

ר' אברהם־יעקב

וואָלטן מיר זיין אזוי משוגע ווי ער!

דאָקטאָר

ניין! ווען איר זאָלט נאָר זיין מענטשן מיט א טראָפּן מיטגעפיל, וואָלט אייך אייער הארץ דערנומען אף א מענטשן, וואָס געפינט זיך אין אזא מוראדיקן צושטאַנד! (דערזעט רי דודלען) אַלטער מאַן! ווען איר ווייסט, ווי עס בלוטיקט אצינד זיין נשמה, א צעריסענע אף שטיקער — וואָלט איר ווי א יונגער לעמפּערט זיך א וואָרף־געטאָן אף אָט דידאָזיקע, וואָס האָבן אים זיין בלוט געזויגן!

ר' דודל

(בלייבט שטיין גערירט, וויל עפּעס זאָגן, נאָר דער אָטעם פאַרפעלט אים. ער כאַפּט זיך באַם הארץ)

אוי!

רב

(וואָס איז ביז איצט געשטאַנען ווי פאַרשטיינערט, גיט א לויף הין און צוריק, מיט א הויך־אויפגע־הויבענער פויסט)

אַנטלויפן פון אידן צו גויים — הייסט אָבער פּאָרט: מחלל־השם זיין בפרהסיה!... (שטעלט זיך אָפּ) דאָקטאָר! אויב אייער ווארעם הארץ איז אויך נאָך אידיש — שווערט בּאַ אייער לעצטן אידישן ניצוץ: צי האָט אייך נישט דאָס פּנים אויפ־געפלאַמט, ווען איר זענט געוואוירע געוואָרן, אַז ער איז בּאַ דער נאַכט אוועק צו א גוי!?

דאָקטאָר

זאָג איך אייך אָפן און פריי: אין פּאַטשט אריין האָב א י ך אים געבראַכט!

(א געמורמל)

ר' אברהם־יעקב

אזוי? הייסט עס, דעם פּאַטש אין פּנים אריין — האָט איר אונדז געגעבן! א דאַנק אייך, הער דאָקטאָר!... אָבער זאָגט: צוליב וואָס האָט איר עס געטאָן?

דאָקטאָר

פשוט, כדי ער זאָל זיך געפינען אין א זיכערן ארט

ר' דודל

(דורכגעבליכט מיט פרייד. צום רב, האַרציק)

זעט איר רב ?... (דערשטיקט אין זיך טרערן ; קלייבט ווערטער) האָב איך אייך... גע — זאָגט... ע ר איז ניט שולדיק, רב !... עפּעס איז מיט אים פאַרגעקומען... ע ר איז תמיד — ע ר!...

רב

(טענהט אים מיט די הענט אין פּנים אַריין)

איר זענט א תם זענט איר, ר' דודל ! וואָס איז אייך דאָ אזוי נחת־דעתא געוואָרן ? הא ? (קרימט איבער) „ער איז תמיד — ער !" ס'אי'דאָך איין שפּאַן־וועגס נאָר : (וואַרפט איבער שלאָבערדיקע פויסטן, פון רעכטס אַף לינקס און פאַרקערט, ווי בא נעגל־וואַסער) פון ד'רהיים — צום דאָקטאָר... פון דאָקטאָר — צום גוי, און פון גוי — צום... גלח ! אי, פע !

ר' אַבֿרהם־יעקבֿ

(שרייט־אָן)

רב !

רב

(דרייט אויס, זייטיק, אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ)

וואָס — „רב !" ? . . .

גבאי

איר מעגט אייך שוין אָנגרייטן א נייע שטאָט !

רב

(דרייט דעם קאָפּ, הויקערנדיק זיך)

מ'־נע, — סטראַשונקעס !... (פּלוצלינג שטאָלץ, אַנטשלאָסן) און ווען כ'זאָל מיר מוזן אָנגרייטן ת כ ר י כ י ם ?!... דאָס בלוט פון מיין האַלדז וועל איך מיט שפּינוועבס פון שקר נ י ש ט פאַרהאַמעווען ! !

(אַ קורץ שווייגן)

שבח

(קומט אַרויס פון שטוב. בלייבט שטיין אַף דער שוועל. געגעצט. קענטיק — געכאַפּט אַ דרעמל. קוקט זיך אַרום. אָפּן וואונק צום גבאי)

ה־ם?...

גבאי

(גיט אַ צי מיט די אַקסלען און אַ קנייטש מיט אַן אַנגעבלאָזענער נאָז)

קעבעבע...

ר׳ אברהם־יעקב

(צום דאָקטאָר)

איר וואָלט כאָטש געווען באַדאַרפט מעלדן, ווען ר׳איז נאָך געווען בא אייך אין שטוב

דאָקטאָר

או—וואַ! איר געדיינקט דאָך אַז ערגעץ שטייט געשריבן: „לא תסגיר!"... צו מיר קומט אַ מענטש אינמיטן נאַכט צו־לויפן, דערצו נאָך מיין פריינט — כ׳זאָל אים שיצן זיין לעבן, זיין נשמה... זאָל אַ י ך אים אַרויסגעבן? אַ, ניין! — דאָס איז געווען מיין פליכט אַלס פריינט, אַלס מענטש, אַלס דיינקער, אַלס...

רב

(שפרינגט אויף)

אָבער נישט אַלס — איד!!

דאָקטאָר

דאָס איז נאָך אַ פראַגע, רב!

(אַ י צ י ק ל לויפט מיט אימפּעט. דאָס היטל אַף אַ זייט, די קליידער פאַרשטויבט, ווייזט אויס אומגע־פאַלן. נאָך אים — ש מ ע ר ל, אַ פאַרפּינעטער)

איציקל

מיטן האַראַפּניק גאָר!... וואַרט, וואַרט! — כ׳וועל.... מ־מ־מ׳וועט באַלד צוטראָגן די פּאַטשט אַף שטיקער!... (צום דאָקטאָר) די שטאָט וועט אייך באַלד צערייסן אַף צווייען, — איר האָט עס אים אין פּאַטשט אַריין פאַרפירט!

דאָקטאָר

(איראָניש)

נו, וועט די שטאָט האָבן צוויי דאָקטוירים!

איציקל

(צום גבאי)

זיך אוועקגעזעצט? — מיליטער קומט אָן!

גבאי

(ברוגזדיק)

דולעם, וואָס בעבעסטו?

איציקל

ס'ט שוין א סימן האָבן!

שמערל

יאָ, יאָ — א וואָד פון זעלנער!

שבח

מ'קאָן דאָך דאָ פון אייך משוגע ווערן!

איציקל

שמואל! ר' שבח! קומט, מירן... איך האָב אָנגעגרייט א גאַנצע חברה — אַלע פענצטער לנ'מיר אויסברעכן! קומט!

גבאי

(צו שבחן)

האָ, וואָס?... אַז די גלאָז פאַלט אַראָפּ און צעבּרעכט זיך — פאַרשפּאָרט מען די האָר פון דער מילך אַרויסצונעמען...

שמערל

(א דערציטערטער. אין איין אָטעם)

נישט־נישט־נישט! כ'האָב אליין געזען — ר'האָט א ביקס! א פּיסטויל!

ר' אברהם־יעקב

זעט דאָקטאָר, וואָס איר האָט אָנגעאַרבּעט...

דאָקטאָר

זייער גוט האָב איך געטאָן: ז'וואָלטן איצט בא מיר געבראָכן פענצטער

איציקל

וועט מען אים איצטער ברעכן די ביינער. וואַרט, וואַרט! . . .
(ווינקט) שמואל! ר' שבח! —

דאָקטאָר

(שמייכלט)

ס'וועט אייך א סך העלפֿן. (לאָזט זיך גיין. צו איציקלען, פֿאַר־בייגייענדיק) און דו, סמבטיון, זע נאָר מ'זאָל דיך באַלד ניט דאַרפֿן ברענגען צו מיר צו באַנדאַזשירן! . . . .

איציקל

(אין דער זייט)

כ'וועל . . . מ'וועט אים באַלד אָפּלאָזן דעם רויטן האָן אַפֿן דאַך! . . .

(פֿון שטאָט דערטראָגן זיך קולות. שמערל דערהערט, לויפֿט ארויס)

ר' דודל

(פֿאַרשטעלט דעם דאָקטאָר דעם וועג)

דאָקטאָר . . . איך שטיי פֿאַר אייך, א גרויער מאַן פֿון אריבער זיבעציק יאָר . . . (ווייזט צום קאָפּ) קיין איין שוואַרצע האָר שוין מער נישטאָ . . . (כליפּעט פֿלוצלינג ארויס) האָט רחמנות אַף א צעבראָכן האַרץ, וואָס קאָן שוין אָט דעם גרויען קאָפּ נישט דערטראָגן! . . . (ער פֿאַלט־צו צו א קאַלאָנע. פֿאַרבאָרגט דאָס פּנים אין זיין לינקען אָרעם. די אַקסלען טרייסלען זיך) גאָ—ט! . . .

דאָקטאָר

(כאַפּט אים אונטער. גלעט אים באַרואיקנדיק)

אָרימער גרייז — —

(אַ שטאַרק גערויש אָרום טויער)

מאירלס קול

(פון יענער זייט)

הייבט זיך בעסער ניט אָן — מיליטער קומט! (איילנדיק אריין א צעטומלטער) היט אייך די ביינער, אידן! (פאר די טרעפ קומט, דאָקטאָר! — מ׳וויל אייך באַפאַלן! . . . (גייט ארויף, דערזעט ר׳ דודלען, בלייבט שטיין)

דאָקטאָר

(קאַלטבלוטיק)

מילא, זאָלן זיי (לאָזט זיך גיין)

(אינדרויסן רוישט ווילדער. ר׳ א ב ר ה ם־ י ע ק ב — שטאַרק צערודערט, באַמיט זיך אָבער ניט אַרויסצואווייזן זיין אויפרעגונג)

ר׳ דודל

(דערזעט מאירלען, כאַפּט אים אָן פאַר ביידע הענט, בעטנדיק מיט א ציטעריק קול)

מאירעלע . . . דו קליינער מאירעלע . . . איך געדיינק דיך נאָך פאר א קינד . . . איך בין א זקן . . . דו ווערסט אַמאָל בייז — אָבער קיין שלעכטער ביסטו נישט. (כאַפּט אָן מיט איין האַנט אויך דעם דאָקטאָר. פלאַטערט פון איינעם צום צווייטן) מאירל! דאָקטאָר! — — לאָזט מיך נישט שטאַרבן מיט מיין שרעק־לעכסטן טויט! . . . (ער הייבט אָן וואַקלען. צעכליפּעט זיך קינדיש)

דאָקטאָר

(אַנטשלאָסן)

גוט! — מיר וועלן אים פון דאָרט ארויסנעמען. (מיט א שטרענגען בליק צו ר׳ אברהם־יעקבן) נאָר איין באַדינג: ער מוז באַלד פון דאַנען אַפּפאָרן!

(ר׳ אברהם־יעקב גיט, פאַרביסן, א שאָקל דעם קאָפּ אַף יאָ. גבאי, שבח — דריקן אויס לעבעדיקע צו־פרידנקייט)

ר׳ דודל

(דערפרייט)

ברענגט אים אהער!... זאָל ער באַווייזן, אַז ער איז נאָך — ע ר!...

דאָקטאָר

(טראַכט)

אויך דאָס... אָבער — —

מאירל

(צו ר׳ אברהם־יעקבן)

א י ר ט׳זיין פאַראַנטוואָרטלעך!

רב

(פּלוצלינג)

לאָזט! — איך גיי פאַראויס דעם צערייצטן עולם איינצו־האַלטן!... (שנעל אָפּ).

(מאירל, דער דאָקטאָר — גייען. ר׳ דודל שלעפּט זיך זיי נאָך. זקנים און ישישים גייען אַריין אין שטוב)

דעם רבס קול

(פון יענער זייט טויער)

שאַטס, אידן, שאַטס!... רודערט נישט אַזוי!

גבאי

(צו שבחן, נאָכטייטלענדיק ר׳ דודלען)

זעסט, שבח? דאַכט זיך אַז אַלטע קליאַטשע — און האָט פאַרט אַרויסגעשלעפּט דעם וואָגן פון דער בלאָטע...

שבח

יאָ, אָבער דער דאָקטאָר, ווייזט אויס, האָט חשק אַריינצושלעפּן אין אַ נייער בלאָטע! — (גיט זיך אַ קער צו ר׳ אברהם־יעקבן) מיר שמעקט עפּעס נישט זיין אָנצוהערעניש.

גבאי

וואָס מיינסטו? —

שבח

זיין תנאי: אפּצופּאָרן פון דאַנעט! זיכער ניט צון אונדז...

ר׳ אברהם־יעקב

מילא, זאָל ער זיך טראַכטן וואָס ער וויל. (גיט א שפּאַן היין און צוריק. בלייבט שטיין) שמואל, היים שפּאַנען אַלע פערד! דעם גרויסן „לאַנדאָו", דעם פּאַרמאַכטן. ס׳וועלן מוזן מיטפאָרן מערער מענטשן... פאַרשטייסט? (גבאי לאָזט זיך גיין) הער, שמואל! דו וועסט זיך זעצן אף דער קעלניע — אכטונג געבן, מ׳זאָל פאָרן וואוהין מ׳באַדאַרף...

גבאי

(אפּגייענדיק. שטילערהייד אין שבחס זייט)

איך וואָלט מיך בעסער וועלן זעצן אַנטקעגן — וואָלט איך אים כאַטש קאָנען אַנטרעטן אף א הינעראויג...

שבח

(ווען ער בלייבט אַליין מיט ר׳ אברהם־יעקבן)

עפּעס איז מיר דער דאָקטאָר פּאָרט מיטאַמאָל צו־גוט געוואָרן... ס׳זאָל דאָ נישט שטעקן עפּעס א שטיקל מסירהלע, אזא... א פּיסל אונטערשטעלן... ערגעץ האָט דאָך דער פּאַטשטמייסטער דעפּעשירט... זעלנער... אָדער — כ׳וויים? — אפשר פּלאַנעווען זיי גאָר — אוועק קיין טשערנאָוויץ?...

ר׳ אברהם־יעקב

זעסטו, דאָס וואָלט אים נאָך אפּגעגאַנגען — אריבער קיין טשערנאָוויץ! ער וואָלט דענצמאָלט... נאַ, למאַי רעדן? — עט! (אויפבליצנד) אין ערגסטן פאַל איז דאָ אַן עצה: מירן זיך איבערטאָן אין גויאישע קליידער — ט׳מען אפּן וועג נישט וויסן ווער ס׳פאָרט...

שבח

(טרעט צו נעענטער)

איצט — אָט וואָס! (שטילער) אייער ברודער איז נתפקר געוואָרן... איר פאַרשטייט? מ׳דאַרף ראַטעווען די גאַנצע משפּחה... מ׳מוז אריבערציען דעם עולם אהער — צאַן בלי רועה נעבעך...

ר׳ אברהם־יעקב

(בייז)

געגוג מיך שוין מושטירן, שבת! (מיט ערנסטקייט) אפילו אין אזא עת־צרה איז דיין נשמה אלץ פאר׳גבאי׳ט!... (מיט א טיפן קרעכץ) לאז מיך צורו! — מ׳שניידט דאך איצטער א גליד פון מיר אפ... העק פארמעסטן זיך אפן טאטנס בוים... (א טרער גיט א פינקל אין זיין אויג. קוקט ארויף) שטיי מיר ביי, טאטע־פאטער!... אף מיר פאלט די גאנצע לאסט. גיב מיר כוחות אים אונטערצושפארן — —

גבאי

(קומט צוריק)

מ׳שפאנט אלע פערד — די פייעטאנעו, די קאטשעס! מ׳מוז זיך מאכן פארטיק. וואס וויניקער שהיות — אלץ גלייכער

ר׳ אברהם־יעקב

הערסטו, שמואל — גויאישע מלבושים זאלן באלד געשאפן ווערן!... מ׳מוז זיך איבערטאן, פארשטייסט — א וואך פון זעלנער... טאמער מי יודע וואס?

גבאי

(גיט זיך א קלאפ אין שטערן)

גערעכט, כ׳לעבן! (לאזט זיך לויפן)

ר׳ אברהם־יעקב

(פלוצלינג. אפהאלטנדיק אים מיט א האנט־באוועגונג)

ווארט! (קלערט. שאקלט דעם קאפ. בייסט די ליפן פאר צער) נעם מיט די אידישע קלעזמער, עטלעכע פלעשער ווייו — מיר פארן צון א... חתונה! „עת ספוד — ועת רקוד!" (אויגן צום הימל) איך בין מקבל באהבה, טאטעניו! — — (נעמט ארויס א פאטשיילע, ווישט אויס א טרער)

(ג ב א י פארזינקט דעם קאפ. שטייט א רגע. גייט. די ר ב י צ ן באווייזט זיך, צוריקקומענדיק פון בית־עולם. דער שאל שלעפט זיך איר נאך, דאס טיכל איז פארדוקט, אין זוים פון קלייד — א פאר

דערנער. די אויגן — רויטע, פארגאָסענע. איר גאַנג איז א פארחלומטער, ווי בא א לבנה־גייערן. העגט און אויגן — צום הימל)

רביצן

א נייע זון! א ליכטיקע זון! — הייליקע נשמות זיך געמיט... ס'וועט העלפן... ס'וועט מוזן העלפן — —

גבאי

(באַגעגנענדיק זי)

ווי א טויטן ביינקעס — דער משומד איז אַנטלאָפן!...
(רביצן גיט משונהדיק א לאָז אַרויס א שרעקלעך־גרילצנדיקן „ייכצי". בלייבט פארשוויגן. שלעפט אַראָפּ דאָס טיכל, רייסט זיך באַם קאָפּ. די שאַל איז אינגאַנצן אַראָפּגעפאלן)

גבאי

(ווערט פאַרציטערט, כאַפּט זי אָן באַ די הענט)

שאַט! שאַט! גאָט אי'מיט אייך! (הייבט אויף די שאַל און לעגט זי איר ארויף אף די פלייצעס)

ר' אברהם־יעקב און שבח

(לויפן אַראָפּ די טרעפּ. אין איין אָטעם)

— וואָס איז? וואָס איז?
— שיינדעלע! שיינדעלע!
— רביצן!

גבאי

(ווייזט אפּן שטערן)

די ספּאַזמע!...

רביצן

(רייסט זיך אויס פונם גבאיס הענט. שרייט מיט א פרעמד קול)

פליט זיך אַרויף!!... (מאַכט א מינע פון א גערירטער) אַט־אַט!... א קליין נשמה־לע — כאַ, כאַ, כאַ!... פּלי־פּלי־פּלי!... (פריילעך) אַט שטייט ער מיין בערעלע!.. (כמעט

צוריק בא די גערדאנקען) ער איז משוגע!... (צעוויינט זיך) דער טלית צעריסן — משוגע מיין בערעלע! יאָ! יאָ! . . . (מיט שרעק) קברים, קב־רים! נשמהלעך! ביינער!... (רייסט זיך ווידער באַם קאָפּ) כ'בין נישט ע־רלעך, בין איך!... (דערשראָקן פאַר עפּעס) אוועק, בערעלע, אוועק! (מיט געבעט) שלאָגט מיך ני־שט!...

(רי אברהם־יעקב — שטאַרק מבולבל. גבאי, שבח — נעמען זי אונטערן אָרעם און פירן זי אין שטוב אריין)

רביצן

(צעלאכט זיך)

פלי־פלי־פלי! כא, כא, כאַ!... (פריילעך, טענצלענדיק) משוגע מיין בערעלע, משוגע! . . .

(רי אברהם־יעקב — גייט נאָך, שאָקלט מיטן קאָפּ. לויפט ארויף די טרעפּ, עפנט די טיר. די בינע בלייבט ליידיק)

(פּאַוזע)

די אלטע שרה

(קומט ארויס פון שטוב. כליפּעט אין זיך. ברעכנ־דיק די הענט)

אזא נ'אומגליק! אזא נ'אומגליק!... וויי אי'מיר, וויי!...

(זעצט זיך אַראָפּ אף די טרעפּ. שאָקלט זיך הינטער. שנייצט אין פאַרטוך)

(פון שטוב ארויס פאַרטראָגט זיך א קול: „אשרי יושבי ביתך...״ — א געוויש פון מנחה־דאוו־נען. פון יענער זייט טויער ווערט שטאַרק אויף. שמערל, און איציקל לויפן אָן)

שמערל

(ארויפכאַפּנדיק זיך אף די טרעפּ שרייט ער אריין אין שטוב)

ער גייט! ער גייט!

(איילט אריין, איציקל — נאָך אים)

א י נ ג ל ע ך יאָגן זיך אָן פון שטאָט מיט געטומל און ווילן זיך באַהאַלטן אין גאָרטן לעבן דער וועראַנדע)

אינגלעך

(לויפנדיק)

— א רבי אַז א היטל!...
— דער משמש האָט אים געבראַכט דעם קאַפּעליש אין דער פּאַטשט אַראָן!...
— ער האָט אפילו די יאַרמילקי נישט געהאַט....
— אַראָן איז אים אַ דיבוק, זאָגט מאַן טאַטע!
— אי׳מיר זען ווי דער סאַדיגערער וועט אים אַרוסטראַבן . . .
— האַלט די ציצית — דער דיבוק זאָל אין דיר נישט אַראָן!...

די אלטע שרה

(שפּרינגט אויף)

גי׳נאַר א קיק — מע לויפט אַפּן בייזווינדער לויפט מען... מ׳האָט גישיקט נאָך אַך?... (כאַפּט א ריטל, טרייבט זיי נאָכ־לויפנדיק פון איין ווינקל אין צווייטן) אַרוסט! אַרוסט! — שקצים!... שאַלטיקעס . — אין חדר אַראָן!...

אינגלעך

(מאַכן זיך לוסטיק איבער איר)

— שרהטשקי! שרהטשקי!
— שרה איז געליגן אין קאַסטן!...
— עשרה־בטבת דאַרף מען פאַסטן...

(ש ט אַ ט ל י י ט קומען אַן צערעשט, צעטומלט. דער ר ב י, דער ד אַ ק ט אָ ר, מ אַ י ר ל, באַלד הינטער זיי — דער ר ב און די ד ו ד ל. די אינגלאַך לויפן אין גאָרטן. שרה — נאָך זיי)

גבאי

(קומט אַרויס פון שטוב, דערזעט די אַנקומענדיקע, שרייט אויס)

פאַרמאַכט דעם טויער!

(די ש ט ו ב י ק ע, זקנ י ם, י ש י ש י ם, און י ו ש ב י ם קומען אַרויס)

רבי

(א ליכטיקע רואיקייט שוועבט אף זיין פנים)

ע פ נ ט די טויערן! — זאָל די גאַנצע וועלט מיין שטים דער־הערן! .... א שוואַכער געדאַנק האָט מיך אַנגעשראָקן; אָבער א שטאַרקערער טרייבט מיך ווידער אַהער! — שטאַרק און ריין מוז איך זיין! . . . (דערזעט דעם עולם אַף די טרעפּ) איך שטיי אָפן פאַר מיין שונא — פראַנק און פריי! — טוט מיט מיר וואָס איר ווילט! ... (ווענדט זיך צו די זקנים אַף די טרעפּ) אידן! עם אלוקי ישראל! איר ווילט בא מיר דין וחשבון אָפּ־נעמען? — מיין צעבלוטיקט הארץ וועט פאַר מיר רעדן!

ר' אברהם־יעקב

(וועלכער האָט זיך פריער אַביסל געהאַט באַוויזן אַף דער שוועל, טרעט פאָר)

— ששא! — ס'איז דאָ עלטערס פאַר דיר. היט דיך נישט אזוי! ווייסט דאך: כ'האָב פיינט פלאַמען... נאָר איינפאַך, נאָר איינפאַך

רבי

(ווערט איבערראשט דערזעענדיק דעם ברודער)

אַהאַ! — א קאַנטשיק אַף מיר געבראַכט! סטראַשונקעס!... (אַנטשלאָסן) איך בין ווי א קעמפנדער שונא — מיט ניי כלי־זין צון אייך געקומען!

ר' אברהם־יעקב

מ'דאַרף דיך בינדן, דאַרף מען דיך! — ביסט נישט באַם זינען, ברודער

רבי

(מיט א ביטערן שמייכל)

אַט־דאָס וואָלט דיר דווקא געפּאַסט צו דיין פורים־שפּיל — מיך בינדן, פאַר חסר־דעה מאַכן... נייןן, ברודער — איך בין באַם קלאָרסטן פאַרשטאַנד. און אויב דו ווילסט מיך בינדן — בינד! נו, וואָס־זשע שטייסטו? וואָס־זשע הייסטו נישט?... בינדן קאָנסטו נאָר מיין גוף, אָבער נישט מיין נשמה!

ר׳ דודל

(שלעפט זיך צו צום רבין)

ר־רבי... (דורך טרערן) לאָזט אונדז נישט קיין יתומים! גייט פון אונדז נישט אַוועק... רבי, מיין גאַנץ פאַרמעגן שטייט פאַר אייך אָפן — קומט צו מיר! (דערהייבט אַ ציטעריקע פויסט) מיין אַלטער אָרעם וועט אייך באַשיצן! (ווייזט אויף די וואָס שטייען אויף די טרעפּ) האָט פאַר זיי קיין מורא נישט! (וואָרעם) זיבן קינדער האָב איך בײַ מיין לעבן פאַרלוירן, האָב איך עס נאָך איבערגעטראָגן... פאַרליר איך אַצינד אייך, רבי, (צעכליפּעט זיך) ר־רבי!... ר־ר־רבי!...

ר׳ אברהם־יעקב

(טייטלענדיק אויף די דודלען)

זע, וויפל הערצער דו האָסט צעבראָכן! ברודער, — באַזין זיך... טו תשובה — —

רבי

(וועלכער איז בײַ די דודלס רייד גערירט געוואָרן, טרעט צוריק)

אוי, דו פאַלשער בעל־הרחמים! תשובה זאָל איך טאָן, דערפאַר ווייל — —

רביצן

(באַווייזט זיך אַנקומענדיק פון גאָרטן. קענטיק פון גלעגער אָראָפּגעלאָפן, דורך אַ הינטערטיר. מיט אַ באַוויינענדיקן טאָן)

אַזאַ טייערער בערעלע, ווי אי׳מיר, ווי!... (פּלוצלינג אויס־שרייענדיק) משוגע מיין בערעלע, משוגע!...

רבי

(דערהערט אירע לעצטע ווערטער, צעקאָכט זיך)

וואָס! — אויך דו? פאַר משוגע ווילט איר מיך מאַכן? ניין, ניין! — אידן, גלייבט זיי נישט!

רביצן

(צעלאַכט זיך ווילד) כי־כי־כי! — א נשמהלע!... (שטעלט־אַן די הענט ווי אַף עפּעס צו כאַפּן) פּלי־פּלי־פּלי!... (צע־ווײנט זיך קינדיש) שלאָ־גט מיך ני־שט... (לאָזט זיך אראָפּ, צווישן די ביימער, אַף דער ערד. ברומט מיט א תחינה־קול ווי בא קברים־רייסן) הייליקע צדיקים, כשרע נשמות — —

(מ ש מ ש און ש ר ה פירן זי, דורכן גאָרטן אַף דער הינטערטיר, אין שטוב אריין)

דאָקטאָר

(איבערראשט. מיט מיטגעפיל)

זי איז פון זינען אראָפּ! (איילט נאָך איר)

רבי

(כאַפּט זיך פאַרן קאָפּ)

א — ה!!...

ר׳ אברהם־יעקב

(ווייזנדיק אַהינטער)

דו זעסט! — ווֹעסט דאַרפן אָפּגעבן דין־וחשבון פאַר איר!... דו האָסט געזינדיקט. נפשות אומגעבראַכט. און ס׳לעצטע מאָל זאָג איך דיר — תשובה טו, תשובה

רבי

(ראַנגלענדיק מיט זיך)

יאָ... איך... אידן! איך, איך — טו תשובה! כ׳האָב חרטה... איך... כ׳האָב געזינדיקט. (ברעכט פלוצלינג איבער דעם טאָן. משונה־ווילד) אי־דן! כ׳האָב אייך באַגזלט, באַרויבט, אייער בלוט געזויגן! איר זענט צו מיר געקומען — צעבראָ־כענע, קראַנקע, אומגליקלעכע... אייערע שרייענדיקע וואונדן פאַר מיינע אויגן אויפגעריסן... מיך געבעטן, מיך... א מענטשן, א בשר־ודם. אידן! אידן! — איר האָט עבודה־זרה געדינט!... מ׳האָט אייך יאָרנלאַנג די אויגן פאַרבלענדט, כדי איר זאָלט אייער גאָט נישט זען . . . ווער מיט געלט־כוונות און ווער פאַלש פאַרגלייבט אין זיך אליין... (האַרציק) אָרימע, בלינדע ברידער מיינע! עפנט אייערע אויגן! — אַף

פאַלשע וועגן צעברעכט איר אייערע פיס, זוכנדיק אַ טרייסט...
(ווייזט צום ברודער) דינט נישט צום עגל! זוכט מיט אייערע
בלינדע אויגן דעם גאָט אין אייער אייגן האַרץ — נישטאָ,
נישטאָ קיין אַנדערע געטער!!

רבי

(כאַפּט אָן אַ לאַץ פון זיין מלבוש, רייסט־איין)
אוים איך! — — (אַלגעמיין גערודער)

שטימען

— געהערט ווערטער פון אַ רבין?!...
— אַ פריידיינקער! אַן אפּיקורוס!
— אידן! דער גזר־דין איז גרוים!
— יעדער צדיק האָט זיין וועג!
— מיט אפּיקורסות זיך אַנגעשמעקט!
— מיר לנ'אים נישט פאַרלאָזן!
— ווייניק מופתים באַוויזן?!
— ר'איז דער צדיק־הדור!
— וויי צו דעם דור!
(דער דאָקטאָר קומט צוריק)

ר' אברהם־יעקב

(מיט אַ ציטער אין שטים)

פאַראַן אַזעלכע וואָס האַלטן, אַז דער וועג פון מיין ברודער
איז אַ דרך־הקודש... (פאַרבייסט די ליפּן צעווייטיקט) ניין...
ס'ניט אמת — מיין ברודער איז, נעבעך, אַראָפּ פון דרך־הישר..
(גלייכט זיך אויס, אַ בלאַסער) אידן! ססטייט אין דער תורה
הקדושה: „ואת אחיו לא הכיר!" — איך קען אים מער
פאַר קיין ברודער נישט!..." (רייסט זיך קריעה)
(עולם פאַרברעכט מיט די הענט. אייניקע טראָגן־צו
פאַטשיילעס צו די אויגן)

רבי

פאַר קיין ברודער נישט!..." (רייסט זיך קריעה)

אַ שאָד — נאָך גאָר אַ ניי מלבוש! ווען עם רייסט דאָס
האַרץ, דיר רייסן זיך די קליידער... (ערנסט) „קרעו לבבכם
— ואל בגדיכם!" אויב איך טוט וויי — צערייסט די הערצער,

אבער נישט די קליידער... (צום דאָקטאָר) ווי גרינג מ׳גיט זיך עס דאָ אַן עצה : אָפּגעריסן א לאַץ — און פּטור !
(שמייכלט ביטער)

ר׳ דודל

(וועלכער איז ביז איצט געשטאַנען אָנגעלענט אַן א זייל פון דער וואַראַנדע, כאַפּט זיך פלוצלינג פאַר דער ברוסט, רייסט זיך)

דודל סנידקעווער ! נאַך לעבסטו ? ! !

(פּאַוזע)

(די זון פאַרגייט א צעפלאַמטע. דער רביצנס שטים יאָמערט אין גאָרטן. עולם טוליעט זיך אין שאָטנס. עס דערהערט זיך צופּאָרן פייעטאָנען מיט גלעקער. פון שטאָט דערנעענט זיך גערויש)

ר׳ אברהם־יעקב

(צו די גבאים)

נו, אין וועג אריין ! דערלאַנגט די מלבושים !

דעם שמייסערס שטים

(פון יענער זייט טויער)

האַלט גיט די לייצעס ! (קומט אריין, גייט צו נעענטער) שוין פאַרטיק !

(גבאי, איציקל, שבח — אליין אָנגעטאָן אין סער־מיגעס, ברענגען אריין א פּאַק אָנדערע. גבאי דער־לאַנגט דעם רבין א סערמיגע)

רבי

וואס זאָל ד א ס באַטייטן ? —

ר׳ אברהם־יעקב

(אָנטוענדיק א סערמיגע. שטאָליק)

דו פאָרסט איצט צו מיר, פאַרשטייסט ?...

רבי

(דערשטוינט)

וואָס? צו דיר!? (וואַרפנדיק א צעשראָקענעם בליק צום דאָקטאָר, צו מאירלען) דאָקטאָר!?... מאירל!?...

(דאָקטאָר און מאירל האָבן זיך געסודעט; קוקן זיך איבער אין פארלעגנהייט)

רבי

וואָס? — האָט מען מיך פאררעטן? א בגידה? — מיינע אייגענע מיך פאררעטן? מאירל! דאָקטאָר!... (פאר־צווייפלט) גאָט בין איך אזוי בלינד געווען? (מ׳וויל אים אָנטאָן) לאָזט — איין וואָרט נאָך!... אידן! אידן! — ודוי וויל איך זאָגן... (צעבראָכן, כמעט ארויסכליפנדיק) עס גוססט איצט מיין גאָט אין מיר!... (דערהייבט פלוצלינג דעם קאָפּ) זאָגט, אכזרים! איר ווילט מיך אומברענגען? דאָס לעבן מיר נעמען? —

שמייסער

(טרעט־צו צום רבין. זער געריהרט. מיט א רויען ברוסט־טאָן, ווי פון א הוילן פאס ארויס. שלאָגט זיך הילכיק אף דער ברוסט. רעדט מיט דער „ריש")

רבי! — אף מיינע פּלייצעס, רבי!... (צעשאָקלט ווילד דעם קאָפּ, א קערעווע טוענדיק זיך צום עולם) איכן נישט לאָזן — מאן רבין!... (גיט א צעפּיר מיט די עלנבויגנס, זיך ארומ־קוקנדיק ווילד) מיט די דישלעם — די קעפּ עט׳מען שפּאָלטן!...

רבי

(קוקט אף אים מאָדנע, מיט א תמימותדיק־צע־שראָקענעם בליק)

ד — ו? — — (גבאי טוט אים אָן די סערמיגע) וואָס איז דאָס פאר א נייער שקר־מאנטל! (וויל זי אראָפּוואַרפן)

ר׳ אברהם־יעקב

אנגעטאָן זאָל ווערן! — באַלד ט׳מען דיך בינדן!

רבי

אהא! — בינדן... ווייל כ'האָב איצטער קיינעם נישט... פריער האָב איך געהאַט א סך, אָבער נישט זיך אַליין, ביז איך געווען געבונדן. איטלעכער האָט אַף מיר א שטריק פאַר־וואָרפן!... איצטער האָב איך קיינעם נישט — דערפאַר האָב איך זיך אַליין געפונען... וועל ס'האָט קיינעם נישט — קאָן פון קיינעם נישט געבונדן ווערן!... (נעמט מיט פרייד די סערמיגע, טוט זיך אליין אָן. אנטשלאָסן) טוט מיט מיר וואָס איר ווילט! בינדט! צעשניידט! צערייסט מיך אַף שטיקער, אָבער מיין נשמה אונטערגעבן — וועל איך קיינמאָל נישט!!...

(מ א י ר ל כאַפּט אַף זיך א סערמיגע. ש ב ח דער־לאנגט רי אברהם־יעקבן דעם שטעקן. נעמט די תפילים־זעק אונטערן אָרעם)

רבי

(קוקט זיך ארום אַף די קליידער)

תכריכים... לעבעדיקערהייט — תכריכים!... (וואַרפט זיי אראָפּ פון זיך מיט עקל) איידער צו לעבן א טויטער — בעסער צו שטאַרבן א לעבעדיקער!!

גבאי

(גיט זיך א וואָרף צום רבין מיט א הויך אויפגע־הויבענער פויסט)

מתים וועלן דאָ זיך באַלד וואַלגערן!!

(א גערודער. דער עולם גיט זיך א וויג)

שמייסער

(שפּרינגט־הינטער צום גבאי, מיט א אויפגעהוי־בענער בייטש)

טפּר־ר־רו!!...

(אַן אויפבראַך פון געשרייען. א געשלעג לעבן גאָרטן. דער רבי גייט פרייוויליק. רי אברהם־יעקב קומט אַראָפּ די טרעפּ. גבאי הייבט אויף די אַראָפּגעוואָרפענע סערמיגע, טראָגט זי נאָך.)

א שטים

אידן! אונדזער קרויז האָבן מיר פאַרלוירן!!

עולם

(באַוועגט זיך. בלייבט פאַרגליווערט)

— בלייבן מיר אליין?

— עיר בלא מלך!

מאירל

(נעמענדיק דעם רבין פאַרן אָרעם)

קומט!... (פילזאַגנדיק) מ י ר פאָרן אויך מיט אייך!...

(גייען צום טויער)

עולם

(ווי פלוצלינג אויסגעניכטערט. נאָכגייענדיק)

— פאַרלאָזט אונדז ניט...

— מירן גיין אין אייער וועג!

— בלייבט מיט אונדז!

— בלייבט מיט אונדז!

(ס'איז שוין פינצטער. עס דערהערן זיך דער רביצנס משוגענע קולות. דערנאָך א מוראדיק געיאָמער פון עולם אף יענער זייט טויער: — שטאָט ווייַנט. דאָס קלינגען פון די אָפּפאַרנדיקע פייַעטאָנען צעוויגט זיך. ערגעץ־וואו האָט א שריפה אויסגעבראָכן. קלויסטערגלעקער צעקלינגען זיך אויפגערעגט. עס הערט זיך א געלויפעריי, א געפּייפעריי. געשרייען פונדערווייטנס).

בטלן

(איז דערווייל צוגעגאַנגען צום האַנטפאַס, האָט א וואַש־געטאָן שפּיץ־פינגער. לעגט צונויף די הענט אָפּקערנדיק פון פובליקום. שאָקלט זיך איינגעהויקערט פון זייט צו זייט)

והוא רחום יכפר עון ולא ישחית...

(דער פאָרהאַנג לאָזט זיך לאַנגזאַם אראָפּ)

עלנטע שאָטנס

פערטער אַקט

אַ גרויסער זאַל מיט ברייטע פענצטערטירן אין אַ גאָרטן אַריין, און אַ וועראַנדע מיט קאָלאָנעס — פון יענער זייט. דאָ און דאָרט — מירמלשטיי־נערנע סטאַטועס, פון דער רענעסאַנס עפּאָכע.

רעכטע וואַנט: פּאָרנט אַ ברייטע, ווייכע סאָפע און פּאָר איר — אַ טישל, אַביסל ווייטער — אַ טיר אין רבינס צימער, אַ קאַמין.

מיטלסטע וואַנט: רעכטס — אַ טיר אין דער ביב־ליאָטעק, דריי פענצטערטירן אין גאָרטן אַריין.

לינקע וואַנט: אין ווינקל — צעשפּרייטע, יונגע פּאַלמעס, הינטער וועלכע עס שטייט אַ פּיאַנאָ, אַרומגעצוימט ווי אין אַ גערטנדל און כמעט פאַר־מאַסקירט; אַ פענצטערטיר צו דער גאַס, אַ אויסנ־טיר צום קאָרידאָר; אַ קליין, לענגלעך טישל, אַ טיר אין עסשטוב אַריין.

די העלע ווענט, דאָס פיין געשניצטע, אתרוג־פאַר־ביקע מעבל, די גרינגאָלדענע פאָרהאַנגען, די זייד־געדעקטע שטילן, די ווייכקייט פון דער פאַרבנמי־שונג און דער אַלגעמיינער געשמאַק, וואָס הויכט אַרויס פון איטלעך ווינקל — דערמאָנט עפּעס אַ מין קונסט־טעמפּל.

בא דר. רייטמאַן אין טשערנאָוויץ. דריי חדשים שפּעטער.

(אַ שנייאיקער פרימאָרגן)

איזאָלינא

(שטייט פאַר אַ וואַנטשפּיגל, פּאַרפּלעקט זיך אַ בלום אין די האָר. רופט)

מאַטילדאַ, מאַטילדאַ!

מאַטילדאַ

(באַווייזט זיך אַף דער שוועל פון דער עסשטוב, לינקס)

וואָס בעליבט ס׳גענײדיקע פרײלין?

איזאָלינא

איז דער הער ראַבינער שוין אויפגעשטאַנען, מאַטילדאַ?

מאַטילדאַ

שוין לאַנג. ר׳איז אין גאָרטן. שפּאַצירט.

איזאָלינא

(אויפגעלעגט)

דער פּריש־געפּאַלענער שניי, ווייזט אויס, האָט אים אַהין אַרויס־געטראָגן. ביטע, טראָג אַריין פרישׂ וואַסער צו אים אין צימער. אויב ער איז נאָך נישט צוריק — וועל א י ך די בלומען באַשפּריצן. ברענג מיר נאָר דעם בלומענשטרויס.

מאַטילדאַ

זאָפאָרט.

איזאָלינא

עס איז צום באַוואונדערן, ווי דער געטלעכער מאַן ווערט אַזוי באַגייסטערט פון בלומען. „דער ריח פון בלומען, זאָגט ער — איז שפּייז פאַר דער נשמה״. איך מעכטע איינמאָל מינדעסטנס שפּירן דאָס, וואָס ער שפּירט צו בלומען!

(מאַטילדאַ אָפּ. איזאָלינא זומט אַ מעלאָדיע)

מאטילדא

(ברענגט אריין א בינטל טובעראזן)

איך טראג זאפארט אהין אריין קוואלוואסער.

איזאלינא

(קערט זיך אפ פון שפיגל, נעמט די בלומען. זאפט אריין דעם ריח)

מעכטע דאך דער אראמאט פון די בלומען זיין זעל בארואיקן...

(סארטירט די בלומען אין דער וואזע. לאזט זיך גיין צום רבין אין צימער).

(מאטילדא אפ. מ א י ר ל קומט, אנגעטאן אין א גרינעם גארניטור — יעגער סטיל. ער איז דורכ־געגומען פון דער קעלט. קענטיק — פון וועג).

מאירל

גוטמארגן, ליבכען!

איזאלינא

(איבערראשט)

מיראן!

מאירל

(שמעקט די בלומען. רייבנדיק די הענט)

אזוי איז שיין — מיט בלומען אנטקעגן געגאנגען. (שטעלט־אן א לאץ, זי זאל אים אנשטעקן א בלום)

איזאלינא

(שטויסט אים צארט אפ)

ניין, מיראן! (אנווייזנדיק אף זיין בוזימקעשענע) א פיסטויל מיט בלומען — דאס פאסט זיך נישט. לעגן זיי צוערשט דאס געווער אוועק.

מאירל

(נעמט ארויס דעם פיסטויל, צילט כלומרשט אן)

פיף־פאף! איך שיס!...

איזאָלינא

(צעלאַכט זיך)

זיי זענען דאָך מיט זייער שיס־קונסט שוין איינמאָל דורכגע־פאַלן — בײַ די חסידים...

מאירל

(זיך פאַרענטפערנדיק)

מיין שולד?

איזאָלינא

אַ! דער אַלטער תירוץ... ווען נאָר מ'דערציילט די געשיכטע, מוזן מיר אַלע לאַכן. האַרענשטיין איז זער וויציק

מאירל

(אַביסל פאַרשעמט)

„האַרענשטיין"! מיין פּלאַן איז געווען אַ ריכטיקער! די חסידים זענען זיך ווי די האָזן צעלאָפן...

איזאָלינא

(שמייכלענדיק)

נון קומט ווידער דער ריכטיקער תירוץ! — „דער ראַבינער"...

מאירל

געוויס! אין וואַלד זיך אָפּגעשטעלט, די פערד אויסצורוען, געכאַפּט אַ דאַוון, אַ פאַרבייסן. און אַזוי ווי מ'האָט נאָר גע־וואָלט צוריק אַרויף אויף די פייעטאָנען, האָט דער שמייסער אַ טרייב־געטאָן די פערד און איך — אַ שאָס אין דער לופטן!...

איזאָלינא

(צעלאַכט זיך קלינגענדיק)

„איז געוואָרן אַ לאַך אין הימל!" — זאָגט האַרענשטיין...

מאירל

(אָנגעבלאָזן)

אַז דער רבי שפּרינגט־אויף: „וואַרף אַוועק דעם מזיק!" און שטעלט־אָפּ די פערד, — פאַרשטייט זיך, דער פּלאַן האָט גע־פּלאַצט.

איזאָלינאַ

(גוטמוטיק)

„האָט דער גראָסער העלד זיינע פירכטערליכע וואָפּע — אונ־טערטעניג וועקלעגן מיסן...״

מאירל

ווי אַנדערש? — (לעגט אַנידער דעם פּיסטויל)

איזאָלינאַ

(קלייבט אויס אַ בלום)

דערפאַר באַקומט מיראַן אַ וואונדערשיינע טובעראָזע (שטעקט זי אים איין אין לאַץ).

מאירל

(קושט איר די האַנט)

נאָר דערפאַר אַליין, איזאַ?...

איזאָלינאַ

(האַלב קאָקעטיש)

פאַרוואָס נאָך דען?

מאירל

(ברוגזלעך)

אַזוי גאָר?

איזאָלינאַ

(מיט כלומרשטן אָנשטעל)

נאַ, איך וועל עס מיר נאָך מוזן איבערלעגן. האָפנטלעך וועט זיך שוין עטוואָס געפינען.

(ביידע צעלאַכן זיך האַרציק. איזאָלינאַ לאָזט זיך גיין)

דאָקטאָר רייטמאַן

(אַריינקומענדיק מיט אַ טאַש אונטערן אָרעם)

ווילקאָמען, מיראַן!

מאירל

אַ גוטמאָרגן, דאָקטאָר רייטמאַן!

רייטמאַן

וואוהין מיט די בלומען, קינד?

איזאָלינא

(לייכט פאַרדרייט)

דו ווייסט דאָך, דער הער ראַבינער ליבט אַזוי בלומען.

(אָפּ אין רבינס צימער)

רייטמאַן

(אָנווייזנדיק אָף דער בלום בא מאירלען אין לאַץ)

אַ! — האָט איר דאָך אויך עפּעס פון דעם צווייג באַקומען. מיין קליין קעצל טרוימט אַזוי פיל פון דעם הערן ראַבינער — דעם וואונדער־ראַבי.

מאירל

ווייזט־אויס — איבער די אויערן באַגייסטערט.

רייטמאַן

(וויצלט זיך)

איך מיינט — פאַרליבט... כע, כע! די יוגנט ווערט דאָך אַזוי גיך באַגייסטערט פון יעדן בלאָסן טרוימער... (איראָניש) זיי וועלן דאָך, וואַרשיינלעך, נישט אייפּערזיכטיק זיין, הער רובין, כאַ, כאַ!

מאירל

דאָס נישט —

רייטמאַן

(כאַפּט אונטער)

אָבער? (קלאַפּט אים פריינטלעך אין פּלייצע) נאַ, די פרוי רביצן איז דאָך שוין באַלד ווידעראַמאָל געזונט. דער אַלטער ר' דודל האָט זאָגאר באַפוילן, אַז ער וועט מיט איר היינט דעם ראַבינער באַזוכן.

מאירל

(וויל אָפּווענדן דעם שמועס)

אַ מערקווירדיגער גרייז, דער ר' דודל: פאַרלאָזט זיין געבורטשטאָט, ליעווי, און באַזעצט זיך דאָ אין טשערנאָוויץ — כדי

צו וואוינען מיטן רבין אין איין שטאָט! (צעלאַכט זיך) האָט איר געמעגט זען, ווי אַט־אָ־דער אַבציקער האָט זיך עס צעזונ־גען מיט גויאישע חתונה־לידער, באַלד ווי ס'האָבן זיך באַוויזן די סאָלדאַטן אָפן וועג. און מיט וואָסער אַ אידישן גויאיש די חסידים האָבן אונטערגעכאַפּט...

רייטמאַן

אָבער אַף אַפּצונאַרן — קאָן אַפילו אַ חסיד געגונג גויאיש!... (צעלאַכן זיך). יאָ, איך מוז עס אייַנעך זאָגן, רובין: שוין מאַנכע מאָל, אַז איך קלער וועגן דעם און קאָן עס נישט פאַר־שטיין. מילא, זיי — האָבן מיט אים געוואָלט אַנטלויפן; אָבער איר? איין וואָרט צום מיליטער — און מ'וואָלט אים געוועזן גלייך אָפּן וועג אַרויסגעריסן פון זייערע הענט. אַזוי — וויפל געזונט האָט עס אָפּגעקאָסט, ביז מ'האָט אים פון דעם סאַדיגורער'ס תפיסה אַרויסגעקריגן... האָבן מיר געמוזט מאַכן אַ געוואַלד: „אַ מאַרטריער! געפאַנגען באַם אייגענעם ברו־דער!..." האָט האַרענשטיין געמוזט פאָרן אַהין מיטן פּראָ־קוראָר... אויפּוויַיזן, אַז ער איז נ י ש ט משוגע... זיך פאַרלאָזט אָפּן פּיסטויל? — שיסער איינער! (קלאַפּט אים פריינטלעך אין אַקסל).

מאירל

איר ווייסט דאָך, כ'האָב מורא געהאַט — איבערצוגעבן אידן אין גויאישע הענט! „גונבי נפשות"...

רייטמאַן

נו, האָט מען דאָך סיי־ווי זיי געשטעלט צום געריכט — מרדכי פיינשטיין, יוסל חנא'ס — און ס'האָט געהאַלטן באַ הענגען! אַ גליק וואָס מיר אַלע האָבן זיך אַ נעם־געטאָן, און זיי ענדלעך באַפרייט.

מאירל

הערסט אַ מעשה! — אַזוי, זענען נאָר פיר געשטאַנען צום משפט; אַניט — וואָלט דאָך אַ האַלבע שטאָט געווען פאַר־אומגליקט!

רייטמאַן

(רייצט זיך מיט אים)

זעען זי, ר׳ דודל — איז קאָנסעקווענט. דרייט זיך אַרום דעם רבין, ווי אַ זומערפֿייגעלע אַרום אַ ליכט. דער רבי איז אין ליעווי, פֿאַרשטייט זיך — איז ער דאָרט; געפֿאַנגען איז סאַ־דיגורע — ר׳ דודל איז דאָ; יעצט איז ער באַ די אַפּיקורסים אין טשערנאָוויץ, אהאַ! — ר׳ דודל איז ווידער אַ מחותן... געסטערן איז ער זאָגאַר געווען באַ דער רביצן אין סאַנאַטאָריום און האָט אויסגעווירקט, מ׳זאָל איר ערלויבן אַ שפּאַצירגאַנג אַהער, צו איר מאַן.

מאירל

ער זעט זיך אויך מיט איר טאָג־טעגלעך.

רייטמאַן

(פֿאַרקלערט)

ריכטיק, מיראַן, ריכטיק! אָט־דער גרייז אינטערעסירט מיך. ווירקליך — אַלס אַ טיפּ. ליבע און גלויבן זענען באַ אים אין האַרץ אַזוי ענג צונויפֿגעוואַקסן, אַז ס׳איז מער קיין פּלאַץ נישט פֿאַראַנען פֿאַר דעם מינדסטן צווייפֿל...

מאירל

אפֿילו דאַן, ווען דער רבי האָט זיין „מאַניפֿעסט״ אין דער פּרעסע פֿאַרעפֿנטליכט, זיך אָפּגעטרייסלט פֿון רבישאַפֿט, און זיינע פֿרייע געדאַנקען אַרויסגעזאָגט, — האָט ר׳ דודל סניד־קעוועט אַלץ אָנגענומען פֿאַר ליב! דעם געדרוקטן בריוו טראָגט ער נאָך עד־היום אַרום באַ זיך אין בוזימקעשענע, כ־הם, הם!...

רייטמאַן

איך האָב אים אַנומלט איבערגעלייענט די באַגריסונגען, די טע־לעגראַמעס פֿון פֿאַרשידענע קאָרפּאָראַציאָנען און סטודענטן, וואָס זענען אָנגעקומען אָפֿן רבינס נאָמען, האָבן זיך באַם אַלטן אין די אויגן טרערן באַוויזן. „דאַנקען השי״ת, ער איז נאָך נישט אַזוי עלנט!״ — האָט דער גרייז אויסגערופֿן.

מאירל

איך בין נייגעריק צו וויסן, וואָס וועט ער זאָגן אָף דעם, וואָס עס קאָכט זיך איצט אין דער פּרעסע וועגן דעם רבינס ריידע אין גרויסן זאַל. און וועגן דעם געשלעג?

רייטמאַן

זיין ריידע האָט געמאַכט א שטורעם אין דער געזעלשאַפט. כ'מוז אייַנעז זאָגן די וואָרהייט: זי איז געווען האַרציק, פייערדיק און פול מיט ליידן! (מיט אַ לייכטן שמייכל) צוואַר, קיין גרויסער ריידנער איז ער נישט — דער „רבי" שטעקט אים נאָך טיף אין האַלדז... שריפטשטעלער האַרענשטיין האָט דאָן גאַנץ וויציק איראָניזירט, ווען דער ראַבינער האָט זיך באַם רעדן צעקאָכט און אָפּן רבישן שטייגער מיט די הענט געוואָרפן. ער האָט אים פאַרגליכן צו אַ ווינטמיל, וואָס שטייט אין פלאַמען — און פאַטשט מיט די פליגלען!...

מאַירל

איר ווייסט, דאָקטאָר, לעצטנס לייד איך אים נישט אַזוי, האַרענשטיינען. ער איז עס געווען דער ערשטער, וועלכער האָט ממש וועלטן איינגעלעגט! געלאָפן צו יוסף פּערל קיין טאַרנאָפּאָל, אויפגערודערט אַלע אַנהענגער פון מאָזעס מענדעלסאָן — אים צו באַפרייען פון סאַדיגורע. „אַזאַ איידעלע נשמה, אַ מאַרטירער־גייסט!" — אַלץ, כדי אונטער זיין פירערשאַפט אויפצוהייבן דעם ליכטיקן קאַמף פאַר בילדונג, פאַר אויפקלערונג און אמת. די ערשטע צייט, זיך מיט אים אַרומגעפירט, פול מיט באַגייסטערונג זיינע ווערטער געשלונגען; און איצט — איראָניזירט ער!...

רייטמאַן

יאָ! אָפּ זיין איניציאַטיוו האָט דער ראַבינער זיינע פריייזיניקע אידייען אין דער פרעסע פאַרעפנטליכט; האָבן די חסידים זייער טויט־קלאַפּ באַקומען. גענוג! — וואָס מער האָט האַרענשטיין פון אים צו דערוואַרטן? (פּאַוזע. דערמאָנט זיך, נעמט זיין טאַש) נאַ, איך מוז נאָך באַלד אין געריכטזאַל.

מאַירל

איר וועט דאָך געווים אויסשפּילן. אייגנטלעך קומט דאָך דעם רבין זיין טייל ירושה זיכער אַרויס!

רייטמאַן

(פאַרקלערט)

יאָ־יאָ! — עס איז אַ איינע שלימע זאַכע... (גייענדיק) זיין ברודער, דער סאַדיגורער, ווייסן זי... דאָס איז שוין איינמאָל אַ

חברה־מאן! (דערמאנט זיך) ער איז דא הי נאר בלויז דריי טעג — און דער שטאאט־האלטער האט שוין גערופן דעם ראַ־בינער, און זיך דערוועגט צו מוסר'ן אים, אז פאר אזא גרויסן מאן פאסט גאר נישט צו זיין צעקריגט מיט זיינע אדעליגע ברי־דער, וועלכע זענען אים אזוי געטריי... און ראט אים דעריבער — ער זאל צוריקפארן נאך סאדיגורע. און ער וועט שוין אויפ־פאסן, ס'זאל אים קיין בייז נישט געשען. זיין אויפהאלטן זיך דא — רופט ארויס אומארדענונג, געשלעגערייען!...

מאירל

דאס איז א ממזרישער אנצוהערעניש, אז מ'קאן זיך מער נישט פארלאזן אף דער וואך, וואס שטייט לעבן אייער הויז. א פיין מסירה'לע. מסתם אים אויך גוט אונטערגעשמירט. לאפסע־געלט!

רייטמאן

(שוין בא דער טיר)

ווען שטריימל מיט אפאלעטן פארן זיך צונויף — קומט שטענ־דיק ארויס אזא ממזר, כע, כע, כע!...

(זיי גייען ביידע ארויס לאכנדיק. פאוזע. מאטיל־דא קומט אריין. זי טראגט א פאק צייטונגען און בריוו — די פאטשט, לעגט אוועק אפן זייטנטישל, לינקס. ג ב א י און א י צ י ק ל באווייזן זיך אף דער שוועל פון דער אויסגטיר).

גבאי

(אריינשטעקנדיק דעם קאפ)

דער רבי איז דא?

מאטילדא

דער הער ראבינער? — איז אפן שפאציר. וועט ווארשיינלעך באלד צוריקקערן. (גיט א רוק־אפיר צוויי שטילן) זיצן זי, ביטע. (אפ)

גבאי

(זיך ארומקוקנדיק)

געפעלט דיר, איציקל? גארניט שלעכט אויסגעביטן: פון סאדיגערע — אף טשערנאוויץ... וואס גייט אים אפ? שפא־צירט זיך ארום אין גן־עדן, א פרייער פויגל, הא? מסתם נאך — אן א פייגנבלאט אפן קאפ...

איציקל

ער פילט זיך דא געווים ווי אז איידעמל אף קעסט, און ווארט אף פרישן נדן...

גבאי

מירן שוין האבן דאס אמתע שטיקל ארבעט, אים פונדאנעט ארויסצודרעלעווען...

איציקל

נארישקייטן! — די פלענער וואס מיר האבן אויסגעארבעט, זענען גאנץ זיכערע. בארעכן זיך אליין (ציילט אף די פינגער) דאס פראצעס פון דער ירושה וועט ער פארשפילן.

גבאי

(פאלט אים אין די רייד)

איך בין נאך אין דעם נישט בטוח — רייטמאן איז א שטארקער אדוואקאט.

איציקל

פשש — אן „אדוואקאט"! פראטעקציעס און (רייבט מיט די פינגער) די שטומע מטבע איז שטארקער, כע, כע! (ציילט ווייטער) רייטמאן וועט א קוק־טאן, אז פראצענט באקומט ער נישט; אז זיין שיין טעכטערל, כאטש זי איז נאך מן־הסתם א ציגעלע — ווערט א בארעדטע... מאירל ט'אנהייבן צו טאנצן אפן שטריקל — (גיט אים א שטורך מיטן עלנבויגן) פאר־שטייסט?...

גבאי

ווער ווייסט, צי מאירל האט שוין דעם בריוו באקומען?

איציקל

(פאנפעט אים נאך)

„באקומען! באקומען!" — זיין וואלד־שומר קומט דאך שטענדיק אפנעמען די פאטשט. — ווארט... (ציילט ווייטער) דאקטוירים וועלן אים אנערקענען פאר משוגע... דער קאמיסאר איז דאך אונדזערער... ט'זיין רעכט! (דערמאנט זיך) יא! — און דער איסור!?... ס'וועט אים גרימען אין די געדערים, נישט ווייניקער ווי אונדז!

גבאי

פארשטייסט א מעשה? אזא חוצפה פונם צאַנזער רב! — נעמען און אַרויסגעבן אַן איסור־חמור אַף דער גאַנצער משפחה! „מ׳טאָר נישט עסן פון זייערע שוחטים; אסור אפילו צו לער־נען קינדער באַ זייערע מלמדים!...” ניין! — דאָס טאָר מען נישט פארשווייגן!

איציקל

פאַרשווייג נישט! האָסט אַן אַנדער ברירה? און ס׳אי׳דען נאָר דער צאַנזער? — אַ וועלט רבנים זיך צון אים געווענדעט. מיט טויזנטער טענות: „סטייטש? היתכן? — אויגן־גלאַ־צערס! שיטן זיך אָן מיט גאָלד; פאָרן אַרום אין גאָלדענע קאַרעטעס; שפיגלען זיך און פוצן זיך ווי די ווייבער”...

גבאי

„און די רביצנס אָנגעטאָן ווי די שיקסעס!” — ס׳קריינקט זיי, טאָמער גייט מען באַ אונדז נישט אַזוי אָפּגעריסן און אָפּגע־שליסן, ווי באַ די צאַנזער לאַפּעדראַנצעס!

איציקל

און דערימעד, פאַרשטייסטו — איז די גאַנצע ריזשינער גזע „רשעים גמורים”!

גבאי

מאָל דיר, ס׳וועט דעם צאַנזער פאַרגיין אין דער נאָז ווי פון געריבענעם כריין! נאָר קודם־כל מוז מען אָבער א י ם פונדאַנען אַרויסקוועטשן... זאָל די וועלט נישט האָבן מיט וואָס די אויגן צו שטעכן: „ער איז אין דער טריפהנער טשער־נאָוויץ; ער איז באַ די אפיקורסים”... קורץ — מ׳מוז אים זען אַריינפּאַקן ווידעראַמאָל קיין סאַדיגערע! און אַבי ער וועט נאָר זיין באַם ברודער, ט׳שוין זיין רעכט. — אַצינד וועט ער שוין דאָרט ליגן ווי אַ הונט אַף אַ קייט, און פאַר דער וועלט וועט עס הייסן, ד׳איז אַ בעל־תשובה געוואָרן. כע, כע! — אַ בעל־תשובה!... וואָרים ווען דו שניידסט פון אים פּאַסעם; וואָרים ווען דו צעבראָקסט אים אַף פּיץ־פּיצלעך, ווי שבתדיקע ציבעלע מיט לעבער — וועסטו אים דען אַרויסטרייבן דעם משומד פון קאָפּ?

איציקל

ס׳ט מיך פֿאַלגן, שמואל? לאָמיר זיך איצטער פֿאַר אים נישט ווייזן. מירן אָקאָרשט זיך הינטערקוקן, פֿאַרשטייטסטו מיך, וואָס דאָ קומט פֿאָר. אי׳מיר ווייסן וואָס אויסצונוצן.

גבאי

גערעכט, כ׳לעבן!

איציקל

(קוקט זיך אַרום)

וואָס איז דאָס פֿאַר אַ חדרל? דאַכטצעך אַ ליידיקס. (קוקט אַריין) אַ ספרים־שטיבל. גאַנץ גוט. אי׳מיר זיך אַהין אַריינ־כאַפּן.

גבאי

(דערזעט די „פּאַטשעט" אַפֿן טישל)

איציקל! כדאַי אַ נישטער צו טאָן: יענער בריוו צו רייט־מאַנען — שווין דאָ? נעכטן אים אַזוי שפּעט אויפֿגעלעגט.

איציקל

(כאַפּט זיך צוריק)

אַ עיקר גדול! טאַקע כדאַי צו ווייסן.

גבאי

(געפֿינט דעם בריוו)

ר׳איז דאָ!

איציקל

זעסט? פּונקט אין צייט. נאָך די פּאַטשעט נישט דורכגעקוקט. ס׳וועט אים באַלד ווערן ליכטיק אין די אויגן!

גבאי

מיך אַרט נישט, אַז ס׳זאָל אים דווקא ווערן פֿינצטער אין די אויגן. קום, ס׳קאָן נאָך עמיץ אַריינשטעקן די נאָניע.

(זיי גייען אַריין אין ביבליאָטעק. פֿאַרמאַכן לייכט די טיר)

איזאָלינא

(קומט שטיל אַריין פון דער טיר, לינקס. גייט־צו צו דער פּיאַנאָ)

ווי זאָל איך מיין האַרץ באַגרייפן? איינער איז לויטער מענטש, דער צווייטער לויטער מלאך און צווישןביידע וואַקלט מיין טרוים.

(זי לאָזט זיך אַראָפּ אָפן פּיאַנאָ־ביינקל. לויפט־איבער מיט די פינגער די קלאַווישן. עס צעגיסן זיך האַרציקע, מעלאַנכאָלישע טענער, און רייסן זיך פּלוצלינג איבער מיט אַ שטאַרקער דיסאַנאַנס. זי פּאַחלומט זיך, אַנגעשפּאַרט אָף די עלנבויגנס).

(ר ב י עפנט די מיטלטיר פון גאָרטן. בלייבט אַ ווײַלע אָף דער שוועל, קוקט).

איזאָלינא

(דערפילט זיין קעגנוואַרט, כאַפּט זיך אויף פון ביינקל. גיט אַ פיר מיט דער האַנט איבער די לאָקן וואָס זענען איר באַם שפּילן אַראָפּגעפאַלן אָפן שטערן)

אַנטשולדיגט. איך גיי שוין אַרויס.

רבי

(שפּאַנט אַריבער די שוועל, דערהייבט זיין האַנט, צוריקהאַלטנדיק)

חלילה! מיר שטערט קיינער נישט. בלייבט.

איזאָלינא

איך האָב געמיינט — פּיליכט.

רבי

ניין, קינד. אַנטשולדיקן מוז איך זיך. כ'האָב אייער חלום איבערגעריסן. אַ שאָד.

איזאָלינא

(פאַרחידושט)

האָב איך געחלומט? (תמימותדיק) קאָן דער הער ראַבינער אויך באַשיידן חלומות?

רבי

געטלעך איז א חלום. אבער צו מענטשלעך איז א פּתרון. פאַר־
וואָס זאָל איך מיט מיין באַשייד דאָס געטלעכע אוועקנעמען?
שפּילט, קינד. שפּילט־אויס אייער חלום. איך וועל האָרכן.
כ׳האָב נאָך קיינמאָל נישט געזען ווי מ׳שפּילט אָף א פּיאַנאָ,
כאָטש אפּטמאָל געהערט. (אומעטיק) תמיד געזוכט א פּתרון
צו די ניגונים, וואָס האָבן זיך צו מיין פענצטער פונוויטנס
דערטראָגן. (פאַרקלערט) אַמאָל בא מיר אין גאָרטן — פייגע־
לעך געזונגען...

(פון דער ביבליאָטעק־טיר באַוויזט זיך א האַנט —
און ציט זיך צוריק)

איזאָלינא

(הייבט־אָן שפּילן זייער מינאָר, אַריינפאַלנדיק אין
א תפילה־מאָטיוו).

רבי

(שטייט פונוויטנס. ווי פאַר זיך)

תמיד א פּתרון געפונען, און איצט — א פּתרון וואָלט אויס־
געהוילט פון מיין מוח דעם זין פון מיין לעבן... (קוקט אָף דער
פּיאַנאָ) דוכט זיך א דומם, א האָלץ — און ס׳רעדט אַזוי
ריין... קיינמאָל האָט צו מיר אַזוי ריין קיין מענטשן־שטים
ניט גערעדט.

איזאָלינא

(דרייט אויס דעם קאָפּ. בנעימותדיק)

זיי זאָגן מיר עטוואָס?

רבי

שפּילט, קינד, שפּילט.

איזאָלינא

(הערט אויף)

עטוואָס האָבן זיי דאָך געזאָגט. צי טאָר איך עס נישט וויסן?
קאָן איך עס מיט מיין מוח נישט באַגרייפן — וועל איך מיט
מיין האַרץ עס דערפילן.

רבי

(אין פֿאַרלעגנהייט)

ס'איז פּסוק. „והיה כנגן המנגן ותהי עליו יד אדשם". איז טייטש: שפּילט אַ האַרץ אַזוי ריין, ווי די כלי אַף וואָס מ'שפּילט — אַז אַ פּגם, אַז אַ פֿלעק — אַנטפּלעקט די שכינה זיך... שפּילט, קינד, שפּילט.

(איזאָלינאַ הייבט ווידער אָן צו שפּילן. די טענער גיסן, ווערן וואָס אַמאָל שוואַכער, ענדיקן פּיאַני־סימאָ, מיט זייער אַ טרויעריק־נאָגנדיקן, אויסגעצוי־גענעם טאָן. דער רבי איז אינגאַנצן אין התפשטות־הגשמיות. מ א י ר ל באַווייזט זיך אין דער קאָ־רעדאָר־טיר, קוקט מיט חשד. גייט אויפֿגערעגט אָפּ).

איזאָלינאַ

(קערט זיך אום)

איך באַוואונדער אייך, העד ראַבינער, און בין אייך מקנא: זאָגאַר אין אַ טויטער זאַך, הערט איר די וויברירונג פֿון לעבן... ווי שווין, ווען איר באַגעגנט זיך מיט לעבעדיקע מענטשן? — און דאָך זינט זי אַזוי פֿאַרטרויערט!

רבי

די וועלט איז איינגעטיילט אין אייביקע קעגנזאַצן: הימל — און ערד, ליכט — און פֿינצטערניש, טויט — און לעבן. און אַזוי אויך דער מענטש: מוח — און האַרץ, יצר־טוב — און יצר־הרע, שקר — און אמת... אַלצדינג הענגט שטענדיק אַף אַ וואָגשאָל — עס מוז זיין אַ ריכטיקע משקולת. פֿאַלט נאָר עפּעס אַרויף אַף דער וואָגשאָל — רודערט זיך דאָס צינגל... דענצמאָלט איז די רגע פֿון דער גרויסער סכנה... (גיט אַ קרעכץ) מ י י ן לעבן — באַשטייט בלויז פֿון אַזעלכע רגעים!

איזאָלינאַ

איך ווייס נישט, ווי איר קלערט וועגן מענטשן. פֿילייכט פֿאָ־דערט איר פֿון זיי שוין צופֿיל, איבער זייערע קרעפֿטן; אָדער — גאָר פֿון זיך אַליין? איך ווייס אויך נישט אייער שטעלונג צום מענטשן, וואָס זי איז... און — צו דער וועלט?

רבי

אפשר וועט איר מיך פארשטיין, ווען איך וועל עס אייך אזוי דערקלערן? — א מענטש דארף תמיד טראכטן אט ווי: אז דו רעדסט צון א מענטשן — רעדסטו מיט דער נשמה וואס אין אים. ווארים אז די נשמה גייט ארויס פונם גוף, קאנסטו צון אים נישט רעדן. ער איז ווי א שטומער שטיין. און דע־ריבער באדארף אויך דיין נשמה רעדן — צו זיין נשמה. הגם דו קאנסט זי נישט זען. און אז דו גיסט א קוק אף דער וועלט, קוקסטו ארויף צו גאט! הגם דו קאנסט אים נישט זען, ווייל ער איז די נשמה פון נשמות! (שאקלט מיטן קאפ) ווערט מען אבער אנטוישט אין א נשמה, איז שלעכט. עס איז א פגם אין דער אייגענער נשמה! ווייל אלע נשמות זענען צונויפ־געבונדן אין גאט. (קרעכצט ביטער ארויס) און ווי איז שוין, ווען א מענטש דערפילט, אז ער איז אפגעריסן פון איטלעכן, און צווישן אים און גאט אליין איז א בראך?...

איזאלינא

(שטייט אויף)

פארצווייפלען זיי נישט... גלויבט — עס זענען נאך פאראן נשמות, וואס פלאטערן ארום אייער גייסט, צו שעפן דאס ליכט פון דעם ריינסטן קוואל!

רבי

דאס מענטשלעכע לעבן איז אן אייביקער אראפ־און־ארויף. יעדער אראפ איז צוליב אן ארויף. יעדער פאל איז צוליב דעם דערהייב, וואס דארף דערנאכדעם קומען. (גיט א שפאן איבערן צימער, א פאטש מיט די הענט)

ווער האט מיך פון דער ערד אפגעריסן און צום הימל נישט געלאזט שטייגן, און ווער האט מיך פון הימל אראפגעווארפן און צו דער ערד נישט געלאזט זינקען? זינקען!... יעדע שטאפל אף וועלכער איך שטייג, ברעכט זיך אונטער מיינע פיס.

(פאוזע)

(ער גייט צום טישל, נעמט די צייטונגען, א פאר בריוו און גייט אין זיין צימער).

(איזאלינא קוקט אים נאך א ווײלע. גייט צום

פּענצטער לעבן דער פּיאַנאָ. שפּאַרט־אָן איר קאָפּ אָן אַ שויב. קוקט אַרויס. קערט זיך אָפּ. שאָקלט אָן אַראָפּגעזונקענעם קאָפּ. גייט. ג ב א י און א י צ י ק ל קומען אַרויס).

איציקל

(קראַצט זיך הינטערן אויער)

ווייסט וואָס כ'וועל דיר דערציילן? מיר דאַכט, אַז איך האָב גאָר קיין ליגענט נישט געשריבן. איז עפּעס דאָ צו זאָגן אויף דעם זיסן לעבן פון דעמדאָזיקן פּאַרעלע, האָ? און די יפהפיה האָסטו געזען? — אַ בתולה!... אָבי איך האָב געמיינט ז'אי'נאַך אַ ציגעלע.

גבאי

וואָס זאָל זיין צו זאָגן? ס'גייט אים ווי אַ צדיק אויף דער־וועלט.

איציקל

און מאַירלען האָסטו באַמערקט, ווי ער דרייט זיך עס אַרום און קוקט זיך הינטער? — ס'האָט אָנגעצויגן!

גבאי

ער גייט אַרום מיט אַ בויך מיט שמאַטעס... זיי וועלן זיך באַלד אָנצינדן, ט'אים אַזשע אַרויסזעצן אַ רויך פון דער נאָז!...

איציקל

(דערהערט אַ גערויש)

שש! ס'גייט עמיץ.

(זיי כאַפּן זיך צוריק אַריין אין ביבליאָטעק)

מאירל

(קומט אַריין. ער איז אויפגערעגט. שפּאַנט איבערן זאַל. זעצט זיך אַוועק אויף דער סאָפע. שפּרינגט אויף. זעצט זיך ווידער, אָנשפּאַרנדיק זיין קין אויף דער האַנט)

המ־נאַ!...

(ציט מיט די אַקסלען).

מאטילדא

(קומט אריין מיט א טאַץ, אַף וועלכער עס געפינט
זיך אַ פלעשל בראנפן, בעכערלעך און פאַרבייסן.
קוקט זיך אַרום פאַרוואונדערט)

וואס? איז קיינער דאַ נישטאַ?

מאירל

ווער זאַל דען זיין?

מאטילדא

צוויי הערן זענען דאַ געווען. זיי האָבן געוואָלט צום ראַבינער.
האָט ס'געניידיקע פריילין געהייסן, איך זאָל סערווירן.

מאירל

פריילין איזאַלינא איז אַזוי אויפמערקזאַם אַף אַלץ, וואָס אַנ־
באַלאַנגט דעם ראַבינער...
(אין דער טיר באַווייזט זיך דעם גבאים א אויער)

מאטילדא

(פאַרלעגן)

געוויס, הער רובין, ס'געניידיקע פריילין איז דאָך אַזוי ליבנס־
ווירדיק.

מאירל

נו — יאַ; פאַרוואָס דען נישט? דער ראַבינער איז דאָך
אַזוי נעט.

מאטילדא

(מיט צופרידנקייט)

נישט וואר? א נעטער, בראַווער מאַן! (וויל גיין).

מאירל

קומט אַהער, מאַטילדא!

מאטילדא

(אויסדרייענדיק דעם קאָפּ)

ביטע? —

מאירל

זאָגט, איך בעט אייך... (קלייבט ווערטער) איז פריילין איזאַלינא אימער אזוי... (כאַפּט זיך צוריק) כ׳מיין, אויב זי איז נאָר צום הערן ראַבינער אזוי גוט גע... געשטימט?

מאַטילדאַ

(גלאָצט)

איך פאַרשטיי נישט זייער פראַגע, הער רובין —

מאירל

(ווענדט אָפּ, שמייכלענדיק)

כ׳מיין, אויב איך מעג אייך עפּעס דערפון פאַרזוכן (ווייזט צו דער טאַץ).

מאַטילדאַ

גאָט מיינער! אַ פראַגע דאָס איז! ביטע, ביטע! (זי שטעלט די טאַץ אָפּן טיש) גיסן זיי אָן.

מאירל

(פילט־אָן אַ בעכערל. מאַטילדאַ גייט. ער טרינקט שטעלט האַסטיק אַוועק דאָס בעכערל פון האַנט. פאַרבייסט. אויפגערעגט גייט ער צום טישל אַף וועלכן עס ליגט די פּאַטשט, וואַרפט זי דורך. באַמערקט אַ בריוו, באַקוקט אים)

וואָס?!

(כאַפּט אַרויס פון בוזים־קעשענע אַ געעפנטן בריוו, פאַרגלייכט)

דיזעלבע האַנטשריפט!

(פאַרקלערט זיך. שאָקלט מיטן קאָפּ)

המ־נאַ!...

(אָפּ)

(ג ב א י און א י צ י ק ל קומען אַרויס)

איציקל

(גייט גיך צו צום טישל אָפּ וועלכן עס שטייט די טאַץ)

אי׳מיר דערווייל אַריינכאַפּן אַ שנעפּסל. האַ, שמואל? סיי־ווי פאַר די געסט.

(גיסט אָן).

גבאי

נאָך וואָסערע געסט! (טרינקט). אָן עבירה, וואָס ער אי׳ נישטאָ. איי, וואָלט איך עס מיט אים אַריינגעטרונקען אַ „לחיים", ברודער!

(עס דערהערט זיך עמיץ קומט, איילן זיי צוריק)

רייטמאַן

(קומט אַריין אָן אויפגערעגטער. רייסט־אויף אַ פּאָר בריוו, לויפט זיי דורך אָפּ־גיך. קלאַפּט פאַר זיך מיט די פינגער אָפן טישל. נעמט איין בריוו, באַקוקט אים מאָדנע)

דאָנער וועטער! — אויך דאָס נאָך! ?...

(ער לויפט הין און צוריק איבערן זאַל. בלייבט שטיין)

אַ נידערטרעכטיקער פּאַסקוויל!

איזאָלינאַ

(קומט אַריין)

פּאַפּאַ? (באַמערקט זיין אומרואיקייט) וואָס איז געשען?

רייטמאַן

אייגנטלעך — גאָרנישט.

איזאָלינאַ

(צוקומענדיק נעענטער)

דו האָסט דאָך געוויס דאָס פּראָצעס געוואונען, פּאַפּאַ?

רייטמאַן

אזוי גוט ווי נישט!...

איזאָלינא

(איבעררעשט)

ווי דען? וואָרום?

רייטמאַן

עס איז די פאַרדאַמטע ווירקונג פון זיינע ברידער און די חסידים. ווי גנבים, אַף פאַרשיידענע הינטערוועגן זיך געשלייכט... דער ראַבינער וועט דאָס געלט נישט באַקומען. יעדנפאַלס מוז דאָס פּראָצעס יאָרנלאַנג זיך פאַרציען.

איזאָלינא

אַך, דו ליבער גאָט! (באַזאָרגט) אָבער, פּאַפּאַ, דו ווייסט דאָך דעם גוטן מאַן נישט אַפּלאָזן אַפן ווינט. ער איז אַזוי עלנט און האָט גאָרנישט.

רייטמאַן

(גיט אַ הייב־אויף די אויגן צו איר. נעמט איר קאָפּ איןביידע הענט)

מיין זיס טעכטערל! (ער קושט איר קאָפּ).

רבי

(קומט צוריק מיט צעבלעטערטע צייטונגען אין די הענט. אויפגעבראַכט)

וואָס טוט זיך דאָ אַרום מיר, פריינט רייטמאַן?

איזאָלינא

(גייט אַרויס, וואַרפנדיק אַ בליק צום פאָטער)

פּאַפּאַ!...

רייטמאַן

איר מיינט זיכער וועגן דעם פּראָצעס, וואָס איז אַזוי גוט ווי פאַרלוירן?

רבי

נישט דאָס! איך האָב עס פון אָנהייב אָן נישט געוואָלט. — דאָס פּראָצעס פון מיר מיט גאָט האָב איך פאַרלוירן!... מ'האָט מיך ווידעראַמאָל פאַר אַ פאַלשן אָנפירער געמאַכט. פריער בײַ די חסידים און איצטער — בײַ די וואָס קעמפן מיט די חסידים.

ביז וואַנען וועט מען מיר נאָך אַלץ נישט פאַרשטיין? (ער ווייזט אים די צייטונגען) זעט נאָר, ווי פאַלש מיינע רעיונות ווערן אויסגעטייטשט! זעט, ווי אונדזערע פריינט אַליין, (מיט אַ שטאָך) דער הער האַרענשטיין און אַנדערע, באַנוצן זיך מיט מיין נאָמען — נאָר אַף חוזק צו מאַכן פון די חסידים, אָבער נישט אַף צו זאָגן דאָס וואָס מיין נשמה וויל!

רייטמאַן

מאירל האָט מיר שוין געוויסע זאַכן דערציילט. עס איז ווירקלעך אַביסל שוין צופיל.

רבי

צי קאָן מען מיט אַ קלאָר געוויסן מאַכן שפּאַט און געלעכטער פון מענטשן, וואָס זענען אומגליקלעך פאַרפירט? — מ׳מוז זיי אויפקלערן, די אויגן עפענען. נייע וועגן מוז מען זיי אָנווייזן. (מע קלאַפּט אין טיר).

רייטמאַן

הערייַן!

(עס קומט אַריין האַרענשטיין. ער טראָגט אַ האַרטן קאַפּעליוש, וועלכן ער נעמט אַראָפּ און לעגט אים אַף אַ טישל. דער געלער שטעקן בלייבט הענגען אַף זיין אָרעם. ער מאַכט דעם איינדרוק פון אַ נערוועזן פּאַרשוין. אַ בלייך, איינגעפאַלן פּנים. גראָבע, גרוילעכע וואָנציעס הענגען שאַרף אַראָפּ איבער אַן אויסגעגאָלטן, שפּיציקן קין. פּאָנסנע אַף דער אָדלערנאָז, פון וועלכע עס לאָזט זיך אַראָפּ אַ שוואַרץ שנירל איבער אַ ווייסער העמדברוסט).

רייטמאַן

(גייט אים אַנטקעגן)

אָט איז הער האַרענשטיין זעלבסט!

האַרענשטיין

גוטמאָרגן, פריינדע!

(נעמט אַראָפּ די פּאָנסנע, ווישט זיי אויס מיט אַ טיכעלע)

אַ שניי אַזאַ, האַ?

רייטמאַן

(מיט אַ געלעכטער)

די וועלט האָט זיך איבער נאַכט אַזוי אויסגעוויסט, אַז ווען משיח זאָל זיך פּלוצים באַווייזן אויף זיין ווייסן פערדל — וואָלט מען אים אפילו נאָרניט אָנגעזען...

רבי

איך האָב פיינט שניי: קומט אַראָפּ פון די הויכע הימלען, פאַלט אַזוי קלאָר־ווייס, און לאָזט זיך אויס — אַ בלאָטע...

האָרענשטיין

(טוט צוריק אין די פּאָנסנע)

וואָס זענט איר אין אַזאַ שטימונג, הער ראַבינער?

רבי

איך ווייס נישט מיט וועלכע ווערטער זאָל איך אייך באַגעגענען: צי זענט איר מיין פריינט, צי אפשר גאָר מיין קעגנער, מיט וועלכן איך מוז מיך ראַנגלען!

האָרענשטיין

באַרואיקט אייך. וואָס איז די מער?

רבי

באַרואיקן? — ווען איך דרייט מיר אויס די צונג בא מיר אין מויל; ווען איך נעמט מיין האַרץ פאַר אַ שטיין — אויף צו פלעטן מוחות פון אומגליקלעכע מענטשן!?

האָרענשטיין

(אומבאַקוועם)

איך פאַרשטיי אייך נישט קלאָר.

רייטמאַן

אַ, — וועגן די ציי‌טונגען!

רבי

אָט דאָס איז דאָך טאַקע מיין אומגליק, וואָס מיינע פריינט אַליין פאַרשטייען מיך נישט אויף קלאָר! איך לעגט מיר אין מויל אַריין ווערטער, וואָס כ'האָב קיינמאָל נישט געטראַכט פון זיי;

זילזולים שיט איר פון מיין מויל ארויס, וואס מיין הארץ האט קיינמאל נישט דערוועגט זיך זיי אויפצוברענגען. פארוואס האט איר עס געטאן?

הארענשטיין

(לעגט אוועק דעם שטעקן לעבן קאפעליוש. קאלט)

אין א צייט פון קריג קלייבט מען זיך נישט אזוי פונאנדער אין די מיטלען מיט וועלכע מ׳קעמפט. מיר פירן איצט א קאמף מיטן פאנאטיזמוס, א פארביטערטן קאמף — אף טויט און אף לעבן!

רבי

האט איר, הייסט עס, פון מיין צונג א קאנטשיק געמאכט, זיי צו שמייסן!

הארענשטיין

ווען אייערע ברידער ווילן איינרעדן די בלינדע פאנאטיקער, אז איר זענט נישט איר; איר זענט — אין הימל; אז סמאל, כע, כע! — דער טייוול האט גאר אנגענומען די געשטאלט פון אייך, כדי מלחמה צו האלטן מיטן גרעסטן צדיק־הדור, געמליך מיט אייך אליין, כע, כע! — ווייל איר האט שוין געהאלטן גאר נאענט אראפצוברענגען משיחן! דעמאלט האבן מיר גע־מוזט מיט שפאט און קויט זיי פארווארפן!...

רייטמאן

וואס טויגן די שמועסן?

רבי

(אויפגעציטערט)

„מיט שפאט און קויט!" — נישט דאס איז דאס געווער פון גייסט! איך האב געוואלט מיין הארץ דערהייבן, ריין און ליכ־טיק ווי א זון, און אף אזא אופן—מיט הארציקער ליכטיקייט די שווארצע שאטנס פארטרייבן. אבער איר! — איר האט מיט אייער קויט מיין אייגן הארץ פארווארפן, הער! (איבער־רייסנדיק מיט אים) איצטער מוז איך מיך פון אייך אליין ריינוואשן!

האַרענשטיין

(וואַרנענדיק)

איר וואַגט צופּיל!

רבי

איך האָב תּמיד דאָך געוואַגט דאָס וואָס איז צופּיל, און ווייל עס איז צופּיל! און איך מוז אייך מיין ביטערע שאַנדהאַפטיקייט אויסדריקן, ווי איר האָט מיט מיין נשמה געהאַנדלט!

האַרענשטיין

איך וואַרף די פאַראַכטונג צוריק! בײַ מיר האָט נאָך מיין מוח נישט אויסגעטרוקנט. איך ווייס אַליין ווי איך האָב צו האַנדלען!

רבי

נישט אויסגעטרוקנט האָט אייער מוח; אָבער אייער האַרץ, אייער נשמה? (פאַרקלעמט) דאָרט האָט מיך די פינצטערניש דערשטיקט, און דאָ — די האַרטקייט, די טרוקענקייט, די קעלט, גאָט! מיין אַלט בית־המקדש פון דור דורות איז חרוב געוואָרן — און וואו זאָל איך מיין ניי בית־המקדש אויפבויען?

האַרענשטיין

(נעמט דעם קאַפּעליוש, הענגט אויף דעם שטעקן אָף דער האַנט, לאָזט זיך גיין)

אַדיע!

רייטמאַן

(גיט זיך אַ לאָז נאָך אים)

אַזוי לויפט מען עס אַוועק?

(האַרענשטיין ענטפערט נישט. גייט אַרויס. רייטמאַן באַגלייט אים).

רבי

(קוקט זיי נאָך, שאָקלט דעם קאָפּ)

דער שטורעם ברעכט שוין צופּיל צווייגן אויס. איך הער ווי עס קרעכצט שוין דער שטאַם פון בוים. באַלד וועט אים דער שטורעם אינגאַנצן צו דר'ערד אומוואַרפן.

(פּאַוזע)

איזאָלינא

(אײלט אַרײַן. זי איז בלײך)

הער ראַבינער! (שטאַמלט) אַנטשולדיקן זײ מײַן אױפֿרעגונג.

רבי

(דרײט אױס דעם קאָפּ)

װאָס איז, קינד?

איזאָלינא

פּאַפּאַ איז אױסער זיך! — עטװאָס געמוזט פּאַסירן! — מיראַן האָט אים אװעקגענומען, גערעדט סודעװודיק, אױפֿגערעגט... און פּלוצלינג האָט פּאַפּאַ אױסגעשריגן מיט אַ פֿרעמדער שטים: „מײַן קינד!... עס מוז אַן ענדע נעמען!" איך װײס נישט: פֿילײַכט װײַל ער האָט דאָס פּראָצעס פֿאַרלױרן איז ער אַזױ אױפֿגערעגט; אָבער מיך שרעקט עטװאָס אַזױ... (זער האַר־ציק) דאַך איר, פּאַסט איך! זײַט מוטיק, אײדעלסטער מאַן. (עס שטיקן זי טרערן)

רבי

(מיט אַ ביטערן שמײכל)

מעג קומען װאָס ס'װיל! װאָס פֿאַרמאָג איך דען נאָך צו פֿאַר־לירן? אָדער פֿאַרװאָס האָב איך דען נאָך זיך צו שרעקן? דאָס שרעקלעכסטע אין לעבן איז דער עלנט — און עלנט בין איך דאָך שױן גאַנץ לאַנג

איזאָלינא

(מיט געבעט)

איר טאָרט אַזױ נישט טראַכטן. שטאַרקט אײער פֿילנד האַרץ, איר גרױסער פֿילנדער!

רבי

עס לעשט זיך אַמאָל אױך דאָס אײגענע ליכט, באַלײַכטנדיק אײנזאַמע װעגן—װעגן אַף װעלכע קײנער גײט גאָר דאָרט נישט

איזאָלינא

אײנצלנע נשמות װעלן דאָך שטענדיק אַהין פֿאַרבלאָנדזען — די רײנסטע...

רבי

רייסט זיך אבער מיין נשמה צו באלייכטן דעם וועג, אף וועלכן עס שטרויכלט א גאנץ פאלק, די גאנצע מענטשהייט אפשר. זיי אלע בלאנדזשען אין דער פינצטערניש ארום. און ברענג איך זיי מיין ליכט־צעפלאמט הארץ — לעשן זיי עס אויס, ווי א נישט־נייטיקן שטולקאטש, אין זייער אייגענעם זומף

איזאלינא

דאס איז אלץ געשען ווען איר זענט געגאנגען אין די שמאלע שטעגן. אפן ברייטן וועג וועט זיך ווידער די פאקעל אנצינדן!

רייטמאן

(וועלכער איז א קורצע ווײַלע פריער אנגעקומען, און שטייענדיק אומבאמערקט אף דער שוועל זיך צוגעהערט, גיט פעסט א טרעט אריין אזוי, אז מע זאל אים באמערקן)

לאז אונדז אליין, איזא!

(איזאלינא ווערט איבערראשט, גייט ארויס)

רייטמאן

(אויפגערעגט)

איר געדענקט, הער ראבינער, מיט וואס פאר א פראגע איר האט זיך פריער צו מיר געווענדט, ווען איר זענט אהער אריין מיט די צייטונגען אין די הענט אן אויפגעברויזטער?

רבי

— ?ועגן וואס פרעגט איר עס

רייטמאן

איך מיין, אז ווען איך דערזע פלוצלינג, ווי שפינען וועבן עפעס א נעץ ארום מיר, — ארום מיין הארץ! — מוז איך, גראדע ווי איר פריער, אויך אויסשרייען: „וואס טוט זיך דא ארום מיר?"

רבי

איך פארשטיי אייך נישט, פריינט

רייטמאַן

יאָ, יאָ — איך פאַרשטיי מיך אַליין אויך נישט! ווי האָב איך אַזוינס געקאָנט דערלאָזן? איך, אַ פאָטער פון אַן איינציקער טאָכטער, אַ יתומה אָן אַ מוטער — ווי האָב איך עס געקאָנט דערלאָזן, אַז מיין טאָכטער זאָל ווערן אַ צילברעט פאַר בייזע צונגען? . . .

רבי

דאָקטאָר רייטמאַן!

רייטמאַן

איך איבערדעשט מיין צוטריט צו דער וואונד גלייך מיטן מעסער? — וואָס געפערלעכער אָבער די וואונד איז, אַלץ שנע־לער מוז מען זיך צו דער אָפּעראַציאָן נעמען! זאָגט מיר אַלזאָ אָפן: (מיט איינדרוק) דיינקט איר, אַז מיין טאָכטער ליבט איך? . . .

רבי

איר שטעלט מ י ר אַזאַ פראַגע? רבונו של עולם!

רייטמאַן

כ־הם! הייסט עס, איר זענט אין צווייפל . . . און דאָך —

רבי

אויב איר מיינט דערמיט צו זאָגן, אַז א י ך בין עלול אפילו אַזאַ ג ע ד א נ ק צו צולאָזן—זאָל גאָט די וואונדן פון מיין צעריסן האַרץ קיינמאָל נישט פאַרהעפטן!

רייטמאַן

המ! . . . איר שוועבט אַרום אין די הימלען און זעט נישט, וואָס עס טוט זיך אַף דער ערד! און דאַרום מוז א י ך עס אייך זאָגן: פון פאַרגעטערונג ביז ליבע — איז נאָר אַ קאַצנ־שפּרונג!...

רבי

פון לעבן ביז טויט איז אַ האָר! — און וויפל יאָרן ליידט מען זיך אָן, ביז מע דערגרייכט עס? . . .

רייטמאַן

וועז א פרוי איז פארליבט אין א גאָט, וועפּט אוים די ליבע צום אייגענעם מאַן! אין דעם באַזאָרגן טאָג־טעגלעך נייע בלור־מען פאַר אייך; אין דער אָפּגעקילטער באַציאונג צו מיראַנען, האָב איך עס אָנגעהויבן צו באַמערקן... און ענדליך — (ער גיט אים דעם בריוו, וואָס ער האָט ביז איצט נערוועז געקנייטשט אין דער האַנט) אָט האָט איר א פּאַסקוויל!... זי איז שוין באַ לייטן אָף דער צונג

רבי

(גיט זיך א כאַפּ)

א פּאַשקיוועל!... א־הא — דאָס האָט מען מסתם געוואָלט מיין איינציקן שוץ אָוועקרויבן, פונם עיר־מקלט מיך ארויס־טרייבן, כדי ס'זאָל מיך קאָנען טרעפן די האַנט פונם גואל־הדם! אָ, דו „קנא ונוקם", צו גיפטיק זענען דיינע פיילן וואָס דו שליידערסט אין מיין הארץ אריין. אָבער זייט רואיק, פריינט רייטמאַן: צו איידעל איז אייער קינד, אַז איך זאָל צוליב מיין געזיכערטן שוץ, לאָזן אָף איר נאָמען ארויפוויען באָטש דעם גרינגסטן שטויב. (אַנטשלאָסן) איך טאָר נישט, איך טאָר דאָ נישט זיין!

איזאָלינא

(איז באַ דער לעצטער סצענע געשטאַנען אין דער טיר אומבאַמערקט. שרייט אויס)

איך קאָן נישט מער, פּאַפּאַ! —

רייטמאַן

וואָס איז געשען?

איזאָלינא

(אריינטרעטנדיק)

דו ווילסט דעם ליכטיקסטן טרוים פון מיין לעבן אויסלעשן, פּאַפּאַ!

רייטמאַן

איך וויל דיין ריינעם נאָמען באַשיצן, טאָכטער

(מ א י ר ל באַווייזט זיך אין דער טיר)

איזאָלינא

לאָז דעם ראַבינער נישט אַוועקגיין! אָפּפּער מיט מיין נאָמען! אָפּפּער מיט אַלעם וואָס דו קאָנסט!

רייטמאַן

ניין, אונזין! — איך בין דיין פאָטער און מוז רעטן דיין נאָמען

איזאָלינא

אַ נאָמען איז נישט די נשמה פונם מענטשן, פּאַפּאַ! מיך קימערט נישט וואָס די לייטע וועלן דאָרט זאָגן

רייטמאַן

איזאַ! — דער בלאַסער טרוימער האָט דיר דיין גייסט באַטריבט! איך בין אָבער אַ פאָטער. מיין גייסט איז קלאָר. און איך מוז שיצן מיין טאָכטער פאַר דער שטעכצונג פון גיפטיקע מיילער.

(מ א י ר ל קומט אריין אומבאַמערקט. באַמיט זיך איינצוהאַלטן זיין אויפרעגונג)

רבי

אַלע האָבן זיי אָפענע מוחות, אַלע זענען זיי באַם קלאָרן פאַרשטאַנד — האָרענשטיין, איר, אַלע, אַלע! — נאָר איך איינער בין דער פאַררוקטער וואָס האָט זיין פאַרשטאַנד פאַרלוירן; אַלע זענען זיי גוט און פרום; נאָר איך איינער בין דער שלעכטער, דער איינגעשפּאַרטער, דער אכזר צוליב וועמען עס ליידן אַזויפיל מענטשן —

מאירל

(פּלאַצט אַרויס)

אפשר נישט אַזוי?...

רבי

(איבערראַשט)

דו? — מאירל? — גאָט! וויפל הערצער מוז איך דען נאָך האָבן, אַז אַלע דיינע דונערן זאָלן עס קאָנען צעשפּאַלטן!

(פּאַוזע. איזאַלינא לאָזט זיך אַראָפּ אָפן בייַנקל פאַר דער פּיאַנע. ר' ד ו ד ל און ד י ר ב י צ ן עפענען די טיר. די רביצן איז פאַרענדערט און זייער אויסגעבלייכט)

רבי

(צו איזאַלינאַ)

וואַכט אויף, קינד ! — דער בלאַסער טרוימער מוז ווי א טרוים פאַרשוואונדן ווערן !

איזאַלינאַ

(גיט זיך א גלייך־אויס)

ווער וויל די זון איבער מיין קאָפ אויסלעשן ? — הער ראַבינער, אפן ברייטן וועג קריכן אויך שלאַנגען ארום ! איך פיל יעצט, ווי א שלאַנג וואָלט האָבן ארום מיין האַלדז זיך ארומגעוויקלט...

רייטמאַן

(כאַפּט דעם בריוו פון טיש און וואַרפט אים פאר איר)

איז דער בריוו אַלזא איינע וואַרהייט ? ! (טרעט צו צו איר) איזאַלינאַ !...

רביצן

(לויפט צו צו איזאַלינאַן)

גיב מיר אָפּ מיין מאַן ! הערסט, חצופה ? מיין מאַן, מיין מאַן גיב מיר אָפּ ! דו !... דו האָסט אים פאַרכישופט, צוליב דיר איז ער פון מיר אוועק. א וועלט מיט אידן געקוילעט... חצופה, חצופה ! ר׳ דודל, וואָס שווייגט איר ? (כאַפּט זיך פארן קאָפּ) געוואַלד ! איך וועל פון זינען אראָפּ !

ר׳ דודל

באַהערשט אייך, רביצן... אוי, רבונו של עולם !

איזאַלינאַ

(דערשטוינט)

וואָס וויל די פרוי, פּאַפּאַ ?

רייטמאַן

די פרוי וויל נישט : זי פאַרלאַנגט, זי פאָדערט, זי מאָנט וואָס איר געהערט געזעצלעך — דאָס איז די פרוי רביצן !

(ר׳ דודל קרעכצט אָפּ)

איזאָלינא

באַרואיקן זיי זיך, רביצן. זיי פאַרשטייען מיך נישט. איך...

רביצן

(מיט איינגעהאַלטענע טרערן)

גרינג צו זאָגן: „באַרואיקט אייך”... דו האָסט בא מיר מיין מאַן צוגענומען, דו האָסט מיך צעבראָכן, פאַרשעמט... פאַר א קראַנקען שאַרבן מיך געמאַכט; פאַר א ווייב, וואָס מוז קומען זיך בעטן בא איר מאַן: „נעם מיך צוריק” — ווילסטו, אַז איך זאָל רואיק זיין? (קעמפט מיט זיך) נאָר איך וועל זיך באַמיען רואיק צו זיין. (קנייפּט מיט דער האַנט פאַר דער ברוסט) מיין האַרץ דערשטיקן... (כאַפּט זי אַרום) איך בעט דיך: האָב מיטלייד, האָב רחמנות אף מיר!.... (כאַפּט קושן אירע הענט, צעוויינט זיך)

איזאָלינא

(רייסט אַוועק אירע הענט פון דער רביצנס ליפּן)

נישט, נישט... אַך, אָרעמע פרוי! (קאָרטשעט זיך פאַר ווייטיק) גאָט! איך קאָן עס נית פאַרליידן. איכע... איך... (פּלאַצט אַרויס) איך האָס דעם ראַבינער!... (זוכנדיק דעם פאָטער מיט די בליקן) יאָ, יאָ... (קוקנדיק צום רבין) דער הער ראַבינער וויל זיין אַלטע, הייליקע משפּחה נישט אָנערקענען! — דאָס איז אונערהערט, הער ראַבינער! אונערהערט!...

רבי

(ווי צעמישט. הויך אויפהייבנדיק ציטעריקע פויסטן)

האַלט עס שוין באַם לעצטן שטורעם? (שרייט אויס) גאָט! וואו ביסטו?... (פאַרקלעמטע) דער לעצטער גוססט... (שליסט די הענט, שאָקלט דעם קאָפּ) אַפן וועג פונם לעבן איז פינצטער. שטאָק פינצטער. שטרויכלט מען אַלעמאָל איבער אַנ'אַנדער אָפּגאָט. גאַנצע מחנות פּויזען זיי דאָרט אין דער פינצטערניש אַרום. קומט מען אָבער נאָר אַרויס אַפן אמתן וועג — שטאַרבן זיי איינציקווייז אויס. איינציקווייז שטאַרבן זיי אויס... אַפן

ווען פון אמת וואַלגערן זיך שאַרבנס פון צעבראָכענע געטער! —
דער וועג פון אמת פירט ה ע כ ע ר פון גאָט!!!

(מאירל גייט־צו צו איזאַלינאָן, נעמט זי בײַ דער האַנט, וויל זי באַרויִקן. זי פאַלט־צו צו זײַן ברוסט, ציטערט מיט די אַקסלען. פּאַוזע. עס עפֿנט זיך די טיר פון דער ביבליאָטעק און דער ג ב א י און א י צ ק ל לאָזן זיך גיין גלײַך צום רבין)

ר׳ דודל

(דערשראָקן)

וואָס? איז דער אַלטער רוצח שוין ווידער דאָ? (פאַרשטעלט דעם וועג) דו אַלטער הונט, אַרויס פונדאַנעט!

גבאי

(גיט אַ טאַרקע איציקלען)

ווי געפעלט ער דיר, איציקל? אים האָט דער מלאך־המות אָנגעזייפט און נעמט אים שוין באַלד צום גאַלן, רופט ער מיך: „אַלטער הונט״! — ניין, איך בין נאָך אַ גאַנץ יונגער הונט און קאָן נאָך גוט בייסן, ר׳ דודל.

איציקל

כ׳וואָלט מיינען, אַז בעל־הבית איז דאָ אַן אַנדערער, נישט איר, ר׳ דודל!

רייטמאַן

נו, בעל־הבית בין איך דאָ, גוט, אָבער ווי קומט איר אַהין?

(ווייזט)

איציקל

גאַנץ פּשוט: געעפנט די טיר און אַריינגעגאַנגען

רייטמאַן

ווי הייסט? —

גבאי

געהערט, אַז דאָ איז עפּעס אַ שמועס — האָבן מיר זיך אַריינגעכאַפּט דערווייל אַהין

רייטמאַן

המ... פיין! זענט איר שוין לאַנג דאָרט?

איציקל

היפּשלעך

גבאי

(ווייזט צו דער טאַץ)

שוין אפילו געמאַכט אַ קניאַק־יענקוב אויך.

רייטמאַן

וואָס־זשע ווינשט איר?

גבאי

מיר זענען ניִשט געקומען צו ווינטשעווען

רייטמאַן

פאַרלאַנגט איר עפּעס?

גבאי

מיר פאַרלאַנגען גאָרנישט

רייטמאַן

זענט איר, הייסט עס, גלאַט געקומען זיך הינטערצוהערן?

גבאי

המ... יאָ, און נאָך עפּעס — געקומען אָנזאָגן אַ בשורה.

רייטמאַן

וואָסער אַ בשורה? וועמען?

גבאי

דעם אורח אייערן. אים מבשר־זיין, אַז אַ ליבלעכער ברודער איז געקומען צו פאָרן. דער סאַדיגערער

רבי

איך בענק נאָך אים ניִשט!

איציקל

און ער, ווייזט אויס, האָט זיך אָבער נאָך אייך יאָ פאַרבענקט

גבאי

איין הארץ אקעגן אנדערן איז ווי א טשאלנטבערעטל אקעגן אויוון: איינס ברענט, און ס'אנדערע — ווערט פארברענט. יא, און דערפאר טאקע האט ער זיך אליין מטריח געווען, כדי ער זאל אים מיטנעמען מיט זיך

רבי

(שפרינגט אויף)

ווידער מיך מיטנעמען מיט זיך? אהא! פאר אים בין איך נאך אלץ עפעס א מין חפץ, וואס מע נעמט עם ווען מ'וויל און מע טראגט עם וואוהין מ'וויל. און וואו איז עפעס מיין אייגענער ווילן? צי ווייסט נאך אלץ מיין געטרייער ברודער נישט, אז גרינגער איז בערג אין דער לופטן צו שליידערן, איידער דעם ווילן פון א מענטשלעך הארץ צו בייגן? ניין! נאך איז נישט באשאפן געוואָרן די צוואנג וואס זאל מיר ארויסרייסן דעם ווילן פון מיין ברוסט!

איציקל

דו פארשטייסט פארוואס אים איז שווער זיך פונדאנעט אפצורייסן, שמואל?

גבאי

וואס זאל איך דא נישט פארשטיין? א שטיקל מהרש"א אזא? (ווייזט אף איזאלינאן, הינטערומער) אז מ'האט אין שכנות אזא שפילפייגעלע, גליסט זיך אוודאי נישט צו גיין אין חדר אריין

(מאירל קאכט זיך, באהערשט זיך אבער)

רייטמאן

(שפרינגט אויף)

פוי! איר זענט א גראביאן! און איך בעט אייך, פארלאזט מיין הויז!

גבאי

(קאלטבלוטיק)

ערשטנס בין איך נישט גראב. א סימן האט איר — אט נעם איך און שפיליעווע מיר צונויף די קאפאטע... (טוט אזוי)

און אויב איך בין יאָ גראָב, — קאָן איך דאָך די טיר נישט אדורך... און והשנית, ס'האָט מיך קיינער נישט געבעטן איך זאָל קומען — קאָן מיך קיינער נישט בעטן איך זאָל גיין! (צע־שמייכלט זיך) איר האָט דאָך ערשט געהערט: „דעם ווילן פון א מענטשנס הארץ איז שווער צו בייגן"!... (נעמט זיך אָן פאר דער באָרד) נאָר הערט, דאָקטאָר רייטמאַן! א י ר זענט דאָך אַן איידלמאַן, (שרימפט זיך צונויף) יאָ? — עפּעס א ראש־הקהלה אין טשערנאָוויץ! ענפערט־זשע מיר ווי אַן איידל־מאַן — דעם ריינעם אמת!...

רייטמאַן

(באַהערשט זיך)

נו, גוט! אַלזאָ?

גבאי

(מיט א גמרא ניגון)

אז מיר זענען געווען דאָרט אין חדרל, ווייסט איר דאָך, האָ?

רייטמאַן

(מיט איינגעהאַלטענעם צאָרן)

וואָס ווילט איר דערמיט זאָגן?

גבאי

(אין זעלבן טאָן, דרייענדיק מיטן גראָבן פינגער)

און אַז מיר האָבן זיך פשוט הינטערגעהערט, פארשטייט איר דאָך אויך!

רייטמאַן

המ... נו?

גבאי

וואָס־זשע קאָנט איר מיר ענטפערן אף אייערע אייגענע ווערטער, וואָס איר האָט אים אַליין געזאָגט?

רייטמאַן

וועלכע ווערטער?

גבאי

קוקט־זשע מיר גלייך אין די אויגן! — האָט איר אים נישט אַליין אויסגעוואָרפן, אַז ער (ציט די ווערטער) ליגט איי־ער טעבעטערל? (וואוילעריש, ריידעוודיק) האַ, וואָס ענטפערט איר מיר דערויף?

(די רביצן צעוויינט זיך)

רייטמאַן

(פּלאַצט אַרויס)

איר זענט אַ שאַרלאַטאַן! אַ פּאַסקוויל־שרייבער!!

מאירל

(גיט זיך אַ וואָרף צום גבאי)

אַ מת ט'פון דיר ווערן!

(רייטמאַן כאַפּט אַרום מאירלען, האַלט אים צוריק)

גבאי

(איבער רייטמאַנס פּלייצעס)

איר הערט, מאירל? איך וואָלט אייך געשאָלטן אין טאַטן אַריין, וואָלט איך נאָר געווען זיכער, אַז איר זענט נישט קיין ממזר!...

רבי

(כאַפּט זיך פאַר דער ברוסט)

האַרץ מיינס! גיב מיר טויזנט דונערן אין מיין ברוסט! שיק מיר פייערדיקע בליצן אַף מיין צונג! אָדער — ברעך צו־זאַמען, צעריים זיך און ווער אַף שטיקער צעפּלאַצט! (צו די אַנוועזנדע) הערט, ווי עס שרייט אַ לעמפערט פון טויזנט פיילן געטראָפן, און קאָן זיין טויט נישט געפינען!... ביטערע רשעים האָבן אַ נייעם שקר־בילבול אַף מיר אויסגעקלערט. (מיט אַ טיפן זיפץ) שוואַרצע וואָלקנס האָבן פון אַרבע פינות עולם זיך אַ ריס געטאָן, מיין הימל צו פאַרפינצטערן; עס ציטערט די ערד שוין אונטער מיינע פיס — אָבער מיין בליק פונם הימל קאָן זי נ י ש ט אָפּרייסן!

(פּאַוזע)

(ר' א ב ר ה ם - י ע ק ב און ש ב ח קומען אָן. (בלייבן שטיין בײַ דער טיר. ר' אברהם־יעקב

שטרעקש אויס די האַנט, זוכנדיק די מזוזה
קנייטשט מיט די פּלייצעס)

רבי

(דערזעט זיי)

אַט איז געקומען מיין ליבהאַרצעדיקער ברודער — דער רבי ר׳ אברהם־יענקעניו! — זאָג נאַר, אַ בעטעך, וואָסער אַ שוואַרצן וואָלקן ביסט דו געקומען אַף מיר אָנצושיקן, האַ?

רביצן

שוואַ־גע־ר!... (צעכליפּעט זיך)

(גבאי און איציקל גייען־צו צו שבחן, סודן זיך)

ר׳ אברהם־יעקב

(באַ דער טיר)

איך בין ניט געקומען מיט דיר זיך צו פאַרהערן, זיך אויסצו־טענהן! איך בין געקומען — —

רבי

(פאַלט אים אַריין אין די רייד)

כ׳ווייס, ביסט געקומען מיך מיטצונעמען מיט זיך... אײַנ־דרויסן וואַרט אַף מיר — דיין שוואַרצע קאַרעטע... (סאַרקאַס־טיש) כ׳בין אָבער נישט אַליין, ברודער. (ווייזט צו איזאַלינאַן) הם! — אַט איז מיין „מטרוניתא”!... פאַר איר וועט דאָך אוודאי נישט זיין קיין פּלאַץ אין דיין שוואַרצער קאַרעטע, האַ?!

רייטמאַן

הער ראַבינער!

רבי

אַנטשולדיקט... כ׳האָב גאָר פאַרגעסן: איר זענט איר קרוב — מוזט איר זי מיטנעמען אין אייער קאַרעטע!... (ביטער) ביז וואַנען נאָך וועלן מענטשן זיך אַלץ נעמען דאָס רעכט צו הערשעווען איבער יענעם, צו קאָמאַנדעווען מיט אַנדערע — נאָר דערפאַר, ווייל זיי זענען לייבלעכע, פלײשיקע פריינט!?... (העכערט דעם טאָן) גאָר נישטאָ קיין מ ע נ ט ש ן אַף דער וועלט — בלויז ק ר ו ב י ם! האָסטו געהערט? — אַ וועלט פון סאַמע קרובים!

ר׳ אברהם־יעקב

משוגע! — דיבורים פון א משוגענעם! ר׳איז דאָך אינגאַנצן שוין גערירט געוואָרן!

רבי

אַ! ווידער דיין אַלט מיטל... ס׳וועט דיר אָבער אויך איצטערט נישט העלפן, ברודער!

ר׳ אברהם־יעקב

(נעמט זיך פאר דער באָרד)

הער מיך אויס... עטלעכע ווערטער —

רבי

אזוי? — נו, נו!

ר׳ אברהם־יעקב

דו ווייסט גאַנץ גוט, אז מיט קיין וויזיטן, צו גאַסט — וואָלט איך צו דיר, איצטערט און אהער, אוודאי נ י ש ט געקומען...

שבח

זיך נישט אזוי פאַרחלשט.

רבי

(צום ברודער)

נאָר וואָ׳דען?

ר׳ אברהם־יעקב

נאָר וואָס־זשע דען? ס׳איז אַצינד געשען אזוינס וואָס האָט מיך געצוואונגען דערצו, איך זאָל נאָך רעדן מיט דיר — דאָס לעצטע מאָל...

רבי

דהיינו? —

ר׳ אברהם־יעקב

הער!... ס׳איז געווען א גרויסע אסיפה פון רבנים. די גאוני־הדור. „די עלף שטערן" זענען אויך געווען בתוכם. און דער צאַנזער רב — בראש... עס האָט זיך געהאנדלט וועגן דיר... און וועגן דיינע מעשים!..

רבי

(מיט ביטול)

נו־נו? — איז וואָ־אָס? (גיט זיך אַ גלייך־אויס) מיינסטו דאָך אפשר אַז...

ר׳ אברהם־יעקב

(דערהייבט אַ האַנט)

ששאַ! — נישט אַזוי היציק! ווייסט דאָך: כ׳האָב פיינט פלאַמען... נאָר איינפאַך, נאָר איינפאַך. (בייסט די ליפּן) אין ירושלים... באַם כותל־המערבי... האָט מען שוואַרצע ליכט געצונדן — און שופר געבלאָזן! וואָס זיי האָבן איינגעפונען?... שבח, גיב נאָר אַהער! (שבח דערלאַנגט אַ פּאַפּיר). אַט האָסטו עס — אָפּגעדרוקט שוואַרץ אויף ווייס. טויזנטער־ווייז בכל תפוצות ישראל פאַרשפּרייט!...

רבי

(נעמט דאָס פּאַפּיר, גיט אַ בליק, שרייט אויס)

אַ ח ר ם ! ! ...

(אַלע בלייבן ווי פאַרשטיינערט)

רביצן

(פאַרברעכט די הענט)

אָרים, עלנט, פאַרשעמט... פאַרשאָלטן פון גאָט און פון לייט! זע, ווי דו האָסט דיך אַליין געקוילעט! (צעוויינט זיך, מיט טרוקענע אויגן) אַליין דעם חלף זיך אָפּן האַלדז געלעגט...

(פּאַוזע)

ר׳ דודל

(וועלכער איז ביז איצט געזעסן צונויפגעהויקערט,
שטייט אויף אַ בלאַסער און גייט־צו מיט שוואַכע
טריט צום רבין. מיט ציטערדיקע הענט שלעפּט
ער אַרויס פון בוזימקעשענע אַ בלויען פּאַפּיר,
דערלאַנגט דעם רבין. מיט אַ געבראָכענער שטים)

ר—ב—י!... ווען כ׳האָב ליעווי פאַרלאָזן, האָב איך אַלצדינג אויספאַרקויפט... אָט איז אַ שטר־מכירה — אויף אייער נאָמען.

אלץ געהערט אייך! אלץ, אלץ! — נעמט עס פון מיין האנט. מיטן גאנצן הארצן האב איך עס אייך פארשענקט! א י ר טארט נישט זיין ארים. נעמט, רבי, נעמט! — דודל סניד־קעווער דארף אצינדערט גארנישט. גארנישט!... דודל סניד־קעווער קאן איבער די הייזער גיין, אף פרעמדע שוועלן איבער־נעכטיקן. דודל סנידקעווער איז א שאטן וואס בלאנדזעט ערגעץ אין די ווינקעלעך ארום!!! — נעמט־צו די גאב פון דעם עלנטן שאטן...

(ער ווישט־אפ די אנגעלאפענע טרערן מיטן ארבל)

רבי

(כאפט אים ארום. זייער גערירט)

אלטער פריינט מיינער!...

(צעכליפעט זיך פארשטיקט. זיי שטייען א רגע ארומגענומען. דער רבי לאזט אים אפ. באהערשט זיך. שלינגט כמעט די טרערן. גיט אים צוריק דעם שטר־מכירה)

ניין! — צו־רייך בין איך אין דער מינוט געווארן, אז איך זאל אייער גאב באדארפן אננעמען... (דערהייבט די אויגן) גאט האט זיך ווידער פאר מיר אנטפלעקט!... דער חרם האט א נייעם פירהאנג פאר מיר אויפגעדעקט—און נייע וועלטן האב איך דארט דערזען! אין יענע וועלטן בלאנדזען שאטנס אין די ווינקעלעך ארום, ר' דודל... ארים, עלנט און פארשטויסן גלייך מיט זיי אלע מוז איך אויך זיין!!..

ר' דודל

פארלא־אזט אונדז נישט! — —

רבי

גאנצע וועלטן הער איך קרעכצן! ארימע, עלנטע, פארשטוי־סענע, וואס קאנען קיין טרייסט ניט געפינען... (וויזיאנעריש) זייט געטרייסט, איר אומגליקלעכע! — אלע אייערע וואונדן וועל איך אויסקושן! — טויזנטער זונען האבן איבערנייס אף מיין הימל זיך באוויזן. אונטער מיין באפרייטן הימל וועל איך אייך אויסזעצן! — זאלן די ליכטיקע, ווארעמע זונען אייך אויסהיילן!... (מאכט א באוועגונג צו דער טיר) צון אייך גיי איך, עלנטע — —

גבאי

(וואָס איז געשטאַנען און האָט געביסן די באָרד,

(גיט אַ הייב דעם קאָפּ)

ער פאַרגעסט, אַז אַף אים האָט מען געוואָרפן אַ חרם! באַווייזט ער זיך נאָר פאַרן המון — און מיט שטיינער וועט מען אים פאַרוואַרפן!

שבח

(קאַלט)

נישטאָ מער קיין וואָר. אידן ממיתן זיך אין די גאַסן!

מאידל

דאָס פאָלק — איז בלינד!...

רבי

(דרייט־אויס דעם קאָפּ, בלייבט שטיין)

אהאַ! דאָס בלינדע פאָלק וועט מיך מיט שטיינער פאַרוואַרפן!? — קושן וועל איך זיינע שטיינער! דאָס פאָלק איז בלינד — זעט עס נישט דעם וועג פון אמת... איך אָבער קוקט דאָך מיט אָפענע אויגן — וויאַזוי נאָר אָפּצולענקען פון אמתן וועג!... (האַרט בײַ דער טיר) לאָזט מיך! לאָזט מיך! צום בלינדן פאָלק וויל איך גיין! — א ו נ ט ע ר ד י ט ר י ט פ ו נ ם פ אָ ל ק ל י ג ט ד ע ר ו ו ע ג צ ו ג אָ ט! מעג דאָס בלינדע פאָלק מיט זיינע שטיינער מיך פאַרוואַרפן, מיט זיינע פיס מיך צעטרעטן — מיין בלוט וועט דאָך אָפּן וועג פון אמת אויסרײַנען!!... (וויל עפענען די טיר)

מאידל

(מיט אַ ציטער אין קול)

גייט ניט אַף דער הייסער מינוט!

(רבי הערט ניט)

ר׳ אברהם־יעקב

(האַלט אים אָפּ)

וואַרט אַ רגע!... קום נאָר אהער, שיינדעלע! (ווען די רביצן לאָזט זיך גיין. צום רבין) בײַ מיר אין הויף איז אַצינד אַ שפּאָגלנײַ צימער אויסגעמויערט — פון דיינעטוועגן, ברודער!...

גבאי

(כאַפּט אונטער)

אַן אויסגעווייסט קעלערשטיבל, מיט אייזערנע קראַטעס...

ר' אברהם־יעקב

(צו דער רביצן)

האַ? צעפּרידן, שיינדעלע? — פאַר דיר איז אויך פאַראַן אַ חדר

גבאי

(דערענדיקט)

אַ בוידעם־שטיבל מיט גרויסע שטשורעס — ווי די קעץ...

רביצן

(צעלאַכט זיך משונה)

כע־כי־כע!...

(מאַכט משוגע־פריילעכע העוויות. פאַרלעגט די הענט אַף די לענדן און הייבט־אָן אונטערטענצלען)

רבי

(שרייט אויס צום ברודער)

דו אוממענטש!... ווידער ווילסטו מיך אין שביה נעמען?! געפאַנגען זאָל איך ליגן און תמיד ד י ד זען פאַר מיינע אויגן!? — דו!!...

גבאי

(אין אַ זייט)

אים וועט ער שוין דווקא פאַרשפּאַרן צו זען. ר'וועט ליגן געבונדן אין קעלער — און וועט זיך שפּילן מיטן שאָטן אַף דער וואַנט...

רבי

(גיט שאַרף אַ דריי־אויס דעם קאָפּ צום ברודער. שטעכט אים דורך מיט די בליקן. רעדט קאַלט, געצויגן, אָבער וואַגיק)

און יעדן שבת־צו־נאַכט... חצות... וועט מען מיך ווידער־אַמאָל

אַרויספירן אין טיפן וואַלד אַריין . . . און דאָרט — וועסט
דו, מיט ברענענדיקע הבדלות אין ביידע הענט, זיך אַוועק־
שטעלן אַקעגן מיר — — און לאַנג מיר קוקן — — אויג
אין אויג אַריין... לאַנג און — שטום — — — —

איזאָלינאַ

מיראַן, מיראַן! די פרוי רביצן איז גליקלעך!... איך קאָן
אַזוי גליקלעך נישט זיין!... (גיט זיך שאַרף אַ קער צו ר׳
אַברהם־יעקבין. סאַרקאַסטיש) האָבן זיי פּיליכט פאַר מיר אויך
אַ צימער ? !

רייטמאַן

(אין פאַרצווייפלונג)

אַך, קינד מיינס ! — קינד, קינד ! . . (לויפט און כאַפּט זי
אַרום צו באַרואיקן)

גבאי

(איינצייטיק מיט רייטמאַנען. צו שבחן)

איי וואָלטן מיר עס דענצמאָלט האָבן אַן איינענעם דולהויז,
ברודער ! — אַף טשיקאַוועס, זאָג איך דיר ! . . .

רייטמאַן

דו ביסט אַזוי אויפגערעגט איזאַ ! (גלעט איר קאָפּ)

איזאָלינאַ

ניין, פּאַפּאַ . . . עס איז בלויז אַ טרוים . . . אַ הימלישער
טרוים, פּאַפּאַ ! . . (מיט אַ טיפן קרעכץ) הימלישע טרוימען
מאַכן אַזוי גליקלעך־אומגליקלעך . . .

רבי

(וואָס איז אַ ווײַלע געשטאַנען און מיט טרויעריקע
אויגן געשטאַרט אין דער לופט, דערוואַכט)

לאָזט מיר פריי דעם וועג ! ! ! — נישטאָ מער די קראַפט וואָס
זאָל מיך אַצינד אָפּהאַלטן ! ! . . . (שפּאַנט האַסטיק אַריבער
די שוועל)

(ר׳ אַברהם־יעקב גיט אַ הייב מיט די אַקסלען.

גלאַצט מיט די אויגן. בלייבט באַנומען. — פון גאַס דערהערט זיך צעהיצטער המון)

ר׳ דודל

(צעכליפּעט זיך)

דער גרויער ר׳ דודל — איז אַ י־תום געבליבן! — —

רביצן

(קניט ווי פאַר אַ בר־מינן וואָס ליגט, כלומרשט, אָפּגעהויבן אָף דער ערד. באַוויינט)

משוגע מיין בערעלע, משו־גע . . . ווי אי׳מיר ! . . . (וועקט דעם געמיינטן מת) שטיי אויף, בערעלע ! . . . שטיי אויף!... איך בין עס ! . . . (צעלאַכט זיך) אַ נשמהלע — כע־כע, כי, כי ! . . . פּלי־פּלי־פּלי ! . . .

איזאַלינאַ, וואָס שטייט לעבן דער אָפענער פיאַנאָ, גיט האַסטיק אַ קלאַפּ־צו דאָס דעקל איבער די קלאַווישן; מיט דער אַנדערער האַנט שאַרט זי בייז־מוטיק די נאָטן — אָף דירערד אַראָפּ. פאַרזינקט איר קאָפּ. פון גאַס ברעכט אַריין אַ ווילדער טומל. מאירל לויפט דערשראָקן צום פענצטער. קוקט אַרויס. פאַרברעכט די הענט. פאַלט־צו צו דער וואַנט. די אַקסלען ציטערן. מע לויפט צו די פענצ־טער.

ר׳ אברהם־יעקב, בײַ דער טיר, גיט אַ וואַקל און הייבט־אָן זינקען ; די גבאים כאַפּן אים אונטער

(פ אַ ר ה אַ נ ג פ אַ ל ט ל אַ נ ג ז אַ ם)